STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09326

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פארלאג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

א זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האנט ביי האנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן א קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פארלאג „יידיש" וועט דער ארגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פארלאג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאסיקער פאר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווייל בעצם האָט פּרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון א שריפה וואָס האָט עס געוומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פּרץ איז אריין אין פייער אריין פון השכלה און אסימילאציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון איירָאפּע, מוזן זיין פון י. ל. פּ ר ץ !

י. ל. פרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאקסימילן, נעקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

צווייטער באַנד

די צייט

פארלאג ,,יידיש"
בוענאס איירעס
1 9 4 4

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. P E R E T Z
Obras Completas
TOMO II
E L T I E M P O

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"
Bmé. MITRE 2146 BUENOS AIRES
1 9 4 4

אינהאַלט:

זייט

1. די צייט — 9
2. דאָס יאָר — 10
3. ש ב ת:
שלום־בית (אידיליע) — 13
די לעזערן (בילד) — 18
א פאַרשטערטער שבת (הומאָרעסקע) — 19
דאָס זיבעטע בענטש־ליכטל (בילד) — 28
איבער א שמעק־טאבאק (הומאָרעסקע) — 32
4. תעניתים:
דער תענית (בילד) — 42
5. ימים נוראים:
צום נייעם יאָר (דיאַלאָג) — 46
לשנה טובה תכתבו (געדיכט) — 50
דער חלום (בילד) — 51
דער אַלטער ר׳ שמעון (הומאָרעסקע) — 58
נעילה (הומאָרעסקע) — 63
וואָס זאָל איך וועלן? (הומאָרעסקע) — 75
6. חנוכה:
הנרות הללו (בילד) — 83
דאָס חנוכה־ליכטל (געדיכט) — 86
לכבוד חנוכה (שטימונגס־בילד) — 87
נס חנוכה (דערציילונג) — 94
א יונגן שרייבערס חנוכה (הומאָרעסקע) — 101

7. פורים:

פורים (אויפזאַץ) — 113
פורים־שפּילערס (הומאָרעסקע) — 114
נישט גוט (הומאָרעסקע) — 123
אַלטוואַרג (אַ מעשה פון אַ פּורים־רב) — 134
דער שפּילער (אַ מעשהלע) — 150

8. פּסח:

עס גייט צו פּסח (אויפזאַץ) — 157
מעשות (הומאָר) — 158

9. ל״ג בעומר — 174

10. שבועות:

צום עולם־התוהו (הומאָרעסקע) — 178
די פּאַרשטויסענע (בילד) — 185

אויף דער גרענעץ — 189
אויף אַ זומער־וווינונג — 191
ציריק־ציריק! — 201
דער סימן — 205
דער בעל־עגלה — 208
האַלט ס׳מויל! — 231
דאָס אָרעמע יינגל — 232
ביים פּאַקיער — 244
משיחס צייטן — 250
דער אויסלענדישער פויגל (פּאַבל פּאַר גרויסע) — 258
פיר דורות — פיר צוואות — 263
דריי מאָל געפּרוּפן — 269
אַ רייזע אין דער צייט — 282

פּרץ אין די 80קער יאָרן



פּרץ אַלס פּייערלעשער אין זאַמאָשטש
(לערך אין 1880)

די צייט

די אייביקע צייט, זי גייט זיך איר וועג,
זי ווייסט קיין חדשים, קיין וואָכן, קיין טעג,
זי גייט זיך אָן אויפהער איר אייגענעם וועג,
און ווייסט נישט וואָס „נאָענט" איז און „ווייט"!

עס העלפן קיין טרערן, קיין בעטן, קיין צאָרן
עס ציען קיין לייצן, עס העלפט נישט קיין שפּאָרן,
זי זעט נישט קיין גריבער, קיין שטיין און קיין דאָרן
און גייט זיך איר אייביקן וועג!

עס דונערט וועזובי, עס פּלאַטערט א שטויב,
עס פּישציעט א ווערעמל, ניאגארא מאַכט טויב
זי הערט עס ווי אונדזער קריטיק אָדער לויב
און גייט זיך איר אייביקן וועג!

ווען טויזנטער נחתן, טויזנטער נויטן,
זאָל בליצן דער מאָרגן מיט גאָלדענע צויטן,
זי גריסט נישט דאָס לעבן, באַוויינט נישט דעם טויטן
און גייט זיך איר אייביקן וועג!

דאָס יאָר

שיין איז דער פרילינג!
שיין מיט די געצווייגענע
אויף שטיקער, צויטן, פעדעם און שפינוועבס
צעריסענע, צעקראָכענע, וואָלקן און נעפל.
שיין מיט די שטילע, חנעוודיק שטראַלנדיקע,
בלוי פאַרשמייכלטע שטיקער הימל.
און מיט דער זון, וואָס שווימט — א פאַרוויינטע כלה —
פון ווייטן שלייער־נעפל אַרויס
און טיקט צוריק אונטער, פאַרשעמט.
און שיין איז דער ערשטער ציטער פון וואלד —
פון א גוטן חלום, דורך א גוטע בשורה
געוועקט.
ער ציטערט,
וויל ווארפן אראָפּ פון זיך די שנייענע תכריכים
און אויסברייטן ניי־אויפגעבליטע צווייגן
פאַר די געפליגלטע זינגער, וואָס קומען פון דער פרעמד.
שיין איז דאָס האָפן;
שיין איז די בשורה, וואָס טראָגט זיך אויף די לייכטע
ווינד־פליגל, איבער טאָג און בארג,
איבער טייך און פעלד —

בארג אָפּ, בארג אָפּ
יאָגן, רוישנדיק, קלינגענדיק,
געשלענגלטע, טיף־בלויע וואסער־לענטן
צווישן ווייסע שנייענע פעלדער —
שפּיציק־גרינע, לעבנס־דורכשטיקע קעפּלעך

קוקן שוין דאָ און דאָרט פון שניי ארוים
און פרעגן: ווען?

און עס וואקסט דאָס הארץ ביי דעם, וואָס האָט עס!

שיין איז דער זומער.
דער פרייגעביקער, רייכער זומער,
מיט דער פייער־פלאמענדיקער קרוין איבערן קאָפּ,
אין געוואנט פון גאָלד און בראָקאט
אויף די העל־געשטיקטע דיוואנען...

פון צעפלאָסן־גאָלדיקן ים
פלאמט ארוים דער מאָן,
קוקן פארחלומטע האבער־אייגעלעך שטיל —
און די שאַרע שרעקיגע, לוסטיקע פייגל
איבערן ים —

פארטראכט אין זיך פליסן שטיל די טייכן,
געלאסן און זיכער גייט זייער וועג
צום ים, צום ים!
מיטן בלאַנקן בלויען הימל
אין דער פארשפיגלטער שוים.

ברוין געזוימטע וואָלקן אנטלויפן פאַר דער זון,
געריימלטע, לייכטע, זילבער־נעפּל יאָגן זיך נאָך
שפּילנדיק — —
די אייביקע צייט, זי גייט זיך איר וועג,
דאָס פייפל הערט זיך אין וואלד,
דאָס שניט־ליד פון פעלד —
דעם פּליסאקס געזאנג פון טייך —

אונטער דער לאסט פון גאָלדענע עפּל

בייגט זיך דער בוים — —
ערגעץ ווו צעוויגט זיך א גלאָק — —
פון ערגעץ ווו קומט ציטערדיק זיין קלאנג — —
זאָל בעטן, ווער עס האָט וואָס און ביי וועמען...

שיין איז אויך דער הארבסט, —
ווי אן אונטערגייענדיקע זון
אין געדיכטע פארבן צעפלאקערט —

אין פלאמען געזעגנט זיך דער וויין
גאָלדיק זוימען זיך די בלעטער.
גינגאָלדן — די שטאמען — —

דער טאנץ פארן טויט,
דער געזאנג פון לעצטן אָטעם — —
א בעכער שוימענדיקן וויין
אין א פארציטערטער האנט
אויפגעפלאַמטע אויגן —
צום לעצטן מאָל... צום לעצטן מאָל...

זאָל טרויערן, ווער עס קאָן...

— — — — — — — — — — — — —

אָמליבסטן דאָך האָב איך דעם ווינטער —
דאָס גלאטע, דאָס קלאָרע, דאָס אויפגעקלערטע, —
דאָס רואיקע, דאָס בריליאנטן־בליצנדיק טויטע —
ווייס אָן א גרענעץ,
קלאָר אָן א גרענעץ;
שוין נישט געהאָפט,
שוין נישט געשראָקן,
נישט געדענקט,
נישט פארלאנגט,
נישט געלעבט און נישט געליטן...
קאלטע, בלאנקע, שטילע רו...

שלום בית

חיים איז א טרעגער.

אז ער גייט דורך די גאַס, איינגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה, זעט מען אים נישט אַרויס; עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטן גייט אַליין אויף צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פון ווייטנס!

דאָך — אָט לעגט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זיינע עטלעכע גראָשן; ער גלייכט זיך אויס, אָטעמט שטאַרק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאַלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון פּנים, גייט גלייך צום ברונעם, טוט אַ פּאָר שלינג וואַסער און לויפט אין אַ הויף אַריין.

ער שטעלט זיך נעבן אַ וואַנט, הויבט אויף דעם ריזן־קאָפּ אַזוי, אַז דער שפּיץ באָרד מיט דער נאָז, מיטן דאַשעק פונעם היטל, קומען אויס אויף איין שטח.

ער רופט:

— חנה!

פון אונטערן דאַך עפנט זיך אַ קליין פענצטערל, און אַ קליין ווייבעריש קעפּל אין אַ ווייסן ציפּיק ענטפערט:

— חיים?!

דאָס פּאָר־פאָלק קוקט זיך גאַנץ צופרידן אָן; די שכנים זאָגן: זיי קוועטשקען זיך. חיים וואַרפט אַרויף זיין פאַרדינסט, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. חנה כאַפּט עס אין דער לופט; עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— אַ בריה נפלאה! — מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אַוועקצוגיין.

—גיי, גיי, חיים! — שמייכלט זי, — איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען...

מיט דער האַנט שוים איך אָן מיטן פוס וויג איך...

— וואָס מאַכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאָט! און הענע?

— ביי דער נייטאָרן!

— יאָסל?

— אין חדר.

חיים לאָזט צוריק אראָפּ די באָרד, גייט אַוועק און חנה קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פאַרשוואונדן.

דאָנערשטיק און פרייטיק דויערט עס לענגער.

— וויפל האָסטו דאָ אינעם פּאַפּירל? — פרעגט חנה.

— צוויי און צוואַנציק גראָשן.

— איך האָב מורא, עס איז ווייניק!

— וואָס דאַרפסטו דען, חנה?

— פאַר א זעקסער שמירעכטס פאַרן קינד, פאַר עטלעכע גראָשן ליכט, חלה האָב איך שוין... פלייש אויך, אַנדערטהאַלבן פונט... נו — בראָנפן אויף קידוש!... היינט דאַרף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!

— דרענגלעך וועל איך דיר שוין שאַפן, עס מוז זיין אויפן מאַרק.

— דאַרף איך נאָך...

און זי רעכנט אוים, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אז מען קאָן קידוש מאַכן איבער חלה, און אז אָן א סך זאַכן איז זיך גאַנץ לייכט צו באַגיין.

דער עיקר איז — בענטש־ליכט, אויך די זאַלב פאַרן קינד!

און פונדעסטוועגן, אַז גאָט העלפט, די קינדער זענען געזונט, די מעשענע לייכטער — נישט פאַרזעצט, בפרט, אויב עס איז דאָ נאָך א קוגל — האָט דאָס פאָר פאָלק גאָר א פריילעכן שבת!

וואָרום חנה איז א בריה נפלאה צום קוגל!

שטענדיק פעלט איר עפּעס; דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום

סוף קומט ארויס א פּעטער, א זיסער, א מחיהדיקער קוגל, ער צעגייט פּשוט אין אלע אברים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט חנה, און שמייכלט פאר נחת.

— יאָ, א מלאך, אוודאי א מלאך! — לאַכט חיים, — דו מיינסט, אז דו ביסט א קליינער מלאך, אז דו האלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער. זויפל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער אמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס א קללה פון דיר, ווי אנדערע ביי די ווייבער? און באשר, דו האָסט א סך נחת פון מיר? דו און די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קאָן אפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביסט פאָרט א גוטער טאטע, און א גוטער מאַן, — האלט זיך חנה ביי איריקן, — אזא יאָר אויף מיר, און אויף כל־ישראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר פאָלק קוקט זיך אין די אויגן אריין אזוי גוט, אזוי ווארעם, און אזוי מיטן גאַנצן הארץ, אז עס דאַכט זיך, זיי זענען ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּער...

עס ווערט נאָך פריילעכער ביים טיש...

נאָר נאָכן שלאָף, גייט חיים אין קליינעם שילעכל אריין הערן תורה.

דאָרט לערנט א מלמד מיטן פּראָסטן עולם „אלשיך". עס איז הייס, די פּנימער זענען נאָך פאַרשלאָפן; איינער כאַפּט נאָך א דרימל, דער צווייטער לאָזט ארויס א הויכן גענעץ; נאָר ראַפּטים, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מען שמועסט פון י ע נ ע ר וועלט, פון גיהנום, ווו מען שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטער; פון ליכטיקן גן־עדן, ווו די צדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תורה... דעמאָלט ווערן אלע אויפגעלעבט; די מיילער — אָפן, די פּנימער — רויט... מען הערט זיך איין אָן אָן אָטעם, וואָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

חיים שטייט געווינטלעך ביים אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פיס; ער איז אינגאנצן אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאמען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפן כף הקלע, קלויבט שפּענער אין ווייסטע זוועלדער... אליץ לעבט ער דורך, און עס באדעקט אים דער קאַלטער שוויים... פאר דאָס

האט ער שפּעטער נחת געהאַט מיט אַלע צדיקים: דאָס ליכטיקע גן־עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר, און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פאַר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פאַרמאַכט דאָס ספר, כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום, טאַקע ווי פון יענער וועלט.

אַך, — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן ביי דער גאַנצער צייט, — רבונו של עולם! כאָטש אַ שטיקל, כאָטש אַ פּיצל, כאָטש אַ בראָקעניו עולם הבא... פאַר מיר, פאַר מיין ווייב, און פאַר אַלע מיינע קינדערלעך!

און דעמאָלט ווערט ער טרויעריק; ער פרעגט זיך: „אימשטיינס געזאָגט, פון וואָס, פאַר וואָס?...״

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

— רבי, — זאָגט ער, און זיין קול ציטערט, — גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זיין צו האָבן עולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה! — הערט ער אַ תשובה.

— איך קאָן נישט!

—לערן משניות... עין־יעקב, כאָטש פּרק...

— איך קאָן נישט!

— זאָג תהלים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איך דאַוון!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות.

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אַלע פאַרנאַכט אין בית המדרש אריין אַ פּאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרייט.

— רבי, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אז דער מאן זיצט אויף א שטול אין גן־עדן, איז דאָס ווייב זיין פיסבענקעלע.

אז חיים איז אהיימגעקומען הבדלה מאכן, איז חנה געזעסן און גע־זאָגט „גאָט פון אברהם". אז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגע־כאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה — פאלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין מיין פיסבענקעלע... איך וועל מיך אראָפּבייגן צו דיר, איך וועל דיך אויפהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאמען זיצן אויף איין שטול, ווי אצינד... עס איז אונדז אזוי גוט צוזאמען... הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול... דער רבונו של עולם וועט מ ו ז ן באשטיין.

די לעזערן

פרייטיק צו־נאַכט.

אינעם שטיבל איז שרעקלעך שטיל, אין ד׳ אמות שלאָפן זיבן נפשות.

דער אַלטער וואַסער־טרעגער האָט נישט געהאַט: נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראָנפן, נישט קיין חלה. ער האָט קידוש גע־מאַכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָשנדיקע בענטש־ליכט געבליבן. ער האָט אפילו קיין פריש העמד נישט באַקומען.

איין עונג שבת איז געבליבן: אויסשלאָפן זיך פאַר אַ גאַנצע וואָך.

דעם זעלבן עונג שבת האָט דאָס ווייב אויך... אַ גאַנצע וואָך לויפט זי אַרום אין די דערפלעך, קויפט אויף אייער, חזיר־האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפן אָן געלט, זי האָט אומזיסט געבעטן קרעדיט, און איז אַהיימגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט אָן סחורה, אַ געהרגעטע, אַ פאַרחלשטע, קוים האָט זי אָפּגעבענטשט ליכט, איז זי אויך אַנידערגעפאַלן און איז איינגעשלאָפן...

נעווייינטלעך שלאָפט דער וואַסער־טרעגער מיט דריי — און זי מיט צוויי קינדער צוזאַמען. הייַנט זענען זיי ביידע צופרי אַנטשלאָפן געוואָרן, די קינדער האָבן זיי נישט געוואָלט זוכן, און זיי ליגן צעלייגט און כראָפּען אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענטש־ליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואָך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צעפלאָסענע האָר זענען רויט. דאָס פנים — געל: געגערט פון קאַרטאָפל נישט צו דער זאַט. אין די אויגן דאָך ברענט; די איינגעפאַ־לענע ברוסט הייבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענט ציטערן...

זי לעזט ביים צאַנקענדיקן ליכט שמרס אַ ראָמאַן. די ליפּן ציטערן פאַר אומגעדולד.

זי איז צעטרודערט. זי שרעקט זיך; טאָמער גייט איר אויס דאָס ליכטל, און זי וועט נישט געוויר ווערן דעם סוף פון פּיפּערנאָטער!

אַ פאַרשטערטער שבת

האַלב שבת! אַ בערגל מיסט ביי דער טיר — צום אַרויסוואַרפן; די לאָקשן ליגן אָפּגעשווענקט אין שיסל, מען דאַרף זיי נאָר באַגיסן מיט אַ לעפל יויך, זיי זאָלן זיך נישט צוזאַמענקלעפּן. אויפן טיש איז גרייט בראָנפן אויף קידוש; אַ קוילעטש מיט אַ חלה — צום באַדעקן מיט אַ זיידן חלה־טישטעכל!

זרח, דאָס יונגע באַלעבאָסל, איז שוין אָפּגעוואַשן. מיט צו צוויי פינגער פון יעדער האַנט דריקט ער אויס דאָס וואַסער פון די פאות. מרים, די יונגע באַלעבאָסטע, שטייט ביי אים און פוצט אים צו די קאַפּאָטע.

— אַ, דו... שלימזל! — שמייכלט זי צו אים — אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך אַ חתונה מאַכט מען אַזוי צורעכט מלבושים! זע, דאָ אויפן לאַץ! זעסט? אַ פלעק פון חלב! — זי קראַצט מיט די נעגל, גייט איבער מיט דער באַרשט.

— גענוג שוין, — בעט זיך זרח, — די הענט וועלן דיר וויי טאָן! דו קאָנסט דאָך שוין קוים דעם אָטעם כאַפּן, לאָז שוין אָפּ!

— אָ־וואַ! גלייכער, זיי זאָלן אַביסל וויי טאָן, איידער מען זאָל זאָגן אין בית־המדרש, אַז דו האָסט אַ ווייב — אַ שמאָדער, וואָס פוצט דיר אַפילו די שבתדיקע קאַפּאָטע נישט אָפּ!

זי געפינט נאָך אַ פלעק, בייגט זיך נאָך אַמאָל איין און פוצט. דאָס בלאַסע פנים רויטלט זיך, די אויגן בליקן, און שווער ווערט איר דער אָטעם, — אירם האָט זי דאָך אויסגעפירט... זרח קושט זי אויפן קאָפּ.

— וואָס געפעלט עם דיר אַזוי? — רייסט זיך מרים אויס מיט אַ גע־לעכטער — די האָר־באַנד?

— שעם דיך כאָטש פאַר דער מאַמען — האָט זי צוגעגעבן שטיל.

די האָר־באַנד, וואָס זי טראָגט אויפן קאָפּ, און די מוטער, וואָס שטייט אַצינד איבערגעדרייט צום ספרים־שענקל און זוכט, מכלומרשט, דאָס דייטש־חומש — זענען איר צוויי שטיינער אויפן האַרץ.

פאַר דער חתונה האָט מרים געהאַט אַ פּאָר דיקע, לאַנגע צעפּ פון בלאָנד־זיידענע האָר. אַלע מיידלעך האָבן זי מיט די צעפּ מקנא געווען. אַז זי פלעגט דורכגיין דעם מאַרק, פלעגן מענטשן טראַכטן: אָט, דער יצר־הרע גייט. זרח — דעמאָלט שוין איר חתן — פלעגט ציטערן פאַר פרייד, אַז ער האָט אַמאָל באַקומען אירם אַ צאָפּ אין דער האַנט אַריין; נאָר אימשטיינס געזאָגט, ווען איז עס אים געראָטן? אַ האַלב יאָר אינגאַנצן זענען זיי געווען חתן־כלה... געזען האָבן זיי זיך קוים עטלעכע מאָל... איינמאָל שבועות ביינאַכט (הושענא־רבא האָט מרים מורא געהאַט פאַרן יום־הדין); איינמאָל האָבן זיי זיך אַרויסגענאַרט שמחת תורה פון הקפות; נאָך אַמאָל האָבן זיי זיך געטראָפן חול־המועד פסח אויפן שפּאַציר אונטער דער שטאָט... און דעמאָלט טאַקע האָט מען זיי „געכאַפּט"! עס איז גע־וואָרן אַ גערודער, אַ געשרייעריי. דער רב האָט געשיקט רופן די עלטערן; געזאָגט זיי, אַז ער גלויבט באמונה שלמה, אַז עס זענען ערלעכע קינדער, פונדעסטוועגן איז זיין עצה, מען זאָל באַלד שטעלן אַ חופּה...

מרימס מוטער, — די „לאַנגע סערל" — האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט צו מאַכן אַלע איינשיטן. זרחס פאָטער, דער שטריקנמאַכער, האָט נאָך נישט געהאַט דעם גאַנצן נדן; אַ חופּה האָט מען דאָך געשטעלט! און פאַר דער חופּה האָט מען אָפּגעשוירן די בלאָנד־זיידענע האָר!

מרים האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן —

זיצנדיק צווישן די בחורים, האָט זרח, — אַזוי פאַרציילט ער, — דערפילט, ווען מען האָט זיך גענומען צו די צעפּ. עס האָט אים אַ שניט געטון אין האַרץ! ביי דער גילדענער יויך, האָבן זיי ביידע אויסגעזען, ווי „עס וואָלט זיי אונטערגעגאַנגען אַ שיף מיט זויער־מילך".

אַך, די האָר־באַנד, די האָר־באַנד!

די האָר וואָלטן צוריק געוואַקסן, מען זאָל זיי נישט דאַרפן אַלע מאָל אונטערשערן! זרח זאָגט אפילו, אַז עס זענען פאַראַן אַזוינע שטעט, וווּ יידישע טעכטער טראָגן שייטלען, טייל אפילו — אייגענע האָר; ווייסט מען דאָך, אַז ער איז אַ שטיק אפיקורס, דער זרח. ווען גאָט זאָל אים העלפן, — זאָגט ער, — ער זאָל געווינען אויף דער לאָטעריע (פון סוחרע־ריי נתעשר צו ווערן, איז שלא כדרך הטבע), וואָלט ער איבערגעלאָזט דער שוויגער אַ פּאָר טויזנטער, און ער מיט מרים־לעבן וואָלטן אַוועק אין איינע פון די גרויסע שטעט!...

מרים אָבער וויל נישט הערן און גערענקען! זי בעט זיך רחמים ביי זרחן, ער זאָל נישט רעדן דערפון; זי קושט אים און האלדזט אים, ער זאָל בעסער שווייגן.

ערשטנס — ווי לאָזט מען עס איבער אליין אַ מאמען; טאקע מיט געלט, נאָר טאָמער ווערט זי, חס ושלום, קראנק... אַ מענטש אין די יאָרן.. ווער וועט איר דערלאַנגען אַ לעפל וואַרעם וואַסער? צווייטנס — האָט מרים־לעב אַליין מורא פאַר דער עבירה! עס זענען טאקע דאָ אַזוינע שטעט; אַז זרח זאָגט, איז אוודאי אמת, זי גלייבט, — נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה! סדום ועמורה פון דייטש־חומש זענען אויך שטעט געווען, מיט נאָך ערגערע מינהגים: אייזערנע בעטלעך פאַר אורחים... יתומים האָט מען אויסגעשמירט מיט האָניק... נו, כהיום! און ווער ווייסט, אויב מאָרגן וועט נישט דער אייבערשטער אראָפּשיקן זיינע מלאכים, זיך אַן עצה האַל־טן, און אין איין רגע איבערקערן די היינטיקע סדום ועמורהס?

זי ווייסט, אַז גאָט, ברוך הוא, איז אַן ארך אפּים; ער וואַרט אודאי. אפשר וועלן זיי תשובה טאָן!

— נו, הכלל, — זאָגט מרים, — דאַרפן מיר זיך אריינלייגן אין קראנקן בעט?

— ניין, זרח, — זאָגט זי, — איך וויל נישט... אַז מען זאָגט, מען טאָר נישט, טאָר מען נישט...

פון דער מוטער האָט זי נאָך מער צרות.

די לאַנגע סעריל האָט ליב די טאָכטער מער ווי צען מוטערס צו־זאַמען; קיין שלעכט וואָרט וועט זי איר נישט זאָגן. — נאָר זייט מען האָט „געכאַפּט די חתן־כלה", האָט זי אויף זיי שטענדיק אַן אויג... היט זי זיי אָפּ!

— דו ביסט, — זאָגט זי צו מרימען, — אַ פרומע נשמה, נאָר אַ ווייך האַרץ האָסטו; און קעגן דעם יצר־הרע מוז מען האָבן אַן אייזער־נע גבורה. אַ מענטש מוז זיך שטעלן ווי אַ לייב, ווייל דער יצר־הרע איז ערגער ווי אַ שלאַנג!

און זי האָט זיך גענומען צו דער גוטער, נאָר שוואַכער טאָכטער, צו דער פרומער, נאָר שוואַכער נשמה, זי אונטערצוגאַרטלען קעגן יצר־הרע! און נאָך יעדן אונטערגאַרטלען בלייבט מרים אויס מענטש! עס טוט איר ווי דאָס האַרץ; ביינאַכט שרעקן זי אַלערליי חלומות...

קוים גייט זרח ארוים פון שטוב, הייבט זיך אָן דאָס מוסר זאָגן.

סעריל איז א מושלמת, לייענט עברי־טייטש ווי א וואסער; קאָן דאָס דייטש־חומש מיטן קו־הישר, מיטן ראשית־חכמה און נאָך עטלעכע אזוי־נע ספרים, כמעט אויסוויניק; אין גיהנום איז זי קלאָר; זי איז אין יעדן ווינקעלע ווי אין דער היים! זי ווייסט, ווו מען קאָכט אין הייסער סמאָלע, ווו מען ברענט מיט שווארץ פייער, און שדים בראָטן די נשמות, ווי הינדעלעך אויף דער שפּיז! זי איז קלאָר אינגאַנצן שלחן־ערוך פון יענער וועלט: פאַרוואָס מען הענגט אויף דער צונג... מען וואַרפט צווישן הימל און ערד, און אָדלער און קראָען רייסן אוים שטיקער פליש; פאַרוואָס מען לויפט ארום אין וועלדער, און ווילדע חיות בייסן די פּיענטעס, פאַר־וואָס מען שינדט אָפּ די הויט, מען וויקלט איין אין שטעכעדיקע דער־נער... און מען הייסט נאָך שעפּן וואסער מיט א קאָן אָן א דנאָ... איין גליק איז נאָר, וואָס גאָט איז פול בארמהאַרציק! ער וויל נישט מער, נאָר מען זאָל תשובה טון... און מרים הערט דאָס אַלץ אוים מיט האַרצקלאַפּן, מיט ציטערדיקע ליפּן, און א פּנים ווי קרייד.

זי שרעקט זיך... זי ווייסט, אז א מענטש איז זינדיק... ערגער איז אין די טעג, ווען אַן אשה איז פול מיט שדים, ווען ארום איר טאַנצן רוחות רעות... ווען אַן אשה טאָר נישט קוקן אין שפּיגל אריין, פון אירע בליקן זאָל קיין פלעקן נישט ווערן! איר הויך איז דאָך דעמאָלט מיט טומאה, די קליידער — באַשיט מיט דיבוקים, מיט פּיפּערנאָטערס! ווי נעציטערט האָט זי דעמאָלט פאַר זרחן...

און נאָך איידער עס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן, האָט שוין די מאַמע מורא געהאַט, זואָס אמאָל געפרעגט: טאָכטערשי, אפשר שוין? אפשר האָלסטו עס בסוד, אפשר ווילסטו דיר פאַרזינדיקן די יונגע יאָר... זע, קוק נאָך אמאָל, טאָמער פאַרט! אפשר האָסטו נישט גוט אכטונג געגעבן...

מאַמעשי, — פרעגט אמאָל מרים, — פאַרוואָס האַלט עס זרח אזוי פאַר גרינג? ער לאַכט אפילו, אז איך וואַרף אים די שליסעלעך?

— אַן עוולה, א גרויסע זינד! — זאָגט די מאַמע, — נאָר א מאַנס־פאַרשוין איז שוין בטבע אזוי... אימשטיינס געזאָגט, זיי ווייסן דען... און וואָס האָט אזוינער מורא? ער כאַפּט אמאָל אריין א פּרק משניות, ווערן אים זעקס בלאַט חטאים אויסגעמעקט פון בוך! און ווען איז זייער יום־הדין? איין מאָל אין יאָר — ימים נוראים... אָבער אַן

„אשה, נעבעך, א „שעשני כרצונו", דאָס איז ווי אינדיטשקעס! א ליאַדע וואָס, איז אויף זיי, רחמנא ליצלן, אַ פּגירה! היינט זע, בשעתן טראָגן, בשעתן האָבן — דעמאָלט הענגט דאָך יאָ די נשמה אויף אַ האָר! סאַמע ימים נוראים! און וואָס, אימשטיינס געזאָגט, זאָל אונדז מציל זיין? דאָס דייטש-חומש?!... אַ קאַטאָוועס, אַ מענטש אָן ציצית, אינגאַנצן דריי מצוות: חלה, נדה, הדלקת הנר... מיט חלה איז נאָך נישט אַזוי געפערלעך! מען קאָן נאָך יוצא זיין! הדלקת הנר אויך... פּרייטיק, צוועלפן, מאַכט מען שבת, אָבער יענץ... עס איז זיך דען גאָר צו דערהיטן?

— אַז דיין אויג, — זאָגט זי, — קוקט אויף דעם אייגענעם אָרט, ווו זיין אויג; אַז דיין הויך טרעפט זיך צוזאַמען מיט זיין אָטעם, — שוין! לילית כאַפּט דאָס שוין אויף, זי קריגט שוין שליטה, זי פּליט אַרויף גלייך צום כסא הכבוד, מיטן הויך, מיטן בליק, מאַכט דערפון אַן עסק! באַלד הייבן אָן שטאַרבן יולדות... קליינע קינדער...

און מרים האָט זיך געפילט זינדיק פאַר גאָט פאַר אַ סך אַזוינע „בליקן" מיט „הויכן"... נאָך אַזאַ הויך אָדער אַזאַ בליק, האָט זי נעכט נישט געשלאָפן פאַר פּחד, איר נשמה זאָל נישט אַרויפפליען, און אַליין אָנשרייבן אין בוך!...

איינמאָל איז געקומען אין שטעטל אַריין דער אָקרוזשנאַי סוד. מען איז געלאָפן אויף זיין װוּנדער. מרים איז איינמאָל אויך געגאַנגען זען; עס איז געווען באַלד נאָך דער חתונה — גלוסטן זיך אַזוינע זאַכן. האָט זי געזען דריי סודיאַס, אַ פּראָקוראָר, אַ סעקרעטאַר און איינעם, וואָס מען האָט געמשפּט... אין וואָס עס גייט האָט זי נישט פאַרשטאַנען, נאָר דערנאָך, אַז מען האָט אויסגערופן: קאַטאָרגע, האָט זיך דער פאַר־מישפּטער אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, גלייך אַ דונער האָט אים דער־שלאָגן.. פון דעמאָלט אָן האָט זי נאָך מער פּחד פאַרן בית-דין של מעלה! דאָ האָט זיך דער פּראָקוראָר אַביסל געאַיקעט; דאָרט זועט רעדן דער שטן! מיט שוואַרץ פייער וועט ער שיטן, קאָכעדיקער פּעך וועט זיך אים גיסן פון מויל... און וואָס, קאַטאָרגע? דאָרט רופט מען אויס: כף הקלע, בראָטן הייסט מען און ברענען!

„ווי וועט עס דעמאָלט חלשן די נשמה"! טראַכט מרים. און עס ווערט איר קאַלט אין אַלע אברים, אין האַרץ הויבט אָן שטעכן ווי מיט נאָדלען!

פון דעם אלעם ווייסט נישט זרח. אז ער איז דא אין שטוב, שווייגט די מוטער. דעמאלט איז מרים לוסטיק און פריילעך. גאר אן אנדערער מענטש...

ווען אבער איז ער אין שטוב? פרייטיק פארנאכט, שבת... א גאנ־צע וואך האט ער דאך זיין מסחר! מוז ער דאך זיין אין גאס...

ביינאכט האט מען אויך נישט קיין רו... די לאנגע סעריל שלאפט נישט האלבע נעכט; קריכט ארום, גייט אויף און אפ, לייענט אויך די לאנגע קריאת־שמע מיטן גאנצן על־חטא...

זרח קריצט טיילמאל מיט די ציין; דאך מוז ער שווייגן. ער האט אמאל דער שוויגער א שלעכט ווארט געזאגט, האט זיך מרים די אויגן אויסגעוויינט! מער וועט ער דאס נארישקייט נישט טון... די ציין קריצן, נאר שווייגן מוז מען.

פון דער שוויגערס מוסר־זאגן האט ער גארנישט געוווסט; ער זעט, אז מרים ווערט וואס אמאל שוואכער, בלאסער, אז זי כאפט זיך וואס אמאל אפטער אן ביי דער ברוסט, אטעם פארפעלט איר... און ער שמייכלט! ער האפט אויף נחת!... טיילמאל פאלט אים איין, אז מען וואלט גע־דארפט אפשר רופן א דאקטאר. ער טוט עס דאך נישט, און ברענגט עס נישט איבער די ליפן, פאר מורא, ער זאל זי נישט איבערשרעקן... זייט א קורצע צייט שרעקט זי זיך אליץ אינאיינעם. נאכט אויף נאכט שרעקט זי זיך. א קאץ לאזט זיך הערן פון דאך, א הונט גיט א ביל אין גאס... עמעץ קלאפט ערגעץ אין טיר, א ליאדע שארך, שרעקט זי, זי לאזט ארויס א געשריי און בלייבט ליגן פארציטערט, האלב פארחלשט... ברענג איר א דאקטאר, פאלט זי באמת, חס ושלום, אריין אין א קרענק.

אפט מאכט זיך דערפון א שמועס.

— וואס איז דיר, מרים־לעב? וואס פעלט דיר?

— מיר, — ענטפערט מרים מיט א בלאסן שמייכל אויף די ליפן, — מיר? אז דו ביסט נאר דא אין שטוב, איז מיר וויל ווי די וועלט! מען זאל אונז נאר קיין עין־הרע נישט געבן!

זי ציטערט פאר אן עין־הרע; מען האט זי דען נישט מיט וואס מקנא צו זיין! אז זרח דרימלט איין שבת נאכן עסן, גייט זי גאנץ אפט שטילערהייט צו און בלאזט אויפ'ם; עס איז זומער, דאס פענצטער איז

אָפּן, א קשיא אויף א מעשה? עמיץ גייט דורך און וואַרפט אריין אן עין־הרע! עס דאַכט זיך איר, אז מען מוז זי מקנא זיין, אז עס איז קיין שע־נערער, קיין באַשמעקטערער מענטש אויף דער וועלט נישטאָ! קרוין־פּוילן אויסצופאָרן!

„ווער שמועסט, טראַכט זי, ער זאָל נאָך זיין אָפּגעהיט אין יענע זאַכן! אביסל מער אָפּגעהיטן!... נאָר, ווייטער דאָס אייגענע, ער איז דאָך, ווי די מוטער זאָגט, א מאַנספּאַרשוין, ער האָט גאַנצע תרי״ג מצוות... איז ד אָ ס ביי אים גאָר קיין יחוס נישט״...

זרח מיינט, אז עס מוז איר פּאָרט עפּעס זיין, נאָר זי ליקנט שטיין און ביין: „וואָלט ער נאָר אינדערהיים געווען... שטענדיק אינדערהיים״...

ער הערט און שמייכלט; די אמתע כוונה פון די רייד פאַרשטייט ער אָבער נישט; און זי וועט קיינמאָל נישט פאַרמסרן די מאַמען. ער וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס זי ליידט, ווען ער איז נישטאָ...

אצינד אָבער פאַלט צו שבת... אצינד מעג זרח גיין... זאָל ער גיין דאַווענען... שבת האָט זי פאַר דער מוטער קיין מורא נישט; שבת זאָגט זי קיין מוסר נישט... שבת איז „די מאַמע א ווױלע מאַמע״!

— מרים׳לעב, — מאַכט זי צו׳ן איר, אז זרח איז ארויסגעגאַנגען, — היינט איז שבת, פּוץ דיך אָפּ, טו דיר אָן א קליידל... אז דיין מאַן וועט נאָכן דאַווענען קומען מיט די מלאכים אין שטוב אריין, זאָלסטו אים אקעגנלויפן מיט שמחה אויפן פּנים, מיט נחת אין די אויגן, מיט שלום ושלווה, מיט אלעם גוטן, פאַר דעם וועסטו זוכה זיין...

— ... א גראָבן קוש פון זרחן — ענדיקט מרים מיט א געלעכטער.

דער מוטער געפעלט אפילו נישט דער אויספיר, עס איז דאָך אָבער שבת, שבת־לעב, און זי וועט קיין בייז וואָרט נישט רעדן. זי נעמט זיך צום דייטש־חומש, טוט אָן א פּאָר גרויסעברילן און לייענט.

מרים הערט זיך איין. אָפט הערט זי מיטן גאַנצן האַרץ. טייל מעשות געפעלן איר זייער. זי צעלאַכט זיך, אז עס קלינגט ווי א זילבערן גלעקל, ווען דאָס יינגל אברהם, וואָס האָט צעהאַקט דעם אַלטן תרחס שטיינערנע געטער, זאָגט דעם אַלטן: אז דאָס האָט דער גרעסטער פון זיי געכאַפּט דעם האַמער און צעהאַקט אַלע קליינע; דאָס האַרץ ציטערט איר פאַר שרעק, יצחק זאָל נישט דערקענען, אז דאָס „מאַלצייט״ דערלאַנגט אים

יעקב, נישט עשו; טרערן קומען איר אין די אויגן אריין, ווען יעקב טרעפט זיך מיט רחלען ביי דער ברונען; לבנען איז זי א שונא אויפן לעבן, פאר־וואס ער האט יעקבן גענארט... ווען עמיץ, למשל, נארט אזוי אפ זרחן... ברדר! עס ווערט איר קאלט אין אלע אברים. פאר דאס, שפעטער, אז יעקב קריגטביידע: אי לאהן, אי רחלען, ווערט זי רואיקער; זי ווייסט דאך, אז עס איז געוועזן פארן חרם דרבנו גרשום...

היינט גייט די סדרה תרומה; מען ברענגט דאס און יענץ צום משכן... דאס אינטערעסירט זי ווייניקער... זי איז מיד און שלעפעריק.

דאס קעפל צעווינגט זיך, די ברעמען פאלן צו, זי דרימלט איין... א גוטער, חנעוודיקער שמייכל באווייזט זיך איר אויפן בלאסן פנים... עס הייבט זיך אן רייטלען... נאר עס וועקט זי דער מוטערס שטימע:

— מרים!

— מרים!

— וואס, מאמעשי, איך הער...

— נישט דאס מיין איך...

— וואס דען, מאמעשי?

— לויט מיין רעכענונג איז היינט... פארשטייסט, טאכטערשי, איז היינט די צייט...

— נאך נישט, מאמעשי!

— גיב נאר גוט אכטונג, טאכטער!

מרים דרימלט ווייטער איין; די זעלבע זילבערנע שיסל מיט די זילבערנע לעפל, און די מוטער וועקט זי ווייטער.

לוידער איז שוין געוועזן „שוין"...

— א שאד! מאכט סערל, א פארשטערטער שבת.

— זיכער — נאך נישט?

— זי זיפצט אפ און פארטיפט זיך צוריק אין דייטש־חומש... ווייטער נשיאים, שיסל, לעפל... מרים דרימלט ווייטער איין, נאר דאס פנים רייטלט זיך נישט, קיין שמייכל צירט נישט די פיינע ליפן...

אין דער צייט האט זרח אפגעדאווענט, און כאפט זיך שטילערהייט ארויס פון בית־המדרש, עס זאל אים קיינער נישט פארהאלטן. ער לויפט איבער דער גאס...

אז ער קומט צו דער טיר, שטעלט ער זיך אָפּ. ער הערט זיך איין וואָס אין שטוב טוט זיך... די שוויגער לייענט... מרים זיצט אוודאי און הערט, שטאַרק פאַרנומען, ווי געוויינלעך. ער וויל זי איבעראַשן.

שטיל עפנט ער די טיר... די שוויגער הערט נישט, מרים שלאָפט.

מיט איין שפּרונג איז ער ביי'ן איר און ער קושט ביים „גוט־שבת!"...

— פּושע באלהי ישראל! — גיט סערל א געשריי.

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מען האָט די פאַרציטערטע מרים דערמונטערט.

עס איז געווען — א פאַרשטערטער שבת.

דאָס זיבעטע בענטש־ליכטל

דער דרייצניעריקער שטערן קנייטשט זיך איין פאַר צער, דאָס יונגע, קינדישע פּנים איז בלאַס פאַר שרעק, פון די אומשולדיקע אויגן פאַלט אַ טרער נאָך אַ טרער. נאָך פאַראַכטאָגן פרייטיק איז איר אַזוי וויל, איז איר אַזוי לוסטיק געווען! עס איז געווען דער קורצער פרייטיק. די באָבע האָט זי געוועקט אַביסל פריער. אַ גאַנצן טאָג איז זי פאַרנומען מיט שבת מאַכן, פאַרנאַכט האָט זי זיך, זינגענדיק און טאַנצנדיק, אָפּגעוואַשן, איבערגעפלאָכטן די לאַנגע צעפּ, איבערגעטון זיך און געגאַנגען מיט דער באָבען אין שיל אַריין. די באָבע צינדט זיך אירע ליכט און זי — אירע...

דאָס ערשטע ליכטל — די באָבע זאָל געזונט זיין, דאָס צווייטע — דער טאַטישע זאָל געזונט זיין; האָבן אַ סך דיעלעס און פאַרדינען אַ סך געלט, ער זאָל נישט אַלע מאָל געבן אַ זיפץ, אַז די צייטן זענען שלעכט; דאָס דריטע — די מאַמעשי זאָל געזונט און שטאַרק זיין, דערנאָך נאָך — פאַר שוועסטערלעך און ברידערלעך, יעדן אַ ליכטל... עס דויערט ביז דער עולם הייבט אָן צוזאַמען צו קומען צום דאַווענען...

ווי ליב האָט זי די שיל, און ווי ליב דאָס ליכט בענטשן!

זי איז שוין צוויי יאָר ביי דער באָבען... זי בענקט נישט אַהיים... דאָרט איז נישט דער מנהג פון ליכט־בענטשן... זי וואָלט נישט איין מאָל גערן זען די מאַמעשי, אַרומכאַפּן דעם טאַטן ביים האַלדז און שפּילן זיך מיט זיין שוואַרץ־זיידענער באָרד, אַביסל אַרומלויפן און טאַנצן מיט די יינגערע קינדער... מען טאָר נישט די אַלטע באָבע אליין לאָזן... זי איז שטענדיק אַזוי גוט, זי האָט זי אויסגעלערנט ליכט־בענטשן... זי האָט זי אַזוי ליב, — דאָס ליכט־בענטשן אויך.. זי בענקט אַ גאַנצע וואָך, זי ציילט די טעג... נאָר היינט איז עפּעס אַן אומגליקלעכער פרייטיק.

אינדערפרי איז געווען ווי אלע מאָל... זי האָט שבת געמאַכט... די באָבע האָט אויף איר געקוקט און געקוואָלן... זיי האָבן זיך שוין ביידע אָנגעטון, די באָבע האָט שוין גענומען דעם שטעקן אין האַנט אריין...

„האָט דער שוואַרץ־יאָר אָנגעטראָגן דעם ברייוטרעגער..." די באָבע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, געוואָרפן זיך צוריק אויפן בעט און ליגט שוין אַזוי צוויי שעה מיטן פנים צו דער וואַנט...

זי איז שוואַרץ ווי קויל... די אויגן פאַרמאַכט, אין דער האַנט האַלט זי נאָך דעם בריוו... פון מויל יאָגט זיך איר אַ שוים...

זי לאָזט צו זיך נישט צו, לאָזט נישט עמעצן רופן, שטופּט זי אַוועק פון בעט. קוים וויל זי די טיר עפענען, דערהערט זי און שרייט:

— ניין!

זי שטייט ביים בעט און קלערט, עס צאַפּלט איר דאָס האַרץ; גאָט ווייסט, וואָס מען האָט דער באָבען געשריבן פון דער היים... אפשר... אפשר... און זי קאָן זיך גאָרנישט איינשטעלן איבערצוקלערן, וואָס עס האָט געקאָנט פּאַרפאַלן.

זי פאַלט אַנידער אויף די קני, כאַפּט אָן קראַמפּהאַפט די באָבען ביי דער האַנט...

— באָבעשי! באָבעשי! וואָס איז אַזוינס געשען?... רעד אַ וואָרט מיט מיר, זאָג מיר עפּעס, וואָס איז געשען?...

— באָבע! איך וועל שטאַרבן פאַר שרעק!

די ווערטער האָבן זיך איר אויסגעריסן נישט ווילנדיק פון האַרץ.

די באָבע האָט זיך צו'ן איר איבערגעדרייט, גערירט מיט די ליפּן, געעפנט די אויגן... און קוים האָט זי זי דערזען — געענטפערט האַרט.

— שטאַרב!

זי האָט זיך איבערגעדרייט צוריק צו דער וואַנט.

— ער אויסן אויג — זאָגט זי — שטאַרב, באַשע, שטאַרב!

באַשע איז שטיל געבליבן. עס איז איר ראַפּטים פינצטער געוואָרן. זי האָט אויפגעהערט צו קלערן און צו פילן.

עס האָט אַזוי געדויערט אַן אַנדערהאַלבן שעה.

זי דערהערט דער באָבעס קול:

— שטיי אויף!

באשע איז אויפגעשפרונגען.

די באָבע האָט זיך אַליין אויפגעהויבן, צוריק גענומען דעם שטעקן, וואָס זי האָט פריער אַזועקגעוואָרפן.

— וויפל האָסטו ליכט? — פרעגט זי הארט.

— אכט, ווי תמיד! — ענטפערט באשע ציטערנדיק —

— איינס לאָז איבער!

באשע רירט זיך נישט.

— איינס לייג אוועק! — שרייט די באָבע נאָך הארטער.

באשע ציטערט, נאָר זי רירט זיך נישט.

די אַלטע אַליין איז צוגעגאנגען צום טיש, אויפגעוויקלט דאָס פעקעלע ליכט, איינס ארויסגעלייגט, די רעשט פארבונדן און אריינגעשטופט באשען אין דער האנט אריין.

— קום!

באשע איז איר נאָכגעגאנגען אויטאָמאטיש;ביידע האָבן פארגעסן צו פארשליסן די טיר.

באשע געדענקט נישט, ווי אזוי זי איז צוגעקומען צום עמוד מיט די ליכט.

— אַצינד איינציקווייז, פאר וועמען איך וועל דיר הייסן! זאָג מיר נאָך!

— זאָג! די מאמע זאָל געזונט זיין און לעבן!

באשע ציטערט ווי אין א פיבער; דאָס ערשטע ליכטל איז שטענדיק דעם טאטנס.

— זאָג! — שרייט די באָבע.

באשע זאָגט נאָך.

— דאָס צווייטע: היימל זאָל זיין א פרומער ייד...

באשע ציטערט נאָך מער, זי הערט נישט דעם טאטנס נאָמען. די פיסלעך שאָקלען זיך אונטער איר, דאָס הערצל צאפּלט, די שלייפן שלאָגן, די אויגן ברענען... די באָבע איז אָן רחמנות, זי שרייט אַלע מאָל העכער: זאָג! זאָג! זאָג!

— פארוואָס גייט נאָך נישט דעם טאטנס ליכטל?

אָט צינדט זי שוין דאָס לעצטע —

— זאָג: שרה זאָל געזונט זיין! — שרייט די באָבע.

ניין! זי וועט עס נישט זאָגן, ווו איז דער טאטע? ניין! זי קאָן עס נישט, אלץ אין איר אמפּערט זיך קעגן דער שלעכטער באָבען... ניין און ניין!

— זאָג! זאָג! — שרייט די באָבע, נאָך העכער, נאָך הארטער.

באשע וויל אָבער נישט פאָלגן, דאָס לעצטע ליכטל מוז שוין זיין דעם טאטנס — זי הייבט אָן:

— דער טאטעשי —

— שטיל! — שרייט שרעקלעך די באָבע. — שטיל! שטיל! דיין טאטע איז שוין קיין ייד נישט! ער איז שוין א פּריסיאזשני...

איבער אַ שמעק־טאַבאַק

אז דער בעל־דבר איז געזעסן, אַ פוס איבער אַ פוס, מיט אַ ליבלעך־זאַטן שמייכל, און האָט גלאַט אַזוי, האַלב גענעצנדיק געבלעטערט אין קאָנטאָ־בוך פון לעבעדיקע נפשות, האָט ער פלוצלינג אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

ער איז צוגעקומען צום כעלעמער רבס קאָנטאָ — און קיין תמונת אות — אַ ליידיק בלאַט.

אויפן פּאַטש, פאַרשטייט זיך, זענען זיך דערווייל אָנגעלאָפן גיהנום־לאַפיטוטן; זיי שטייען אין טיר, ווי די כלבים, מיט די צונגען אַרויס, און וואַרטן אויף אַ באַפעל.

— שיקט נאָר — הייסט דער בעל־דבר, — עמעצן אַרויף געוואָר ווערן, צי דער כעלעמער רב האָט אריכת ימים.

די לאַפיטוטן פאַרשווינדן אַזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, און עס גייט נישט אַוועק קיין פערטל שעה, קומט אַ תשובה: געוועזן אין קאָמער פון לעבן; דעם כעלעמער רבס פּאָדים — כמעט נישט מיטן אויג צו דערזען — היינט־מאָרגן רופט מען אים!

— זאָל אַריינקומען דער שרייבער!

טאַנצט אַריין אַ גאָל־קעפּיק שרייבערל, מיט רויט־לויפנדיק־לוסטיקע אייגעלעך, הינערשע פיסעלעך. אַ קידה אַהין, אַ השתחויהלע אַהער; גיט זיך אַ זעץ אַוועק אויף דער שוואַרץ־ברענענדיקער סמאָלע־פּאָדלאָגע אויף טערקיש — די פיס אונטער זיך; כאַפּט אַרויס פון א י ן זייט בוזעם־קעשענע כלי־כתיבה: אַ נייע קראָענע פעדער פון דער נאָדל; אַ טינטער מיט רויט־זינדיק בלוט, אָפּגעצאַפּט פון הבא על העריות, פון דער צווייטער זייט, און וויקלט אויף אַ פריש אויסגעאַרבעט שטיקל אַפּיקורסוס־הויט, שפּייט זיך אָן אויף דער יד און וואַרפט אַן אונטערטעניקסטן בליק צום בעל־דבר: פאַרטיק!

גיט זיך דער בעל־דבר אַ בייג אויס אויף דעם פּאָטער־שטול און

דיקטירט. דאָס שרייבערל שטרעקט ארויס א צונג און מאכט א צוק נאָך א צוק. די פעדער לויפט און סקריפּעט, און צום בית־דין של מעלה גייט א ראַפּאָרט כהאי לשנאָ:

„היות, אין פּסוק שטייט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און דאָ איז פאראַן א בעלעמער רב, וואָס שטייט מיט איין פוס ביים קבר, און זיין בלאַט איז ליידיק! על כן, אויב מען וויל, עס זאָל בלייבן „משה אמת ותורתו אמת" — זאָל מען דעם בעלעמער איבערגעבן אין בעל־דברס רשות היינט"...

קומט, נאָך א קורצן ישוב, פון בית־דין של מעלה א תשובה: „עיין איוב, קאַפּיטל א'".

פארשטייט שוין דער בעל־דבר, וואָס מען מיינט: טו מיט אים — הייסט עס, — וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבן זאָל ער, ווי לאנג עס איז אים באשערט.

איז אָבער נישט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אשה האָט דער בעלעמער רב, לא עליכם, נישט; מכמה שנים אַן אלמן, קינדער — אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבות על בנים", יחזקאל האָט געזאָגט — פארפאלן! פון שאָף און רינדער איז אוודאי נישט צו רעדן — קיין פּיצל ציג נישט צומאָל! א הויט האָט דער בעלעמער רב סיי־ווי־סיי נישט קיין ריינע, האַלט זיך, נעבעך, אין איין קראַצן... און גלאַט — נעמען א בעלעמער רב מיט יסורים!

— עפּעס א תאווהלע — טראַכט דער בעל־דבר און באַלעקט זיך, שטרעקט אויס די האַנט צום טיש, רירט אָן דאָס גלעקל פון א חקרנישן שארבן־קאָפּ — א פולע שטוב לאַפּיטוטן!

— וועמען ווילן מיר שיקן און ווער וועט אונדז גיין אראָפּצופּירן דעם בעלעמער רב פון וועג?

ווערט א געשריי: איך, איך, איך —

אלע ווילן! מען ווייסט, אז פאר אזוינע קונצן וואַקסט מען, ווי אויף הייוון.

אהער און אהין, ס'קאָן קומען צו א געשלעגעריי, בלייבט: א קלפּי. פאלט דער גורל אויף צוויי לאַפּיטוטן, ווינטש מען זיי מזל טוב, און זיי ווערן נעלם...

אין א שיינעם העלן טאָג, כעלעמער יידעלעך דרייען זיך ארום אין מארק אָן פרנסה... שטייען רעדעלעך און רעדן פון פריצם וואלד און פעלד; פון פויערשע „מעסטלעך", פעלכלעך, וואָס זענען נאָך אויף די האָזן, פון אייער, נאָך נישט קיין געלייגטע — גיט אונטער זיי פלוצלינג א ציטער די ערד, און זי ציטערט; תוך כדי דבור הערט זיך א קנאק, איי־נער, דער צווייטער, ממש: א בליץ נאָך א בליץ — און עס יאָגט אָן א בויד און עס דונערן די רעדער... א ווילד־פרעמדע בויד, פארשוימטע פערד, ווי די אריות; און די בויד גיט זיך א לאָז דורכן מארק; קוים צייט געווען אָפצושפרינגען. און פון פאָרנט, ביי דער קעלניע, אויסגעבויגן ארונ־טער מיטן קאָפ, שטייט, אָן א בייטש אין דער האנט, אין א היטל מיט לאַפּן, מיט א רויטן גארטל איבער די לענדן, ארומגעדרייט די לייצעס ארום די הענט, א שמייסער, — ציט זיי איין, די לייצעס, אז מאָנכמאָל גיבן זיך די פערד א כאַפּ ארויס די קעפּ און א שטעל אויף די הינטערשטע פיס. און הינטער אים — שטייט א באַלעבאַטיש געקליידעטער ייד — א קאָפּ־טאָן, סטראָקעס — יענע צייטן! — האלט אין דער רעכטער האנט די בייטש און קנאקט איבער די פערד, אז זיי גיבן זיך באלד א לאָז אראָפּ און פליען ווי אָדלערס — מיט דער לינקער האנט קלאַפּט ער אלץ נאָכ־אנאנד דעם שמייסער אין רוקן, און פון צייט צו צייט גיט ער נאָך מיטן מויל א פייף, אז די פערד שפרינגען פון דער הויט און ציען זיך אויס אינעם גאַלאָפּ, ווי די שלאַנגען!

און דער שמייסער האלט אין איין שרייען: יידן, בני רחמנים, ראַ־טעוועט! יידן, בני רחמנים, ראטעוועט!

נו, ראטעווע! גאנצע בינטן פונקען רייסן זיך פון אונטער די פאָדער־קאָוועס!

יאָגט מען נאָך די בויד מיט צעשראָקענע אויגן, זאָגט מען: „השם ישמרנו", אנדערע קלערן נאָך וועגן גומל־בענטשן. ווייבער לויפן נאָך ארוים פון די קלייטן און שרייען: געוואלד!

מוז אָבער די בויד דורכלויפן דאָס שעכט־הויז, גיבן זיך א לאָז ארוים כלבים, און שפרינגען די פערד אין די מאָרדעס; לויפן ארוים קצבים און העקער־יונגען, שפרינגען צו און כאַפּן ביי די לייצעס — גיבן זיך די פערד א שטעל־אָפּ, אז עס ציטערט אויף זיי די הויט פאר שרעק, זענען די קצבים און די העקער־יונגען אויף דער בויד!

וואָס איז? וויזט זיך ארויס: א קליין סיכסוכל... דער אָנגעטוועגער ווי א באַלעבאָס, מיטן לעדערנעם געלט־פּאָס אויף די לענדן, שרייט, אז דער שמייסער איז משוגע געוואָרן, וויל דווקא פּאשען, און ער איילט זיך אויפן יאַריד מיט בריליאַנטן... קריגן די לייט אביסל דרך־ארץ — און דער שמייסער טענהט, אז נישט ער איז דער שמייסער, נאָר טאַקע יענע... אלא וואָס? אויפן וועג, אין וואַלד, קומען קומען זיי פון מרחקים און פאָרן קיין מרחקים, איז ער אים ביינאַכט אין וואַלד באַפאַלן, צוגעלייגט א מעסער צום האַלדז, גענייט, זיך איבערצוטון און ער וויל אים צוגזלען די בריליאַנטן, דאָס געלט, די בויד מיט די פערד... און יענער לייקנט אַלץ שטיין און ביין; להד"ם און להד"ם! — דרייט מען איבער די פערד און וואָגן, טרייבט קוים אָפּ די כלבים און מען פאָרפאָרט צום רב.

הייבט זיך אָן א חקירה ודרישה, הערט דער רב אויס יעדן באַזונ־דער. לאָזט מען קודם אריין דעם טוען, דעם, וואָס איז אָנגעטון ווי א שמייסער. הערט אים דער רב אויס, און זאָגט: א פּנים — גשמיות שבגשמיות! א לשון פון אן אמתן בעל־עגלה... און דאָס קול אַליין איז אויך נישט פון חדר ארויס... א קול פון וואַלד, פון פרייען וואַלד און — אויף סוסים!

פונדעסטוועגן חוקרט ער ווייטער:

— וויפל סחורה האָט איר אין בויד?

— איך וויים? כ'פיר עפּעס חשבונות? אן עם־הארץ בין איך, רבי! גאָט האָט געהאָלפן — האנדל איך מיט בריליאַנטן!

— און וויפל געלט האָט איר אין בייטל געהאַט?

— איך צייל נישט; כ'וויל, ס'זאָל אריינקומען די ברכה...

דאַכט זיך שוין, זיכער א בלבול! דער רב, פונדעסטוועגן, קרעכצט אָפּ, און מען לאָזט אריין דעם צווייטן: א פּנים פון א בן־תורה. דער רב גיט אים א כאַפּ אין לערנען, גיט ער א מיש אויס ש"ס ופוסקים. נאָר אין מיטן דערינען גיט ער א זאָג: „רבי! וואָס טויג לאַנג טענהן, זעט!" — און ער גיט א שיט אויס פון גאַרטל: סאַמע גאָלדענע רענדלעך, רויטע פלאַמען קאָלערן זיך איבערן טיש — „און — העלפט פון די בריליאַנטן קריגט איר אויך, נאָר זאָגט, ס'איז מיין!"

גיט זיך דער רב א שטעל אויף, און גיט א קוויטש:

— גז — לן!

לויפט דער עולם אריין — ווישט מען זיך די אויגן: ווו טוען, ווו נטען, ווו רענדלעך? — נעלם געוואָרן, נישטאָ קיין בויד, קיין פערד — די ערד האָט זיי איינגעשלונגען!

קלערט כעלעם: צי איז עס געוועזן אַ חלום, צי, רחמנא לצלן, אַ כישוף!

דערווייל פרעגט מען אַ תשובה דעם בעל־דבר.

זאָגט ער:

— שוטים! חורש וואָלט ער אפשר גענומען, אָבער נישט ביי אַ מלתא דעבידא לגלויי! — עס וואָלט אמאָל אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער... מען וואָלט אים אָפּגעצויגן און נאָך אריינגעזעצט אין תפיסה! אַ נאַר איז ער!

זעצט מען איין די נאַרישע לאַפּיטוטן אויף אַ יאָר קוילן מיט סמאָלע! מאכט מען נאָך אַן אסיפה, שרייט מען שוין נישט: איך, איך! נאָר צוויי פון די גרעסערע, איינער עפּעס אַ גרויסער חריף, דער צווייטער — אַ זקן ורגיל, נעמען אויף זיך די זאַך...

צווישן ימים־נוראים, אַ קאַלטער, חושכדיקער רעגן־טאָג; כעלעם וויקט זיך אין בלאָטע, דער הימל, איבער אים, טריפט מיט מרה־שחורה, קומט אָן צוגיין עפּעס אַ ייד אַ בעטלער, הויט־און־ביין, רחמנא לצלן... אַן אויסגעהונגערטער און אויף קוליעס, איין פוס — אונטער זיך... שלעפּט ער זיך פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט... און באַקומט אין צענטן הויז אַן אַלט שטיקל ברויט, צו וועלכן ער האָט נאָר קיין ציין נישט; אין צוואַנציקסטן — אַן אָפּגעריבענעם גראָשן, וואָס גליטשט זיך אויס פון דער האַנט אַרויס, — כעלעם דאַרף נישט קיין פרעמדע קבצנים, האָט היימישע און בכבודיקע, און אַלערליי באַהאַלטענע אָרימעלייט, אַליין אַלמנות ויתומים פון שוחטים, דיינים, רבנים און אַנדערע כלי־קודש...

שלעפּט ער זיך אַזוי אַרום, איין טאָג, דעם צווייטן טאָג, — די נאַס־קייט און די קעלט נעמען אים דורך; די וואַטע, וואָס קריכט פון מלבוש אַרויס — טריפט, די אויגן קריכן אים פון די לעבער אַרויס; און פּלוצלינג, אין מיטן מאַרק — דער ייד פאַלט! איין קוליע — רעכטס, די צווייטע — לינקס, און ער ליגט אין דער מיט — און שוים איבערן מויל...

יידן בני רחמנים לויפן, מן הסתם, צו, דער — מיט וואַסער און

שפּריצט, דער — מיט אַביסל ראַזשינקעס־וויין, יענער — מיט אַ מעסער, די ציין אויפצורייסן און אַ פּאָר טראָפּנס אריינצולאָזן... אנדערע שרייען: בעלעם איז סדום! און דער ייד הייבט דערוויל אָן גוססן...

מען וועט דאָך אים נישט לאָזן, חלילה, שטאַרבן אין גאַס! ווערט אַ שאלה, וו אהין? — טראָגן זיך די באלעבאַטים אָפּ — אנדערע האָבן נישט ווו, גייט פּונקט פאַרביי דער רב, זאָגט ער: צו מיר! מן הסתם צו מיר! —

מען האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פייל פון בויגן געפּאָלגט...

לייגט מען דעם גוסס אין רבס בעט אריין, ליגט ער, ווי אין דער הינערפּלעט — דער רב זיצט ביים טיש, קוקט אין אַ ספר אריין, וואַרפט אַלע פּאָר שורות אַן אויג צום חולה — אין גאַס דרייען זיך ארום יידן, טאָמער וואָס, זאָל מען זיין גרייט... עס פאַלט צו די נאַכט — דער רב וויל זיך שטעלן מעריב דאַוונען, דערהערט ער, דער חולה רופט. גייט ער צו אים מיט גרויס רחמים צו, בייגט זיך אים איבערן מויל און הערט, — ער רעכנט: אַ צוואת שכיב מרע...

— רבי, בלאָזט פון די ליפּן ארויס דער חולה, — איך בין אַ גרויסער בעל עבירה . . . און איך וויל אַזוי נישט שטאַרבן, כ׳וויל מיך פאַר אייך מתוודה זיין...

וויל דער רב אריינרופן מענטשן. כאַפּט אים דער חולה ביי דער האַנט: חס ושלום! — אונטער פיר אויגן וויל ער...

דערציילט ער אים, אַז כל ימיו איז ער אַ בעטלער געווען און — אַ פאַלשער בעטלער. געגאַנגען נאָך ברויט פאַר ווייב און קינד, און האָט קיינמאָל קיין ווייב און קיין קינד נישט געהאַט... געבעטלט אויף הכנסת כלה פאַר עלטערע טעכטער — און שטענדיק געווען אַליין, ווי אַ שטיין אין פעלד... צוזאַמענגענומען אויסצוהאַלטן ישיבות — און קיין שום תלמיד־חכם האָט דערפון קיין שום טובת־הנאה נישט געהאַט . . . אויף ארץ ישראל — נישט אַוועקגעשיקט קיין פּרוטה! פאַר ר׳ שמעון בר יוחאים קבר — און זיך אין בוזעם אריינגעשטעקט... מיט ארץ־ישראל־ערד געהאַנדלט, און הינטערן פלויט געגומען... וכדומה...

און ארויסגראַבלענדיק אַ לייוונטענעם בייטל פון בוזעם, זאָגט ער: און דאָס האָב איך אָנגעזאַמלט!

און גיט אַן עפּן אויף: סאַמע באַנק־צעטלעך — און איינס און איינס — הונדערטער!

— דאָס — זאָגט ער — גיב איך אייך איבער, רבי, אַלס געצאָלט, — אויף צדקה, לפי ראות עיניך.

גיט דער בעלעמער רב א שפּרונג־אָפּ צום פענצטער, רייסט עס אויף און גיט א געשריי אַרויס: יידן, קומט אַריין צײלן צדקה־געלט! — גלייך, ער וואָלט יונגער געוואָרן מיט 50 יאָר — —

לויפט מען אַריין — קיין באַנק־צעטלען, קיין גוסס, — נאָר א צערודערטע בעט און צוויי אויסגעהאַקטע שויבן...

קלערט מען ווייטער. א חלום, צי, חס ושלום, — כישוף; דער בעל־דבר שטייט מיט אַן אָפן מויל און זאָגט:

שוין נ י ש ט קיין מלתא דעבידא לגלויי...

דער שוואַרצער עולם איז צערודערט!

זאָגט לילית: ער וועט קומען אויף מ י י נ ע הענט — אַלטע מיטלען! —

איז אַמאָל דער בעלעמער רב נישט בקו הבריאה, שיקט ער דעם שמש נאָכן פעלדשער, ער זאָל אים לאָזן אביסל אָדער, די געבליטן אָפּ־צוציען... און שטעלט זיך דערווייל, צו שקיעת החמה איז עס געווען, מנחה דאַוונען. — שטייט ביי דער וואַנט שמונה עשרה — עפנט זיך די טיר, קומט אַריין א מויד מיט א שאלה. דער רב דאַוונט, וועט זי וואַרטן. דרייט זי זיך אַרום, גייט אויף און אָפּ — דער רב קוקט זיך נישט אום... פאַרגעסט זי זיך כלומרשט, הייבט אָן עפּעס אונטערצו־זינגען... און האָט, פאַרשטייט איר מיך, אַן א מ ת ק ו ל ב א ש ה!... נו — הערט ער זי? ווערט זי, מכלומרשט, מיד, כאַפּט און זעצט זיך, און צעוויגט זיך אויפן בענקל; ס'בענקל סקריפּעט... נאַריש — ווען א שלאַנג קומט אים בייסן, רירט ער זיך אויך נישט פון אָרט! ווערט די מויד שוין אביסל בייז, און לויפט האַסטיקער ווייטער אי־בער דער שטוב. גייט אויס דער רב שמונה עשרה, זאָגט ווייטער, שפּייט אויס, זאָגט אָפּ די רעשט... זעצט זיך צום טיש, און מאַכט געלאַסן: וויז דעם עוף! ווייל זי אים געבן דעם עוף אין האַנט אַריין, זאָגט ער איר ווייטער גאַנץ געלאַסן: לייג אויפן טיש... א יידישע טאָכטער,

מוסרט ער זי מיט גוטן, דארף וויסן, ווי אזוי מען דערלאנגט... ליגט זי... עפּעס א הינדל. זאָגט ער: דערציייל! דערציילט זי באריכות, ווי מען האָט די הון ביי אַ גויע געקויפט, אהיימגעבראַכט, ווי די הון איז אנטלאָפן, זוי מען האָט זי געכאַפּט... און לאַכט דערביי, און זעצט אויס די ציינדלעך, און דאָס קול קלינגט אָפּ אין אלע ווינקעלעך, און פון די ציינדלעך איז כמעט אַ שיין דורכגעפלויגן, אזוי ווייס זענען זיי געווען... און רעדנדיק און לאַכנדיק דרייט זי זיך אזוי ארום טיש... און אַרבל האָט זי קורצע, פּאַרקאַשערטע; הענט — נאַקעטע, ס'העמד פון פאָרנט אויפגעריסן, און דאָס ליבּ, — זי האָט זיך מיט עפּעס אויסגעשמירט, — שמעקט מכל המינים בשמים! — און זי סטאַרעט זיך... און רירט זיך אָן אָן טיש, אָן בענקל, אָן רבס האנט... קוקט ער אויף דעם הינדל, לויפט זי און שטעלט זיך אים פון הינטן, און קוקט אריבער, און רירט אָן מיט דער מאָרדעטשקע דעם קאָפּ... און דער אָטעם וואַרעמט אים דורך דער יארמולקע... בלאָזט אויפן נאַקעטן האלדז און — אלץ בחנם! דער רב הערט אויס, ווארפט נאָכאמאָל אַן אויג, ווו מען דאַרף און זאָגט: כשר! און דו, — זאָגט ער, מיידל, היים דיר רעדן אַ שידוך!!!

פליט אַרויס די מויד מיט דער הון דורכן פענצטער...

שמייכלט דער רב. ער האָט שוין פארשטאַנען, וואָס עס באטייט — און גאָר נישט.

און דאָרט איז ווייטער אַן אסיפה. זה בכה וזה בכה. רופט זיך אָן גאָר אַ יונג לאַפּיטוטל, ערשט אויף דער לערן, נאָך קיין איין פעדער נישט אין קאָפּ און קיין איין צאָן ארום האלדז, רופט ער זיך אָן און זאָגט: —

האָט דער בעלעמער רב גאָר קיין תאווה נישט?

— אינגאַנצן אויסגעטון! — ענטפערט מען.

— האָט גאָרנישט ליבּ?

— אפשר אַ שוויץ־באָד ערב שבת...

פּויזע. גיט ער נאָך אַ פרעג: האָט ער נישט עפּעס אַ מנהג, אַ גע־וווינהייט, קנעטן, למשל, קיילעכלעך פון ברויט ביים בענטשן?...

— מען האָט אים נישט געזען עסן! מן הסתם נ י ש ט...

איין לילית דערמאָנט זיך, אז ווען ער האָט אירע בשמים דערפילט, האָט ער געכאַפּט א שמעק טאַבאַק!

— געַנוּג! — זאָגט ער — און נעמט רשות — ואיננו!

א מנהג ישן האָט דער בעלעמער רב געהאַט, יעדן ערב שבת נאָכן באָד, ארויסצוגיין אין פעלד אריין, — געהאַט שוין א וועג צווישן ווייץ און צווישן קאָרן — און צו זאָגן בעל־פה שיר־השירים. און ווייל ער איז געווען א ייד א פארחושטער, און האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פארגיין צו ווייט, האָט ער זיך איינמאָל פאר אלע מאָל אויסגעמאָסטן מיט די טריט דעם זועג. און געמאַכט זיך א סימן אָן א ביימל... „מה נאה אילן זה", האָט ער נ י ש ט געזאָגט, כאָטש אויפן ביימל זענען געוואַקסן פ י ר ו ת ווי ק ר ע ל ן... נאָר פאר א סימן... פלעגט ער האלב שיר־השירים אָפּזאָגן אויפן וועג ביז צום ביימל, אנידערזעצן זיך, נעמען א שמעק טאַבאַק פון קאָרענעם פושקעלע, אָפּרוען זיך א ווײַלע, און אויפשטיין, גיין צו קבלת שבת, און אָפּזאָגן די צווייטע העלפט שיר השירים צוריקוועגס... און פלעגט קומען פונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, איידער דער רב איז אָנגעקומען, באַווייזט זיך אויף דעם אָרט א דייטשל, מיט א קאַפּעליוש, מיט הויזן אין גרינע פּאַסן, און גיט א ריים אוים דאָס ביימל און גיט עס א טראָג־איבער א שטיק ווייטער, און זעצט זיך אונטער'ן ביימל פון יענער זייט, און זיצט — א שמאָל דייטשל — מען זעט עס נישט ארוים.

קומט אָן דערווייל דער רב צום אָרט, ווו דאָס ביימל איז געשטאַנען — האלב שיר השירים אָפּגעזאָגט, און צום ביימל איז נאָך ווייט!... איז ער זיך מצער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכוונה. נעמט ער אויף זיך באַלד א תשובה. עס האָט זיך אים, ווי אלע מאָל, פארוואָלט א שמעק טון... דאָס הארץ חלשט אים — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום ביימל! ער איז אפילו שוין אביסל מיד... נאָר משנה זיין וועט ער נישט... און ער גייט קוים, ער קומט צום ביימל צו. אזוי מיד איז ער געווען און אזוי האָט זיך אים פארגלוסט א שמעק טאַבאַק — ממש די אויגן זעען נישט! נאָר, געלויבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטערן ביימל! כאַפּט ארוים פון בוזעם דאָס קאָרענע פושקעלע, עס ציטערן אים אַזש די הענט, — גיט עפּעס פון

הינטן אַ בלאָז, ס'קאָרענע פּושקעלע פֿאַלט אים פֿון דער האַנט אַרויס; שטרעקט ער אויס די האַנט — עס גיט אַ בלאָז, מן הסתם — אַ ווינטל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווייטער, ער ציט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט ווייטער אויס די הענט — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און ער קריכט נאָך: דער שמעק־טאַבאַק ציט אים... קריכט ער אַזוי אויף אַלע פֿיר... שמייכלט דאָס דייטשל אונטערן ביימל פֿון יענער זייט און הערט נישט אויף צו בלאָזן. פּלוצלינג גיט ער אַ כאַפּ אַרויס דאָס ביימל... און כהרף עין שטעלט ער עס ווידער, ווו עס איז געשטאַנען... דער רב האָט נישט אויסגעפּעיעט צו כאַפּן ס'פּושקעלע . . . עס בלאָזט ווייטער... דער רב גיט אַ קוק: דאָס ביימל שטייט פֿאַר אים ווייט! מיינט ער, אַז ער איז, פֿאַרטראַכטערהייט, פֿאַרקראָכן צו אַן אַנדער ביימל, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל — אויסגעשטערנט! ער האָט אַפֿילו שקיעת החמה נישט באַמערקט... אַזוי האָט אים דער שמעק טאַבאַק געצויגן! — אמת, זייער אַ ליכטיקע נאַכט געווען... מילא, עס איז מער ווי אַ תחום שבת — אין שטאָדט אַריין וועט ער נישט גיין, שפּייזן וועלן אים די קראָען, וואָס האָבן אליהו הנביא געשפּייזט... נאָר כאַפּן ס'פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דייטשל בלאָזט, ס'פּושקעלע קאָלערט זיך... — כ'וועל אייך לאַנג נישט ברייען, ער איז אַריבער איבער אַ תחום שבת!...

דאָס לאַפּיטוטל האָט באַלד אַ גרעסערע שליחות באַקומען!

פֿאַר'ן אוועקגיין, האָט ער צום שוואַרצן עולם געזאָגט:

— איבער אַ באַרג פֿאַלט מען נישט... געשווינדער שטרויכלט מען איבער ק ל י י נ ע תאוהלעך.

דער תענית

א ווינטער־נאכט! שרה זיצט ביים „קאנאנעק" און שטאָפּט אַן אַלטן זאַק. די ארבעט מיט געפרוירענע הענט גייט נישט זייער געשווינד; פאר קעלט זענען איר אויך ברוין און בלאָ געוואָרן די ליפּן, אָפט ליגט זי אוועק די ארבעט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפרוירענע פיס.

אין א בעט אויף א גאַלן שטרוי־זאק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אינדערמיט מיט עטלעכע אַלטע קליידער.

וואס אמאָל כאַפּט זיך אויף אן אנדער קינד, עס הייבט זיך אויף אן אנדער קעפּל און רופט: עסן!

— ווארט, ווארט, קינדערלעך, — טרייסט זיי שרה, — אָט, באלד וועט קומען דער טאטע, ברענגען וויעטשערע; איך וועל אייך אלע אויפוועקן!

— און ווארעמעס? — פרעגן די קינדער וויינענדיק — מיר האָבן דאָך קיין ווארעמעס נישט געגעסן!

— ווארעמעס אויך!

זי גלויבט דאָך אליין נישט אין דעם, וואס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אלע זייטן, טאָמער וועט זי נאָך עפּעס געפינען צו פארזעצן... — נישטאָ!

ליידיקע, נאסע פיר ווענט! א צעשפּאלטענער אויוון! אלץ איז נאס און קאלט!... אויפן קוימען שטייען א פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפן אויוון — אן אלט, אויסגעבויגן בלעכן חנוכה־לעמפּל; אין דער הייך אין באלקן שטעקט א נאָגל — א זכר פון א הענגל־לייכטער, צוויי ליידיקע בעטן אַן א קישן... גאר נישט, גאָר נישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זענען רעכט איינגעשלאָפן. שרה קוקט אויף זיי מיט הארצוויטיק, מיט רחמנות, און טראָגט איבער די פארוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט; שווע־

רע טריט אויף די טרעפ אין דער סוטערינע אריין; קאנען קלאפן, דא אין דער רעכטער, דא אין דער לינקער זייט וואנט. א שטראל פון האָ־פענונג באַלייכט איר איינגעשרומפן פּנים. זי קלאַפּט א פּאָר מאָל א פּוס אַן א פּוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט־צו צו דער טיר. זי עפנט, עס קומט אריין א בלאסער, איינגעבויגענער ייד מיט ליידיקע קאנען.

— נו? — פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אוועק די קאנען, ליגט אָפּ די יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָר נישט! גאָר נישט! מ׳האָט אין ערגעץ נישט באַצאָלט.... מאָרגן, זאָגט מען... יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן... ראש־חודש...

— די קינדער האָבן כמעט אין מויל נישט געהאַט, — מאַכט שרה — כאָטש גוט — זיי שלאָפן... בידנע קינדער מיינע! זי קאָן זיך נישט איינהאַלטן און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר!? — פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל... די קינדער זיינען א ז ו י הונגעריק!...

מיט געוואַלד וויל זי איינהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זיין אונזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה! זינדיק נישט מיט די רייד! פאַראיאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן א דירה! די קינדער האָבן זיך בייטאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביינאַכט — אין די הייף... היינט כאָטש אויף א שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער א דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט איז איר טאָקע אינמיטן גאַס א קינד אוועקגעקומען. עס האָט זיך פאַרקילט, הייזעריק געוואָרן און געשטאָרבן.

— געשטאָרבן ווי אין וואַלד... (זיי צו לענגערע יאָר!) נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען.. מ׳שטיינס געזאָגט, נישט אַפילו די שיל איינגעריסן, נישט דאָס פעלד געמאָסטן, קיין עין הרע נישט אָפּגעשפּראָכן... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי א ליכט!

און ער טרייסט זי.

— ווײן נישט, שרה, ווײן נישט... זינדיק נישט פאר גאָט!

— אך! ווען וועט ער שוין אויף אונדז רחמנות האָבן!

— האָב אויף דיר אַלײן רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זע, ווי דו זעסט אויס! היינט צען יאָר איז געווען אונזער חופה... קוק אָן דײן פּנים... ווײ און ווינד! דו ביסט דאָך געווען די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהײסן, געדענקסט, מענדל גיבור... היינט ביסטו געבױגן אין דרײען, קראַנק... כאָטש דו האַלטסט פאַר מיר בסוד!

— אך, גאָט! גאָט! — רײסט זיך איר אַרויס אַ געשרײ.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? האָט זיך מענדל פּלוצלינג אָנגערופן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ תענית, — זאָגט מענדל מיט אַ פינצטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, אײדער די קינדער האָבן פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו זײ.

— וואָס פאַר אַ תענית? וואָס פאַר אַ תענית? — פרעגן זײ ווײנענדיק.

און מענדל פאַרצײלט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז היינט, נאָך בײ שחרית, צו קריאת התורה, איז אַראָפּגעפאַלן די ספר־תורה פון שלחן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגן אויסגערופן אַ תענית, אפילו פאַר זײגעדיקע קינדער!

די קינדער שווײגן און ער פירט ווײטער:

„אַזאַ תענית ווי יום־כפור, זוי תשעה־באב; פון היינט פאַרנאַכט אָן!״ די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הײבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופן:

— מיר וועלן פאַסטן! פאַסטן!

מענדל פאַרשטעלט מיט די פּלײצעס דעם קאַנאַנעק, זײ זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרואיקט ער די קינדער — גענוג! אין אַ

תענית ט אָ ר מען נישט טאנצן... אם ירצה השם, — שמחת־תורה!..

די קינדער זענען צוריק אין בעט אריין.

פארגעסן דעם הונגער!

א מיידעלע הייבט אָן זינגען „אבינו מלך" „אויפן הויכן בארג"... א קעלט לויפט מענדלען דורך אלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט א פארשיקטער שטימע —

די קינדער ווערן שטיל און שלאָפן איין, מיד פון טאנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטערער, וואגט זיך נאָך און פרעגט:

— טאַטע, ווען ווער איך בר־מצווה?

— נאָך ווייט, חיים'ל, נאָך ווייט... נאָך פיר יאָר, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין...

— דעמאָלט וועסטו מיר קויפן א פּאָר תפילין?

— ווי דען?

— א תפילין־זעקעלע?

— מן הסתם!

— און א סידורל?... א קליינם מיט א גאָלדענעם שניט?

— מיט גאָטס הילף... בעט גאָט, חיים'ל!

— דעמאָלט, וועל איך פאסטן אלע תעניתים!

— יאָ, יאָ, חיימל... אלע תעניתים...

שטיל האָט ער צוגעגעבן:

— רבונו של עולם, נאָר נישט אזוינע, ווי היינט!...

צום נייעם יאָר

— און דו וועסט אַלץ שווייגן?
— ווילסט, איך זאָל רעדן?
— היינט וויל איך. מיך שרעקן דיינע רייד, ביטער און שטעכנדיק זענען זיי; ערגער אָבער איז דיין שווייגן. עס פאַרמאַטערט.
זע, עס טראָגט זיך איבעראַל אַ טרויער אַרום...
אין דער הייך טראָגן זיך פאַרוואָגלטע, פאַרגליווערטע שטיקער וואָלקן; אַזוי נאָענט צו דער זון, און זיי פרירן!
אונטן — די פאַרגעלטעביימלעך; שיין זיינען זיי, נאָר טרויעריק איז זייער שיינקייט, ווי אַ שטילע ווידוי רוישן די ביימלעך אויס...
און די וויין־לויבע פלאַמט; פלאַמענדיק שטאַרבט דער וויין...
און אַ יאָר שטאַרבט...
רעד צו מיר!
— טרייסט דיך, ליב קינד, — אַ נייעם ווערט געבוירן!
— נו ווינטש מיר צום נייעם יאָר!
— אויף דער טאַץ פאַר דיר ליגן גענוג ווינטש־קאַרטן...
— און דאָך — נישט גענוג...
— וואָס ווינטשן דיר אַנדערע, קינד!
— אַ טראַדיציאָנעלע, געדרוקטע קאַרטע שיקט דער טאַטע: „לשנה טובה תכתבי”...
אַזאַ קאַרטע שיקט אויך די מאַמע; זי שרייבט נאָר צו: „זיי טאָכטער געזונט און שטאַרק, און גליקלעך”...
— אַ שווער וואָרט!
— „און עלטער דיך אין פריידן” —
— און דיך שרעקט עס?
— וואָס?
— דאָס עלטערן זיך! דיין שטימע האָט געציטערט...

— מענגלעך... אַ קאַרטן פֿון חברטאָרנס... געדרוקטע, פֿאַרשידע־נע שפּראַכן...

— און — — — באַקאַנטע? די בעסערע פֿון זיי?

— אַ איינער, אַ בעסערער...

מיט טרוקענע פּיס, ווינטשט ער מיר, זאָל איך גיין איבער די פּאַ־ליעס פֿון לעבן...

— איבסען!

— אַן אַנדערער הייסט מיר דורכגיין דאָס בלוטיקע לעבן אומבאַ־פלעקט, ווי אַ ווייסער שוואַן...

— דאָס פֿאָלק זאָגט: אַ ווייסע גאַנז. און דאָס לעבן איז נאָך ביי אונדז מער שווייסיק, אַלס בלוטיק...

— ביטערער מענטש; ווינטש מיר דו!

— איך? איך קען דיך צו ווייניק... איך קאָן מיר דיין מאָרגן און איבערמאָרגן קוים פֿאָרשטעלן... דיין שמייכל, ווען דיין ווייַן האָט געבליט און דער עפּל־בוים האָט זיך אונטער זיין לאַסט געבויגן, האָט מיך צו דיר געצויגן, און דיין איצטיקער טרויער בינדט מיך צו דיר, נאָר פֿרעמד ביסטו מיר נאָך!

— דאָך, ווינטש מיר!

— ווי דו ווילסט...

איך קען דיינע וועגן נישט...

נאָר הער, קינד, וואָס טוסטו, ווען דו גייסט פֿאַרביי פֿאַר אַ שמי־דעריי?

— וואָס פֿאַלט דיר איין?

— דאָך!

— ביי טאָג שטעל איך מיך נישט אָפּ.. פֿאַרנאַכט האָב איך ליב מיך אויפֿן גראָז פֿאַר דער שמידעריי צו ליגן און קוקן אויף די פֿונקען, אויף די גלי־ווערעם, וואָס צעשפּריצן און צעפֿליען זיך אין דער הייך...

— אַ קליין פֿאַרגעניגן... פֿון דיינע אויגן שפּריצן מער און שענערע פֿונקען...

איך ווינטש דיר בעסער: גיי אַריין צום שמיד, דריק אים די שווע־רע האַנט און פֿרעג אים, וואָס ער טוט...

און ענטפֿערט ער, ער קאָוועד גראָב־ און אַקער־אייזן, זאָג אים: עס

איז נוצלעך, דאָך איז פאַראַן נוצלעכערע אַרבעט... עס איז צייט אויף ברעך־אייזן, אויף האַק און האַמער; פאַראַן אַזוי פיל מויערן צו ברעכן!

— ער וועט מיך פאָלגן?

— קוק אויף אים, וועט ער פאָלגן; אין דיינע אויגן ליגט די פערשאַפט...

— דו שפּאַסט...

— ניין... און וואָס טוסטו, קינד, ביים ברעג פון ים?...

— אַך, דעם ים האָב איך ליב!

איך האָב ליב צו לייענען אויפן זאַמד ביים ברעג פון ים, און אַרויס־שטרעקן די נאַקעטע פיס, ער זאָל זיי מיר וואַשן און גלעטן...

— און איך ווינטש דיר, קינד, האָב נישט ליב דעם ים, ווען ער לאַסציעט זיך צו דיר ווי אַ קאַץ, נאָר ווען ער וועקט זיך אויף אַלס לייב! גיי־מיט מיט די, וואָס באָדן זיך מיט אָט דעם לייב! קוק אויף זיי ווען זיי פירן די שיף, און שטראַל אויס אויף זיי די ליכטיקע קראַפט...

— דו האַלסט מיך אַזוי שטאַרק!...

— און טאַנצן, קינד, קאָנסטו?

— ווייטער דער ביטערער טאָן!

—ניין, קינד! דאָס נייע יאָר מאַכט מיך אויך ווייך, ווייניקסטנס, ביי דיר... נאָר הער, אַ שיין ווייב קומט גאַנץ אָפט פאָר, צווישן שווערדן צו טאַנצן...

— וואָס דו רעדסט!

— ווינטש איך דיר, קינד, בלייב שטיין, ריים אויס איינע, די שאַרפסטע, און פאָר דעם, וואָס הייסט טאַנצן צווישן שווערדן...

— דו שרעקסט מיך, מענטש!

— איך האָב דאָך נאָר דיין ווילן געטון...

און איב דו ווילסט, האָב איך פאַר דיר אַ לייכטערן ווונטש!

ווייניק בלוט האָסטו, קינד, דער העלער, הייסער טאָג איז דיר צו לעסטיק, צו רווישעדיק, ער באַטייבט דיך!

— געוויס...

— האָסט ליב דעם שטילן אָוונט...

— דעם שטילן, טרויעריק־שטילן אָוונט; דאָס שטילע אויפשטראַ־לן פון די שטערנדלעך...

— און דעם בליצנדיקן ציך־צאַך פון די, וואָס פאַלן...

— אַך, מענטש!

— און איך ווינטש דיר, אויב דער טאָג מיט זיין אַרבעט איז דיר צו לעסטיק, האָב ליב דעם פרימאָרגן... דאָס אויפשטראַלן פון נייעם טאָג...

טרויעריק ביסטו, קינד. און דאָס פאַרגיין פון זינקענדיקן טאָג מאַכט דיך נאָך שוואך און באַנק... פאַרשלאָף דעם זיסן סם פון גוסס־דיקן אָוונט, און לעב צו מאָרגנס, ווען עס וועקט זיך דאָס נייע לעבן, ווען עס שפּינט זיך אויס דער נייער ווילן צום לעבן... עס וועט דיך מיטרייסן, קינד!

איז דאָס אויך איבער דיין קראַפט?

לשנה טובה תכתבו

ל ש נ ה   ט ו ב ה   ת כ ת ב ו
אלע, אלע, ווו איר זייט!
צו אייך האָט דאָס הארטע מזל
אויף א וויסטן סטעפּ פארשפּרייט!

צי איר קילט די הייסע שטערן
ביי דער נאסער מערב־וואנט,
צי איר שיפט אייך איבער י מ י ם
צו א נ יי פארשפּראָכן לאנד!

צי איר טראָגט די יאָך די שווערע,
מיט א שמייכל: איי, ווי גרינג!
און איר קויפט די לופט צום לעבן
און איר צאָלט פאר יעדן שלינג!

אלע אייך צום יאָר צום נייעם — —
יעדער שפּראך און יעדעם קלייד: — —
ל ש נ ה   ט ו ב ה   ת כ ת ב ו
אלע, אלע, ווו איר זייט!

דער חלום

יונגערהייט (א ציט פון דריי ביז צוועלף יאר) בין איך כמעט נישט ארויסגעקומען פון שטוב. איך בין עטלעכע מאל געפערלעך קראנק געוועזן און דער דאקטאר האט מיר פארווערט דאס לערנען. בסוד סודות פארן בייזן דאקטאר, וואס פלעגט פאר נישט פאלגן טופען מיט די פיס און קולות מאכן האט מען מיך אינדערהיים קוים אויסגעלערנט דאווענען. איך פלעג גאנצע טעג זיצן, זומער — ביים פענצטער, און ווינטער — אין בעט, און אויסהערן די לידלעך, מיט וועלכע מיין קליין ברודערלס ניאניע פלעג אים איינשלעפן.. ערשט צום צוועלפטן יאר האט מען מיך אויף א האלבן טאג געשיקט אין חדר אריין, אויך האט מען דעם רבין שטרענג אנגעזאגט, ער זאל מיך נישט מאטערן און — גאט באהיט! נישט אנרירן. —

נאך עטלעכע וואכן זיין אין חדר, בין איך געווארן א מין „כוי"[1]: האלב ייד און האלב גוי... דער ניאניעס לידלעך און דעם רבינס מעשות האבן זיך מיר וואונדערלעך אויסגעמישט אין מוח. ווי אזוי איך האב מיר פארגעשטעלט די הייליקע זאכן, ווייס איך שוין נישט... פארפלאנטערט זענען זיי געוועזן גענוג; נאר געצייטערט האב איך פאר צוויי מלאך־המותן. מיט איינעם — א זכר — האט מיך דער רבי באקאנט געמאכט. ער האט מיר פארציילט, אז „ער" האט 1000 אויגן און א שווערד אין דער האנט! זיין פנים האט ער מיר נישט באשריבן, און דעריבער האב איך אים אליין צוגעגעבן דעם רבינס בייז, ביינעריק פנים, זיין שפיציקע נאז, שפיזענע אויגן און קאלטאנאוואטע בארד און פאות. די שווערד האב איך דעם מלאך המות געלאזט אין דער רעכטער האנט, און אין דער לינקער אריין האב איך אים איינגעשטעקט דעם קאנטשיק מיט די בלייערלעך, וואס דער רבי פלעגט גאנץ אפט אראפלאזן אויף מיינע חברימס אקסל.

דעם צווייטן, אדער בעסער געזאגט — די צווייטע מלאך־המותטע

---

1) „כוי" — קווי.

האָט מיר פאַרגעשטעלט מיין ברודערס ניאניע. שטענדיק פלעגט זי זינגען פרומע לידלעך; אַזוינע אויסגעצייכנטע, וויינענדיקע, ווייכע, אַז עס פלעגט מיך אָנכאַפּן ביים האַרץ... גאַנץ אָפט פלעגט זי זיך ערגעץ אַרויסגנבענען, צוריקומען מיט אַ רויט פּנים, טרערן אין די אויגן און ציטערדיקע הענט; זי וואַקלט זיך אויף די פיס און זינגט מיט אַ טרויעריק, דעמפּיק קול, ווי פון אַ גרוב אַרויס, אַ לידל פון אַ מלאך המות. דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, אַ נקמה; איינגעהילט אין אַ ווייס ליילעך, פליט זי אַרום אין דער לופט, און אויף וועמען זי וואַרפט ביינאַכט דאָס ליילעך, דעם נעמט מען מאָרגן תכריכים...

טיילמאָל שאָקלט זי מיטן ווייסן ליילעך איבער אַ גאַנץ דאָרף אָדער אַ שטאָט, — דעמאָלט ווערט אַ מגיפה. אָנעם ליילעך איז די „נקבה" אַפילו גאָרנישט מיאוס: בלויע אויגן, לאַנגע, העל־זיידענע האָר...

דאָס אייגענע יאָר האָט מיך דער טאַטע דאָס ערשטע מאָל מיטגענומען ראש־השנה צום דאַווענען. קומענדיק אין שיל אַריין, און דערזעענדיק דעם ווייסן עולם, האָב איך אָנגעהויבן ציטערן, נאָר דער טאַטע, וואָס האָט מיך געפירט ביי דער האַנט, האָט דאָס נישט באַמערקט און האָט מיך נאָכגעשלעפּט ביז צו דער מזרח־וואַנט, ער האָט מיך אַנידערגעזעצט נעבן זיך און געגעבן אַן אויפגעמישט מחזורל אין דער האַנט אַריין. איך האָב פון ווייסן עולם קיין אויג נישט געקאָנט אָפּרייסן, און דאָס געוויין פון דער ווייבערישער שיל האָט מיך דורכגענומען... שפּעטער האָב איך באַמערקט דעם וואַלד מיט ליכט אין ארון, אין דער רעכטער האַנט ביים חזן, און, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָב איך מיך נאָך מער געשראָקן און צוגעדריקט זיך פעסטער צום טאַטן.

— ביסט, נעבעך, מיד פון דער היץ, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — לייג דיך אַביסל צו...

איך האָב געפאָלגט. איך האָב מיך צוגעלייגט אויף דער באַנק און אָנגעשפּאַרט דעם ברענענדיקן קאָפּ אויפן טאַטנס שויס. מיט פאַרמאַכטע אויגן בין איך אַביסל רואיקער געוואָרן. פון דער וואַרעם בין איך באַלד איינגעשלאָפן, און עס האָט זיך מיר געחלומט אַ וואונדערלעכער חלום:

איך בין געלעגן קראַנק אין בעט און דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געשטאַנען איבער מיר און האָבן געוויינט. די מאַמע האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ טיכל, נאָר דער קאָפּ מיט די פּלייצעס האָבן

שרעקלעך געציטערט. דעם טאַטן זענען גערונען די טרערן איבער די איינגעפאַלענע באַקן. פון דאָרט זענען זיי אַראָפּ אויף דער ברייטער, בלאָנדער באָרד, און פון דאָרט — אויף דער ברוסט. אין אַ ווינקל זענען געשטאַנען צוויי דאָקטוירים, וואָס האָבן מיך נאַרוואָס באַטראַכט, און סודען זיך צאַינד אויף לאַטייניש, קוקנדיק אויף מיר פון דער זייט. גאָט ווייסט — קלער איך מיר — וואָס פאַר אַ ביטער געזאַלצן פלעשעלע זיי ווילן מיר צאַינד פאַרשרייבן. נאָר אַזוי לייכט וועל איך שוין נישט איינעמען. וועט זיין קאַווע־לעפעלעך, וועט מיר די מאַמע מוזן געבן איר יום־טובדיקע ציטער־נאָדל צו שפּילן, און אויב גאַנצע עס־לעפל — וועל איך נאָך ווילן דעם טאַטנס זילבערנעם גאַרטל מיטן גאָלדענעם קאַפּעל פון פּסח'דיקן סדר.

איך האָב געמוזט אין חלום אַ סך יונגער זיין, אַז עס האָט זיך מיר אַזוינס פאַרגלוסט.

נאָר פּלוצלינג האָב איך דערזען אין די פענצטער, קעגן וועלכע איך בין געלעגן — צוויי געשטאַלטן.

אין פענצטער פון דער רעכטער זייט איז געשטאַנען די מלאך־המותטע אין ווייסן ליילעך, און אין פענצטער פון דער לינקער זייט — דער מלאך המות מיט 1000 אויגן און אַ שווערד אין האַנט... זי וויל שוין אויסטאָן דאָס ליילעך, זויל עס וואַרפן אויף מיר; ער הויבט שוין אויף די שווערד, — נאָר זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע דערזען, איינס פאַר דעם אַנדערן זיך דערשראָקן און ביידע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן...

פאַר שרעק האָב איך מיך אָנגעהויבן צו שטיקן, דאָס בלוט איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן, אונטער די נעגל האָט מיך געשטאָכן, ווי מיט שפּילקעס, און די עטלעכע האָר, וואָס זענען מיר געבליבן נאָכן טיפוס, האָבן זיך אויפגעשטעלט און געריסן זיך פון דער הויט אַרויס, גלייך זיי ווילן אַנטלויפן פאַר שרעק...

מען באַמערקט מיין לאַגע, עס ווערט אַ געשריי, די טאַטע־מאַמע מיט די דאָקטוירים לויפן צו מיר צו, פּלוצלינג... ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן.

צי האָט מיר עמעץ די האַנט אויף די אויגן אַרויפגעלייגט? צי האָט מען פאַרן מלאך המות די לאָדן פאַרמאַכט? צי חלש איך?

און אפשר בין איך גאָר געשטאָרבן?

קוים האָב איך מיך דאָס געפרעגט, האָט זיך דער חלום פאַרענ־דערט.

איך בין שוין טאַקע אַ געשטאָרבענער... ביידע מלאך המותן פירן מיך ערגעץ, — וואַלד אויס, וואַלד איין, איבער טאָל און איבער בערג.

איך האָב מורא צו פרעגן, ווו אַהין מען פירט מיך. זיי זעען ביידע אַזוי שרעקלעך אויס, אַז איך ציטער אַ ריר צו טון מיט די ליפּן. אויך ווייס איך נישט, צי אַ טויטער מעג און קאָן רעדן...

— מן הסתם אין גן־עדן אַריין, — טרייסט איך מיך, — איך בין דאָך אַ גוטער געווען און אַזוי פיל געליטן יונגערהייט... איך האָב קיינעם קיין גוטס נישט געטון, וואָרום וואָס פאַר אַ גוטס קאָן טון אַ קראַנק יינגעלע? דאָך זומער־צייט, אין שיינעם וועטער, אַז מען האָט מיך צוגע־רוקט אויף אַ פאָטעל צום פענסטער, פלעג איך אַרויסשיטן די פייגעלעך עסן... פּיצלעך זעמל, קרישקעלעך ברויט, טיילמאָל אויך פעדעמלעך פלייש, אויב איך אַליין האָב גראָד געגעסן...

און מען פירט מיך טאַקע אין דער אייגענער רגע איבער אַ גרינעם וואַלד, ווו די פייגעלעך וווינען. זיי שטייען גאַנצע מחנות אויף די ביי־מער, און זינגען אַלע אין איין כאָר:

— אין גן־עדן אַריין, אין גן־עדן אַריין! דו ביסט אַ גוטער געווען, דו האָסט אונדז, אָרעמע, שוואַכע פייגעלעך, עסן געגעבן!

און טאָמער, חלילה, אין גיהנום אַריין? פרעגט דאָס פאַרקלעמטע האַרץ. אין דער רגע פאַרטווישט זיך די געגנט; דער וואַלד ווערט פאַר־שווונדן, און איך פלי צווישן שנייענע בערג... אַרום איז קיין צייכן פון לעבן נישטאָ. עס פינקלט אַזוי קאַלט, עס בלישטשעט אַזוי שטאַר, אַזוי טויט... פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ סטאַדע שוואַרצע קראָען מיט פייערדיקע אויגן.

— קראַ־קראַ־קראַ! — שרייען די קראָען — אין גיהנום אַריין, אין גיהנום אַריין! אונדז האָט ער קיינמאָל קיין קרישקעלע געוואָרפן.

און די קראָען האָבן אמת געזאָגט. פאַר זיי האָב איך שטענדיק מורא געהאַט. איינמאָל האָט זיך אַ קראָ צוגעשלאָגן, מן הסתם — פאַר הונגער, צום פענצטער, און האָט געדראַפּעט אין די שויבן... אויפן פענצ־טער־ברעטל אין שטוב איז געלעגן ברויט... איך בין אַפילו קראַנק געלעגן,

איינער אַליין געווען אין שטוב, איך האָב דאָך געקאָנט רופן, מען זאָל די אָרעמע ראַטעווען... איך האָב מיך אָבער פאַר דער קראָ דערשראָקן און באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע... נאָכן ווינטער, אַז דער שניי איז אָפּגעגאַנגען, האָט מען אונטערן פענצטער אַ טויטע קראָ געפונען...

פלוצלינג הייבן מיר זיך אָן אַראָפּצולאָזן. די לאַנדשאַפט האָט זיך ווייטער געענדערט, מיר פליען איבער אומגעהויערע פעלדזן, וואָס שטייען קאָפּ אויף קאָפּ און באַוואַקסן עפּעס אַ וואַסער. צי איז דאָס דער ים הקרוש, צי דער סמבטיון, אָדער אַן אַנדער וואַסער — ווייס איך נישט. מיר האָבן עטלעכע רעדער געמאַכט איבער די פעלדזן, און ענדלעך זיך אַראָפּגעלאָזט צו אַ הייל. מיינע באַגלייטער האָבן מיך אַריינגעלאָזט, געהייסן זיך אַני־דערזעצן ביי דער וואַנט, און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט היטן ביים אַריינגאַנג; די מלאך־המותטע פון איין זייט, דער מלאך המות פון דער צווייטער. אין דער הייל איז פינצטער, נאָר אויף דער קאַלטער, גליטשי־קער ערד טאַנצן אַרום עטלעכע ליכטיקע קיילעכלעך, כמעט די אייגענע, וואָס איך האָב ערב ראש־השנה ביי אונדז אין קעלער געזען, ווען דער משרת האָט מיך מיטגענומען, אויסקלייבן אַ גוטע פלאַש וויין אויף קידוש...

די ליכטיקע קיילעכלעך האָבן מיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן דערהיים... איך האָב אָנגעהויבן קלערן, וואָס דאָרטן טוט זיך. צי דער טאַטע האָט מיך שוין פאַרגעסן, צי די מאַמע דערמאָנט מיך כאָטש אַמאָל, צי קומען זיי כאָטש אַמאָל אויף מיין קבר?... און ווער זיצט אויף מיין בענקל ביים טיש? און ווער קריגט די לעבערלעך פון די פיש?

עס האָט מיך אָנגענומען אַ ביטער געוויין, נישט איינצוהאַלטן, און איך וואַרף אַ בליק מיט שרעק אויף מיינע שומרים... רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס?

פון דער מלאך־המותטע האָט זיך אַראָפּגערוקט דאָס ווייסע לײַלעך... וואָס פאַר אַ זיידענע האָר! וואָס פאַר אַ בלויע אויגן! אַ רויט־פאַרטרונקן פּנים מיט אַ האַלב גאָלן קאָפּ... און דער קאָפּ וואַקלט זיך און די נאָז (כאָטש נישט קיין לאַנגע) שלאָגט זיך אַלע מאָל אָן אָן דער פלאַש, וואָס

זי האַלט אין ביידע ציטערדיקע הענט... איך קוק מיך בעסער צו, — דאָס איז ז י! ז י, מיין ברודערס ניאַניע!...

איך וואַרף איין אויג אויפן צווייטן — וואָס פאַר א 1.000 אויגן? וואָס פאַר א שווערד! עס זיצט מיין רבי, רייכערט א לאַנגע ליולקע־ציבעך. האַלט־צו איין אויג און וויל פאַרמאַכן דאָס צווייטע...

צי חלומט זיך מיר?

פלוצלינג עפנט די מלאך־המוותטע איין אויג און פרעגט:

— א צאַ, פּשיא יוכא פּאָוויע רביצין, יאַק ציע טו זעמנאָן זאַבאַצי?

דער מלמד ענטפערט נישט, א שמייכל וויזט זיך אויף זיין פּנים, און ביידע שלאָפן איין...

זיי שנאָרכען, און איך באַנוץ די געלעגנהייט און אַנטלויף...

איך לויף איבער טאָל און בערג, וואַלד אויס, וואַלד איין, און קום ענדלעך אין א שטאָט אריין... איך קוק מיך אום — עס איז מיין שטאָט! נאָר עס איז שטיל, גלייך דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט אויסגעשטאָרבן; די גאַסן ליידיק, טיר און טויער און לאָדן פאַרמאַכט, די געוועלבער פאַר־האַמערט... וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? איך וויל לויפן אויף „אונדזער" גאַס. אויפן וועג טרעף איך עטלעכע ווייבער, וואָס לויפן דורך אין ווייסע ספּאָדניצעס, מיט העל־בלויע בלומען אויף די קעפּ און פּאַרווייִנטע פּני־מער... איך שטוים מיך, אַז עס איז ראש־השנה, דער עולם איז אין שיל, און די ווייבער לויפן פון קריאת־התורה, אָנזייגן די קינדער אָדער מבקר חולה זיין די קראַנקע...

מיין מאַמע פּלעגט אויך אַלע יאָר אַזוי טון, און איך לויף גלייך אין שיל אריין.

אין דער ווייבערישער שיל אַריין האָב איך מורא צו גיין, די מאַמע דאַרף נישט מער, נאָר איר טויטן זון צו דערזען! אַזוי חלשט זי אויך יעדעס מאָל, קוים צו דערמונטערן. איך גיי אין שיל אַריין צום טאַטן.

איך בין אין שיל, און קיינער זעט מיך נישט... דורכגייענדיק, ריר איך מיך אַלע מאָל אָן אין אַן אַנדערן; קיינער פילט מיך נישט. איך האָב דאָך קיין צייט נישט זיך אויף דעם אַלעם אומצוקוקן. איך לויף גלייך צו צו דער מזרח־וואַנט און שטעל זיך קעגן איבער דעם טאַטן...

ער זעט מיך אויך נישט! איך רוק אים אָפּ דאָס מחזורל, ער קוקט

זיך אום, מיט א פארוואונדערט און אביסל דערשראָקן פּנים, רוקט עס צוריק און זאָגט ווייטער נאָך דעם בעל־קורא...

איך זעץ מיך נעבן אים אַנידער, ער פילט נישט... ער פילט מיך נישט, כאָטש איך שפּאר מיך אָן אין אים, שטעל מיך אויף אויפן בענקל און קוש אים אין מויל אריין, כאָטש איך נעם אים אַרום און דריק מיך צו אים צו, — ער זעט מיך נישט, ער פילט מיך נישט... איך בין געשטאָרבן פאר דער וועלט... פארן טאטן אפילו...

און עס כאַפּט מיך אָן שרעקלעך געוויין, און איך צי מיך אוים אויף דער וואנט, און שפּאר אָן דעם קאָפּ מיטן פּנים אראָפּ אויפן טאטנס שוים, און הייב אָן אזוי צו שלוכצן, ביז —

דער טאטע וועקט מיך אויף און פירט מיך א קראנקן אהיים. —

דער אַלטער ר׳ שמעון

(זיין שופר בלאָזן, און די מ נ י ע ו ת — אייגענע און פרעמדע).

— עפּעס אַן אוצר מוזט איר האַלטן אונטערן אָרעם, ר׳ שמעון! מיט אַ ציטערדיקער האַנט דריקט איר עס צו צום האַרץ און דער נחת קוועלט אייך פון די אַלטע אויגן אַרויס.

— אי — שמייכלט אַביסל פאַרלעגן ר׳ שמעון — מיין שופר איז עס, מיין יום־טובדיקער שופר!

— יום טובדיקער?

— הערסט דאָך, איך האָב שוין אַזאַ מנהג — אין אַ וואָכעדיקן אלול־טאָג בלאָז איך אויף אַ פּראָסטן שופר, נאָר דער איז אַ טייערער, אַ פיין־אויסגעאַרבעטער, אַ יום־טובדיקער!

און ער נעמט אים אַרויס פון אונטער די אָרעם און קוקט אויף אים מיט ליבשאַפט. אַ קליין שופרל, אַן אַש־גרויעס, אַ דינס, נאָר אַ חנעוודיקס, אויסגעקרומט, ווי אַלע שופרות, נאָר חנעוודיק פאַרקרומט, ווי אַ קינדער־רישע העוויה...

און ער גלעט אים מיט ציטערדיקע פינגער, הייבט אים העכער צו דער באָרד און גלעט אים מיט די לאַנגע, פיינע, זילבערנע האָר. און ביידע „קדושות" מישן זיך אוים — דער הייליקער אַש־גרויער שופר מיט דער הייליקער זילבערנער באָרד, און די אַלטע אויגן זיינע לייכטן אַזוי קינדיש נחתדיק, אַזוי יונג...

— איר האָט ליב דעם שופר?

— ס׳לעבן! ווייל איך האָב דאָס שופר בלאָזן ליב!... מיין פאָטער עליו השלום איז אַ פאַכטער געווען, מיר האָבן אין דאָרף געוווינט, און — אַ ייִנגל, פלעג איך מקנא זיין דעם פאַסטוך מיטן פייפערל... ער פייפט, און, אויפן קול פון זיין פייפערל, פאַרזאַמלען זיך אַרום אים די שאָף, ליגן זיך אַרום און קוקן אים אין די אויגן אַריין...

א שופר איז אָבער העכער — ער זאַמלט נ ש מ ו ת צונויף, יידישע באַרג־סיני־נשמות... און ז י י הערן זיך איין!

איך האָב ליב דאָס שופר־בלאָזן...

— נישט שטענדיק — פאַרבעסערט זיך ר׳ שמעון — יום כפור די תקיעה־גדולה נישט... איך נעם דעם שופר צום מויל, און א האַלבער עולם ליגט שוין אונטער די בענק — איך קוק מיך אום און עס זעט מיר אויס, ווי א פעלד נאָך א שטורעם־ווינט, דריי פערטל תבואה צו דער ערד גע־בויגן — און דאָ דאַרף גיין א תקיעה גדולה — — עס פּאַסט נאָרנישט...

גאַנץ אלול איז אויך דאָס שופר־בלאָזן קיין שופר בלאָזן נישט.

וואָרום וואָס? א וואָכעדיקער עולם, א קליינער און א צושפּרייטער, דער אַרויף, דער אַראָפּ... דורך די אָפענע פענצטער רייסט זיך אַריין דער מאַרק... קולות פון יידענעס, להבדיל, פון פויערן... אויפן שיל־הויף בלאָזט ווייסע חברה... איך בלאָז און זיי בלאָזן... מבולבל ווערט מען!

ס׳אי׳נישט!

ראש־השנה איז עפּעס אנדערש!

דער גאַנצער עולם שטייט אין די טליתים מיט די בליצנדיקע עטרות — בני־מלכים שטייען... און צעשאָקלט זענען זיי ווי די פרישע גרינע זאַנגען אויפן געבענטשטן פעלד, און עס רוישט ווי אין א וואַלד, ווי א טייך —

— עפּעס קאָנט איר, ר׳ שמעון, אָן דאַרף נישט פאַרגעסן!

— גוטע צייטן געוועט... מיין „גירסא דינקותא״ — וואַלד און טייך, און אַן אַלטע מיל איז געשטאַנען אויפן טייך...

און אַז עס איז א ווינט געוואָרן, און דער וואַלד מיטן טייך האָבן אָנגעהויבן רוישן, פלעג איך — א נאַריש ייִנגל — טראַכטן, זיי זאָגן למנצח, און דער הימל וועט שופר בלאָזן... עט... אַמאָליקע צייטן...

— און היינט, ר׳ שמעון?

— היינט, אַז עס קומט מיר אויס פאַר פּסח פאָרן אין דאָרף אַריין כשרן די מיל, און דער וואַלד רוישט, און דער טייך רוישט, דאַכט זיך מיר: זיי בייזערן זיך! זיי בייזערן זיך אויף מיר... זיי בורציען: ווי קומ־סטו אהער, אַרויסגעטריבענער! גאָר אין מקום קדוש, אַז דער עולם צערעשט און צעשאָקלט זיך, שטייט מיר פאַר די אויגן דער א ל ט ע ר ג ו ט ע ר וואַלד, הער איך דעם אַלטן ג ו ט ן טייך... און ער רוישט

וואָס אמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס רייסט זיך אַרויס ווי אַ פלאַם! ווי אויף פליגל הויבט זיך די פלאַם, אַ ים פון פייער, און רייסט זיך דורך די ווענט, און הויבט זיך און ברעכט דורך דעם סופיט, — אין דער וועלט אַריין, צום הימל גייט זי, די פלאַם, דער ברענענדיק־קאָכעדיקער „למנצח״!...

און פּלוצים האַקט זיך אַלץ אָפּ, — עס ווערט פאַרשווונדן — שטיל — גאָר שטיל — דער עולם האַלט דעם אָטעם איין... מען הערט, ווי די ליכט פּאַרן עמוד און אויפן שלחן ברענען און צישן אין דער הייליקער היץ...

אויף מיין תפילה וואַרט עס דער עולם, אויף מיין ברכה!

דערנאָך נעם איך דעם שופר אין מויל אַריין... דער דיין זאָגט אונטער און איך גיב אַרויס תקיעות, שברים, תרועות.. קולות קלאָרע ווי אַ וואַסער, קולות קריסטאַלענע, קולות זילבערנע, ריינע — — —

און דער קינדערשער נחת בליצט אים ווייטער אויף אין די אויגן.

— קיין עין־הרע, ר׳ שמעון, אין אייערע יאָרן!

— אי, — ענטפערט ער מיט אַ גרימאַסע — אַזוי בין איך אַ פליג.. אַ בלאָז, פלי איך אַוועק...

— און ביים שופר — אַ לייב?

— ווי שייך צו זאָגן, נאָר ממש אַ לייב!

— און שטענדיק געראָט אייך...

— שייך שטענדיק? עס מאַכט זיך מניעות.

— למשל? דער שטן ליגט זיך אין דער ברייט?

— אי... פאַראַן ערגערס! אויפן שטן האָט מען סגולות... זיבערע, אויסגעפּרוּווטע... אַ נישט, טוט מען, ווי דער בערדיטשעווער... זאָל אַרוואָן — שופר בלאָזן...

— וואָס דען?

— אַ דאגה?! אמאָל, מעשה שטן, כאַפּט מיך אָן אַ הוסט... אַן אַלטער הוסט... קומען קומט ער פון תשליך, שווין אַ יאָר פערציק.... אוודאי אַ יאָר פערציק... וואָס דיר פאַלט איין! גיט אַ פּריסטאַוו אַרויס אַ גזירה, מען זאָל נישט וואַרפן קיין זשידאָווסקע קרישקעלעך אין שטאָט טייך אַריין!... אין ירושלים, זאָגט ער, וועט איר אַלץ מעגן...

נו, מילא, אַז ער זאָגט ניין, פאַרגנבעט מען זיך... גייט יעדערער באַ־

זונדער, נאָר אַלע קומען זיך צוזאַמען. באַמערקט מען, הייבט מען אָן צו יאָגן — אַנטלויפט מען, פאַרשוויצט מען זיך, לויפט מען זיך אָפּקילן אין מקוה אריין...

בין איך אָבער אַ שוואַכער, כאַפּ איך אַ לונגען־אָנצינדונג! ברוך השם, געזונט געוואָרן, נאָר אַ זכר איז מיר געבליבן: דער הוסט... כאַפּט ער מיך אָן, צעברעכט ער מיך אברימווייז...

מאַכט זיך, נאָך דער ברכה, ער נעמט מיך!

טו עפּעס! דער שופר ציטערט מיר אין האַנט, ווי אַ פיש אין וואַסער, און צום מויל גייט ער נישט... טרעפט ער צום מויל, שלאָגט ער זיך אָן אָן די ציין... אַמאָל האָב איך געהאַט!...

— און מן הצד מניעות?

— אויך אַ דאגה!

פונקט קעגנאיבער דעם מקום קדוש ווינט אַן ערל, האַלט ער אַ כלב; פאַלט אים איין, דעם כלב, בילט ער... מוז מען אַזאַ כלב איבער־וואַרטן... טיילמאָל, גלייך עס וואָלט פון אַ דיבוק ארויסגעוואָיעט, גע־דויערט אַ שעה און צוויי...

ראש השנה געפאַלט פונקט נאָך די מאַנעוורעס. גייט אַמאָל דאָס חייל צוריק, מאַרשירט איבער דער גאַס מיט מוזיק, מיט מעשענע כלים, און פאַרהילכט, און פאַרטייבט... עס ציטערט אונטער זיי די ערד. די הייזער ציטערן, שויבן קלינגען — גיי און פּרוּוו שופר־בלאָזן!

פאַר עטלעכע יאָר ווייטער האָט זיך אין דער הינטער גאַס פונקט אַ שריפה געמאַכט! איך האַלט ביי אַ „תרועה", עס גייט! און דאָ רייסט זיך אריין אַ פאָזשאַרנע קאָמאַנדע מיט אירע טראָמפּייטן, מיט אַ גע־רייטערייַ, אַ געיאָגערייַ — הו — הא! וואָס מיינסטו דו, דער עולם איז נישט אַנטלאָפן פון דאַווענען צו דער שריפה?... איך בין געבליבן איינער אליין מיטן דיין, ער מיטן מחזורל, איך מיטן שופר...

און נאָך מיט עטלעכע יאָרן צוריק איז ערגער געווען...

איך דאַרף בלאָזן „שברים", און עס האָט זיך מיר, זאָג איך דיר, אויסגעצויגן אַ צעדראָבעטער שברים, ווי אַן אמת יראת־שמים־פיבערל; פלוצלינג ווערט אַ געפייפעריי, אַ געשווישצעריי, אַ געקלינגעריי פון גאַס — די ווייסע חברה האָט זיך באַוויזן אין מאַרק! פאַרשטייסט?! רבונו של

עולם, וואָס פאַר א שרעק, וואָס פאַר אַן אימה... דער עולם וויל לויפן, מען לויפט צו דער טיר, מען שפּרינגט צו די פענסטער!

נאָר דעמאָלט האָט נאָך דער אַלטער רב, זכרונו לברכה, געלעבט... א קליינס, א דארס, נאָר א רב! ער איז ארויפגעשפּרונגען אויף דער באַנק און געשריגן: „שטייט"! און דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט. — „פאַר־מאַכט טיר און פענצטער", און מען האָט'ן געפאָלגט! — און חושך איז געוואָרן, חושך... פון די עטלעכע עמוד און שלחן־ליכט האָבן זיך נאָך שרעקלעכע שאָטנס געוואָרפן — אַן אימה איז אויף אַלע געפאַלן. נאָר נישט אויפן צדיק!

— בלאָז! — האָט ער געהייסן. —

און איך האָב ג ע ב ל אָ ז ן ! די גאַנצע נשמה איז מיר אריין אין די תקיעות!

—דעם שטן — גיט ער צו מיט א טרויעריקן שמייכל — האָב איך אפשר גובר געווען, נאָר די זוייסע חברה — נישט! א חורבה איז געבליבן פון שטעטל!

ווער האָט אויף זיי שליטה? סיידן — שופר של משיח!

. . . .

נעילה

אהינקענדיקער „ערל" איז געקומען אין שיל אַריין און אָנגע־צונדן נייע ליכט אין די הענגלייכטער און אין די רערלעך אויף די שטענדער.

דער ווייסער עולם האָט אָנגעהויבן אויפסניי צו קרעכצן; די וואָס האָבן גערוט, קומען צוריק פון פּאָליש; מען הייבט זיך פון די בענק.

— יתגדל!

ציט דער הייזעריקער חזן.

דער עולם באַדעקט זיך מיט די טליתים, די ווייבערישע שיל לאָזט פּלוצים אַרויס אַ געוויין... עס ווערט אַ געקלאַפּעריי אויף די שטענדער, די ווייבער זאָלן שווייגן. זיי הערן דאָך נישט אויף, און אַ קאָמישער כעס באַ־ווייזט זיך אויף די פאַרווייינטע, בלייכע פּנימער פון די מענער.

— שמיה רבאָ! — האָט זיך אַרויסגעריסן דעם חזנס קול.

די ווייבער זענען אַביסל שטילער געוואָרן, די מענער האָבן זיך צע־שאָקלט און אונטערגעהאָלפן, מיט די זינגער צוזאַמען, מיט אַ ווייינענדיקן: אוי־אוי־איי.

נעילה!

דער הימל וועט זיך שפּאַלטן און באַלד זיך צוריק פאַרשליסן; פאַרמאַכט וועלן ווערן די טויערן פון געבעט... און דער עולם איילט זיך!

יעדער פילט, אַז אויב נישט היינט, וועט ער שוין אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אַזאַ געלעגנהייט צוצוקומען צום הימל נישט האָבן. הושענאַ־רבה איז אויך אַ טאָג, עפּעס אַ צולאָג צו ימים־נוראים, נאָר שלעכט איז שוין דעם, וועמענס משפּט מען לייגט אָפּ... גלייכער באַלד, באַלד!

און די ווייבערישע שיל שלעפּט־מיט די מאַנישע... די נעילהדיקע שמונה־עשרה ווערט דערטרונקען אין הייסע, ברענענדיקע טרערן. עס רוישן ווינטן, טייכער ברומען, אַלטע וועלדער ברויזן... עס רוישט און זעצט דאָס אַלץ צוזאַמען —

— ובכן תן פחדך!... וויינט איינער פריער, איינער שפעטער, נישט דווקא מיט דער אמתער כוונה... זעסטו שוין, עס גייט א סך אָן דעם ציכאָ־נאָווקער בעדער, אז פאראָל, וואָס בינדט אים די בעזעמלעך, האָט פאר עפּעס אַנדערש פּחד; זיין דאגה... און נאָר שלמה זעץ, דער שיינער באַלע־באָס, וואָס אפילו אינמיטן דער שמונה עשרה מוז ער זיך אַלע מאָל אריינשטעקן די האַנט אין דער ווייסער באָרד און צעטיילן זי אויף צוויי —

אויך זיין עסק, באשר — א סך קריסטן זענען עס דאָ אין ציכאָ־נאָווקע! דער וואָיט מיטן שרייבער איז גלייכער, וואָס זיי זענען קריסטן. גאָט זאָל היטן פאר א יידישן טשינאָווניק, די הויט וואָלט ער אָפּגעריסן, בלייבט דער הרובע־הייצער, דער עירוב־שומר, — ווער דען וועט הייצן אין הרובע? אויף דער פּאָרשטאָט ווינען אפילו קריסטן אין א סך קליינע הייזלעך, אפילו ריינע, אויסגעפּוצטע, מיט פּאָרהענגלעך און זואזאָנען אין די פענצטער, נאָר ווער רעדט פון פּויערן... זיי מעגן בלייבן ביים טעות!... נאָר, רבונו של עולם.. „ובכן תן פחדך" — זאָל זיך זיין שנור נישט וועלן גטן מיטן זון צוליב דעם חולי נופל, זי מעג זיך צוגעוויינען... „ואימתך" — איז ער שטארק ממתיק און האָט אין זין, אז עס איז פּאָרט א שאָד, וואָס ווייץ איז דאָס יאָר ראַפּטים געפאַלן — רבונו של עולם, טראכט ער, „ויעשו כלם אגדה אחת" — מען זאָל זיך מאכן טאָקע איין האַנט און האלטן דעם מקח... לעשות רצונך בלבב שלם!"...

— אוי ווי, טאטע! — שרייט ער אויס אינמיטן... „שמחה לארצך וששון לעירך"... און אים אין מוח ברענט: נאָך א יאָר אזוינס, ביסטו קאַפּוט!...

— אתה בחרתנו, שרייט מיט א קול בענדעט דער חייט... און חזרט זיך איבער: אתה בחרתנו! דאָס ווייב איז אים, נעבעך, קראנק שוין א פּאָר יאָר, זי שפּייט, נעבעך, מיט בלוט, און מען וויינט אין איין שטוב. עס וויל קיין קונה די שוועל נישט איבערטרעטן! — טאטע זיסער, אתה בחרתנו! עס איז דאָך מיין זיווג געווען... אָהבת אותנו... איך האָב זי דען שלעכט באהאנדלט, ורצית בנו, האָב איך דאָס געמיינט, דאָס געוואָלט? וקרבתנו מלכנו לעבודתך... וואָס פאר א טעם האָט מיין ארבעט? אזוי קלאָגט ער אָפּ ביז „אין קץ לאשי חובותינו"... דאָ האָט ער זיך צעלאָזט אויף א קול — חובות האָט ער מער ווי האָר אויפן קאָפּ.

דער עולם איז שוין אויסגעגאנגען שמונה עשרה; מען וואַרט נאָר

אויף חיים בערן. דער שמש האָט שוין שטאַרק חשק געהאַט צו געבן א קלאַפּ אין שלחן, נאָר חיים בערס א קרוב, יונה וואָלף דער סאַדאָווניק, דער גבר אלים אין שיל, האָט אים פאַרהאַלטן... זאָל ער זיך אויסוויינען, אויס־כליפּען... חיים בער איז א ייד מיט אכט קינדער און ממש אָן א שטיקל ברויט.

— ואין אתה חפץ במיתתם — כליפּעט נאָך חיים בער... במיתתם! פאַר הונגער, טראַכט ער, פּראָסט פאַר הונגער, מיינע ווערים, רחל...

— ולמה תמותו? פאַר ווען, פאַר וואָס, וואָס האָבן זיי געזינדיקט, די אָרעמע שעפּעלעך...

— יסורים וחלאים רעים! דערביי זענען זיי נאָך קראַנק, — שקאַר־לאַטינע, מאָזלען, ווערים, ציין — רבונו של עולם...

דער חזן האָט אָנגעהויבן, דער עולם האָט זיך צוזעצט פאַר די שטענדער און אונטערגעהאָלפן צו דער הויכער שמונה עשרה, טייל זענען געבליבן שטיין, אָנגעשפּאַרט אָן דער קילער וואַנט מיט די ברענענדיקע שלעפן און שטילערהייט געכליפּעט...

איינער פון זיי איז טאַקע חיים בער.

נעילה, באַלד ווערט פאַרמאַכט דער טויער, עס איז טייער יעדע מי־נוט, יעדע רגע... ער גיסט און גיסט מיט טרערן.

ווי לאַנג איז דען גאָר, אז חיים בער איז געוואָרן א יונגער מאַן א באַלעבעסל?...

פאַר א יאָר ניין — צען, האָט ער נאָך ברייט געזונגען „חמול על מעשיך ותשמח במעשיך" גאָר מיט א ברייטן, לוסטיקן קאָזאַק... ער דערמאָנט זיך אפילו א חטא... עס ווערט אים היים אין אלע אברים... ער געדענקט אַז ער האָט זיך דעמאָלט אומישנע הויך צעזונגען, הויך, לע־בעדיק, לוסטיק, רחל זאָל הערן אין דער ווייבערשער שיל.

זאָגנדיק, האָט ער דעמאָלט געקוקט אויפן פאַרהענגל פון פענצטער, וווּ זי פלעגט שטיין, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אז עס ווערט קיילעכ־דיק בולט צווישן די קראַטן... זי מוז אוודאי אָראָפּקוקן...

אָ, דעמאָלט האָט ער גאָר אַנדערש אויסגעזען יום־כפור.

א פרישער יונגערמאַן, א נייער טלית, א שפּאָגל נייער, ברייטער קיטל

— צוויי עטרות... דער גארטל, די יארמולקע האָבן געגלאנצט מיט גאָלד און זילבער! שווארצע לאָקן, א שווארץ בערדל, ווארעמע שקארפּיטקעס...

פראנק און פריי האָט ער זיך ארומגעקוקט; עס איז אים לייכט געוואָרן אויפן הארץ! ערשטנס, האָט ער נישט שטארק געגלויבט אין חטאים. אָט, זעסטו שוין, ער מאכט זיך א סך דארוים... יונה וואָלף האָט אים אמאָל געגעבן א פּאטש אומזיסט, און דווקא אין בית־המדרש, שבת הגדול ביי דעם רבינס דרשה... נו, האָט ער אים דען נישט מוחל געווען?

מוחל געווען א פּאטש... זאָל דער רבונו של עולם נישט מוחל זיין א מוקצהלע, א ריז אין דער קוואָרט צום וואשן? — ווייטער, וואָס זינדיקט ער? אחטא ואָשוב, האָט ער נישט געזאָגט, יום כפור איז מכפּר, דער תענית איז מכפּר, די רעשט וועט אויך, מיט גאָטס הילף, אָפּגעווישט ווערן...

און ער פלעגט גאַנץ הערצלעך צו זינגען; אז עס איז אים הייס געוואָרן, פלעגט ער ארויסגיין אין פּאָליש זיך אָפּקילן. אז דער מאָגן האָט אים דערמאָנט אין אכילה, האָט ער אים געזאָגט מיט גאווה: שטיל, קישקע! איך מעג האָבן א טאָג קרעדיט ביי דיר! איך וועל דיר באצאָלן מיט פּראָצענט, וויניק כפּרות האָט רחלע געשאָכטן?

היינט קומט זיין פּום נישט ארויס איבער דער שוועל פון שיל, פון כל נדרי ביז נאָך נעילה... איבער דער גאנצער צייט שטייט ער. ער זינגט נישט, נאָר וויינט און בעט זיך... ער הויבט שוין אָן גלויבן אין זיינע חטאים... ער מוז דאָך האָבן חטאים, און שטארקע, שרעקלעכע... כאָטש ער ווייסט נישט פון זיי...

אַנדערש, איז נישט מעגלעך, עס זאָל א מענטש אזוי יאָגן אן אומגליק!

„ובכן" — האָט אָנגעהויבן דער חזן צו דרייען ווי אן עגבער. דער עולם איז נאָך רואיקער געוואָרן, זעלטן האָט איינער שוין אויסגעכאָפּט ביים חזן א וואָרט פון מויל...

דער חזן זאָגט די שמונה עשרה, און חיים בער שטייט נאָך אלץ, אָנגעשפּארט מיטן קאָפּ אָן דער וואנט. עס דאכט זיך, אז ער דאַווענט, אין קאָפּ דאָך ליגט נישט די כוונה פונעם דאַווענען.

„כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ" — איז דער חזן מטעים. אוודאי וואָלט אונדזער חיים בער געוואָלט, אז דער וואָיט מיטן שרייבער

זאָלן אביסל בעסער ווערן... דער וואָיט — ווי דער וואָיט, מיט א טרונק בראָנפן קויפט מען אים איבער... נאָר דער שרייבער! מען הערט נישט מער, נאָר ניעדאָימקעס... פון וואנען, פון וואָס?... פון א קורצע צייט הערט ער אים אפילו ווי די קאַץ: שוין א פּאָר יאָר האָט ער קיין כלי און קיין בעטגעוואנט נישט, דאָס הייזל איז שוין לאנג פארקויפט... שריי חי־וקים: ניעדאָימקי, — נעם, אויב דו קאָנסט! און וואָס הייסט ניעדאָימקי? באשר, ציכאנאָווקע איז אמאָל א שטאָט געוועזן, מיט א מאגיסטראַט, מיט פּאָליציי, מיט קאָנסענסן, מיט... זאָל ער היינט, — היינט, ווען ציכאנאָווקע איז א גמינע, און ער שטארבט פאר הונגער, אָפּצאָלן חובות! אוודאי, ווען חיים בער זאָל נאָך דארפן אויסלייזן דאָס קישן, מורא האָבן, מען זאָל אים נישט פארקויפן דאָס הייזל, וואָלט ער נאָכגעזאָגט דעם חזן מיט גרויס כוונה „כי תעביר"... אָבער היינט, לאכט ער אויסן וואָיט, טייטלט מיט די פינגער אויפן שרייבער...

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און הוידעט זיך, און די ליפּן זאָגן נאָך „יעלה ויבוא"...

„זכרוננו ופקדוננו וזכרון אבותינו"...

ער האָט זיך דערמאָנט, אז זיין טאטע איז געוועזן א כשר'ער ייד, זיין שווער איז געוועזן א סופר, און ער טראַכט, אז עס וואָלט א יושר גע־ווען, זיי זאָלן זיך דאַרטן מיען פאר אים...

פאר דאָס זאָגט ער שוין נאָך אָן כוונה: „וזכרון משיח בן דוד עבדך, וזכרון ירושלים עיר קדשיך..."

מיינט נישט, חלילה, אז חיים בער איז א קעגנער פון ארץ ישראל, אז ער לייקנט, חס ושלום, דעם „וואָסכאָד" און האלט נישט פון קאָלאָניעס, אָדער, אז ער איז, חס ושלום, אַן אפּיקורס און גלויבט נישט, אז משיח וו ע ט קומען, אז ער מ ו ז קומען און קאָן יעדן טאָג קומען; חיים בער איז א קלוגער יונג, א בעל המצאהניק, דאָך — א פּשוטער ייד, א ייד, ווי אלע יידן. ער גלויבט אין דעם אלעם באמונה שלמה... זאָל משיח כאָטש מאָרגן קומען!

אויף דער פאפּיערענער בריק צו גיין איז ביי אים א קליינקייט, ער וואָלט געלאָפן גאָר אָן א ישוב. אין ירושלים ווינען — מהיכי תיתי, עס איז שוין אפילו צייט, עס איז שוין לאנג „כלה פרוטה מן הכיס"... נאָר — איידער עס וועט זיין מלחמת גוג ומגוג, איידער דער טערק וועט

מנצח זיין אַלע שבעים אומות, איידער אליהו און משיח בן יוסף וועלן קומען, איידער נאָך משיח בן יוסף וועט געהרגעט ווערן, קאָן ער זיך נאָך גענוג אָנשטאַרבן פאַר הונגער... ער און רחל, מיט אַלע זיבן קראַנקע און געזונטע קינדער! רבונו של עולם, ווו איז דיין רחמנות?!

ער פילט דאָך, אַז שולדיק איז ער זיך פאַרט אַליין. פריער ער, דערנאָך אַפילו דער רבונו של עולם אויך... צי האָט ער נישט געקאָנט האַנדלען? אַ געוועלב, אַ שענק עפּעס, אויפן טאַרג שטיין, אַ מעקלער ווערן, גלייך ווי אַלע יידן?! ער איז אָבער געווען אַ בעל המצאה... די המצאות האָבן אים געקוילעט. יינגלווייז האָט ער אויסגעטראַכט געגאָסן דריידלעך, געשניצט לאָמטערן, אָמשענסטן געשוואָמען, אָמגעשיקסטן זיך געגליטשט. ער האָט געהאַט אַ טאַלאַנט צו די אַלע זאַכן. אַ ציעקאַווע יונג, ער האָט געוואָלט אַלץ וויסן, אַלץ קאָנען. ער האָט געפונען אַן המצאה צו פּלעכטן אויף אַ שטעקן הוילע הבדלות, און פלעגט אין דעם זכות באַקומען ביים שמש דאָס גרעבסטע ליכטל יעדער ווינטער-נאַכט צום לערנען; היינט מאַכט מען שוין די הבדלות אין אַלע שטעט, דעמאָלט האָט קיינער נישט געוווסט פונעם סוד; עס האָט געהייסן „חיים בערס הבדלות"! אַ סוכה-מאַכער פלעגט ער זיין גאָר אַ ווילער; אַ מייסטער אויפצושטעלן אַ כשרע סוכה פון עטלעכע ברעטער, כמעט אָן נעגל און גאָר אָן כלים, היינט — זיינע רייזעלעך שבועות, זיינע מייסטערישע מזרח'ס...

נאָר, ווי אויבן איז געשטאַנען, — די המצאות האָבן אים איבערגעפירט.

האַנדלען נאָך דער חתונה, גלייך ווי אַלע יידן, האָט ער נישט געוואָלט. עס האָט אים געצויגן צו עפּעס אַ פאַבריקל מיט אַן המצאהלע. — פריער האָט ער אָפּגעקויפט ביי אַ שנאָרער אַ סוד צו מאַכן זייף אויף אַרויסנעמען פלעקן; דער שנאָרער האָט ביי אים אויסגענאַרט אַ הונדערטער, און חיים בער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער וועלט זייף פאַרקויפן. דאָס ווייב האָט געוויינט, עס איז איר אַ שאָד געווען באַלד נאָך דער חתונה אַליין צו בלייבן, און באַזונדער האָט זי נישט געגלויבט אינעם גאַנצן משא-מתן... זייף איז ביי איר גאָר קיין סחורה נישט געווען, — ווער דאַרף זייף? מען זאָגט כאָטש גרינעם זייף, דאָס דאַרף מען צו קינדערשע קעפּלעך, פּ ר אָ ס ט ע זייף דאַרף מען צו דער וועש... אָבער פלעקן אַרויסצונעמען? ווייבערשע זאַכן וואַשן זיך, מאַנישע — מאַכט נישט

אויס: איין בריתל, איין חתונה, איין מלוה־מלכה אַפּילו, איז שוין נאָכן בגד... חיים בער האָט אָבער געוווסט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, אַז מיט ציכאַנאָווקע עקט זיך נאָך נישט די וועלט, אַז נישט אומעטום איז אַ מנהג פון פלעקן. — ער האָט זיך געשווירן מיט כל השבועות, אַז קוים מאַכט ער די ערשטע צוויי טויזנט רובל, קומט ער אהיים, קויפט זיך אַ נחלה, און היידא! זיין פוס וועט שוין נישט איבער די שוועל אַרויס־טרעטן... ער וועט זיך מאַכן אַ שענק, אַ געוועלבל, אָפּלעבן שוין זיינע יאָרן בשלום...

דאָס ווייבל, נעבעך, האָט געמוזט באַשטיין, און ער איז אין אַ האַלב יאָר ארום געקומען אָן אַ דרייער, דער זייף איז אריינגעגאנגען אין בלויזע הוצאות, כאָטש געגעסן האָט ער ווייניק, און געקומען איז ער קריעה בליאָה...

רחלע האָט זיך, נעבעך, צעוויינט מיט ביטערע טרערן און געשיקט דעם מאַן צום רבין...

ער איז געפאָרן. ביים געזעגענען מאַכט ער צון איר: ווייסטו, רחל, דו האָסט אין מיר אָנגעווווירן עולם הבא... איך האָב געמיינט, איך וועל קומען אהיים, ווייס איך, אַ יידענע, וועט זי שרייען, וועט זי שעלטן, אפשר נאָך אַ ציפּ טאָן ביי דער באָרד, ביין אַ פּאה... און דו — ג אָ ר נ י ש ט ! אַביסל געוויינט, און מער נישט. דאָס האָט מיך טאַקע גע־שניטן ביים האַרץ...

רחל האָט געשמייכלט מיט טרערן אין די אויגן. זי פאַרהאָפט, אַז פריער גאָט און דערנאָך דער רבי וועט אָן עצה געבן...

פון מיטן וועג האָט ער איר געשריבן אַ בריוו, ראשית — האָט ער איר מודיע געוועזן, אַז ער איז בקו הבריאה, און פאַרלאַנגט פון איר דאָס אייגענע צו הערן; שנית — אַז ער פאָרט נישט צום רבין, ווי ער האָט געמיינט, נאָר צוריק אין דער וועלט אריין; עס האָט אים אַ גליק געטראָפן: ער האָט אָפּגעקויפט אַ נייע המצאה, אַ מין וואַקס, וואָס מען קאָן דערמיט צונויפקלעפּן טעלער און גלעזער; דאָס, שרייבט ער, איז שוין אַ דבר השוה לכל נפש; דער אָרעמסטער ייד האָט צווייערליי געפעס און קינדער־לעך, וואָס צעברעכן עס; אַ פּאָר גלעזער וואַלגערן זיך אויך ביי יעדן ייד ארום... ער פאַרהאָפט צו גאָט א. א. וו....

רחל האָט ווייטער אוועקגעוויינט אַ האַלב יאָר, און חיים־בער איז

ווייטער אהיימגעקומען קריעה בליאה, נאָר מיט אַן המצאה אויף אַ היימיש געשעפט פון „אָוואָצאָווע וואסער” — אַ זאפט פון פרוכטן.

פאַר דער המצאה האָט ער באַצאָלט דעם לעצטן גילדן, און עטלעכע יאָר שוין קוועלט ער זיך מיט דעם געשעפט. דעם ערשטן זומער, ווען אויבס איז געראָטן, אַלע ביימער אין די גערטנער ארום ציהאנאָוועקע זייַנען באהאָנגען געווען מיט עפּל, בארן און פלוימען, אז מען האָט זיי גע־מוזט אונטערשפארן, — האָט חיים־בער אויפגעלעבט! — ער האָט רחלן בארעכנט, וואָס פאַר אַן עשרות ער וועט מאַכן: דאָס מאַטעריאַל וועט גאָר כמעט נישט קאָסטן. פרוכטן — בחצי חנם... ער האָט אָבער, נעבעך געהאט אַ גרויסן טעות. פרוכטן איז געווען בחצי חנם, האָט טאקע דער עולם געגעסן אויבס, און האָט נישט געדארפט טרינקען קיין וואסער... און אזוי איז געגאנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר... אויבס איז געראָטן, ער האָט געלייזט פאַר אַביסל וואסער אין אַ יומא דפגרא, אין אַ יום־טוב: סוכות, שמחת תורה; אין דער וואָכן — נישט! דערנאָך גייט ווינטער — אוים געשעפט...

— רבונו של עולם, — שרייט חיים בער אין הארץ — רבונו של עולם, זאָל דאָ אויבס כאָטש איינמאָל נישט געראָטן, זאָל עס איינמאָל דער ווינט אראָפּיאָגן פונעם בוים, זאָלן עס איינמאָל די ווערים אויפעסן! רבונו של עולם!

די שווערע געדאנקען האָט איבערגעריסן דער חזן מיט: „פּתח לנו שער”...

נאָר אנדערש האָט נעילה געדאווענט חיים־בערס קרוב, דער, וואָס האָט פארהאלטן דעם שמש, ער זאָל נישט קלאפּן, ביז חיים־בער וועט אויסגיין שמונה עשרה, — יונה וואָלף דער סאַדאָווניק.

ער שטייט אויך גאַנץ יום־כפּור אויף די פיס, ער ברענט אויך אונ־טערן טלית; ער האָפּעט און קאָפּעט, ער שרייט אויך און האקט אין דער וואנט אריין — נאָר, ווען חיים בער וויינט, און בעט זיך, ווי אַ קינד ביים טאטן, כאָטש אַ שטיקל דאר ברויט, ־טאַנצט מערסטנטייל יונה וואָלף פאַר דעם אייבערשטן, מלא שמחה, און דאנקט אים פאַר זיינע וווּנדער. שוין זעקס יאָר האלט ער אַ סאָד פון פרוכטן און יאָר ביי יאָר גייט עס בעסער. ער גיט אַ קרעכץ נאָר ביי „זכרנו”, „כתבנו” צו „התמנו לחיים” — גע־

זונט איז דער עיקר! בשעת ער דאנקט זיין ליבן נאָמען פאר זיך און זיין ווייבס געזונט, בעט ער אויף געזונט פאר זיינע קינדער... עפּעס איינס איז גאָר קיין לייט נישט, אַלע מאָל גיסט זיך עס עפּעס אויס דאָס קעפּל, שטענדיק איז אים רויט אונטערן נעזל, און מאַנכעס מאָל וואקסן אים „גולעס" ארום דעם העלדזל.

כל־זמן דאָס קינד האָט געציינדלט, איז מען זיכער געווען, אז עס איז ציין. דערנאָך האָט מען גערעכנט אויף ווערים, דאָס קינד האָט אָבער אויסגענומען „ווערים־קרויט" ווי האָליץ, און עס האָט נישט געהאָלפן, — האָט מען געשיקט אַ קוויטל; איינמאָל איז מען מיט אים אַליין געפאָרן צום רבין. עס איז אפילו בעסער געוואָרן, נאָר דערנאָך ווייטער ערגער.

דער רופא זאָגט, עס איז שקראָפל. מען דאַרף אים באָדן אין זאַלץ־וואסער אָדער שיקן אין אַ באָד אריין. אויף שיקן אין אַ באָד סטאַרטשעט נישט דאָס עשרות, מען זאָל אפילו דעם גאנצן דלות פאַרזעצן און דעם ווייב די אויערינג אויסטון... היימישע זאַלץ־בעדער איז נישטאָ ווו צו מאַכן: אין סאָד, ווו מען וווינט אַ גאַנצן זומער, איז קיין וואַסער נישטאָ צום טרינקען, און צום קאָכן פירט מען אַנדערטהאַלבן וויאָרסט אַ קענדל וואַסער...

דאָס יינגעלע וואקסט מיט דעם פּאַרכל, מיט די גולעס, מיט דעם געשוואָלענעם נעזל, לערנט אַ גאַנצן ווינטער אין חדר און איז אַ וווילע יינגל.

„חתמנו לחיים", — וויינט דעריבער יונה וואָלף — מיין קינד, מיין עילוי, מיין נחת, מיין טרייסט זאָל מיר לעבן!

אחוץ ביים „זכרנו לחיים" האָבן יונה וואָלפס געדאנקען נישט קיין שייכות מיט דעם דאווענען. אַ גאַנצן טאָג לויבט ער און לויבט דעם אייבערשטן, נאָר ווייל ער איז. נעבעך, אַ גראָבער יונג, קומט אמאָל אויס, אז ער הענגט זיך אָן אויף אַ וואָרט און צעוויינט זיך אָדער צעלאַכט זיך גאָר בחנם . . . דער אמת איז, אז ווען יונה וואָלף זאָל נישט זיין שטום־פּיק אויף דער עברי, וואָלט קיין בריאה נישט געקאָנט איינשטיין און אויסהאַלטן אין שיל; אז עס קומט צו די באַקאַנטע תפילות, רייסט ער דעם חזן אַליין פון מויל ארויס און צעלאָזט זיך אויף אַ קול, אז ווען נישט וואָס די שיל איז געמויערט, און פאַרצייטנס — וואָלטן די ווענט געצי־טערט און אפשר איינגעפאַלן. דאָס גליק איז, וואָס ביי קרבנות, ביי ובא

לציון, פון „ומקבלין דין מן דין" אַן, ביי יעדן פיוט מיט „גרודעס" בלייבט ער, נעבעך, שטיל, ער האַקט אָפּ...

אָט, ביי דעם שטיל־בלייבן און אָפּהאַקן, הייבט ער זיך אָן פאַר־קרימען, איינציען דעם שטערן, אמאָל נאָך צודריקן די אויגן און אַרי־בערוואַרפן דעם טלית איבערן קאָפּ, דער עולם זאָל מיינען, אז ער האָט אַצינד כוונות... און דעמאָלט האָט ער טאַקע מחשבות... מיטן שרייען פאַרדולט ער זיך אַליין די געדאַנקען. שטילערהייט, אונטערן טלית, קומען פאַר אַלע הוריות... דעמאָלט דאַנקט ער און לויבט דעם אייבערשטן שוין מיט זיינע אייגענע ווערטער... עס גייט אים גאַנץ גוט... קיין עשירות מאַכט ער נישט, דאָך האָט ער שוין אַרויסגעטריבן דעם דלות, געקויפט דעם ווייב אַ פּאָר „צוועקעס", צום ליכט־בענטשן אַ פּאָר זילבערנע לייכ־טערלעך, און עס איז דאָ צו „פּופּלען"... דאָס קינד, נעבעך... מילא... גאָט וועט העלפן. ער אַליין האָט אויך אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, געהאַט דעם פּאַרך, עס שיינט אים נאָך איצט אויך די לבנה אויף דעם קאָפּ...

נו!...

ער דערמאָנט זיך, ווי די יונגען האָבן אים געיאָגט אין חדר... איין חיים בער — נישט. ערשטנס, אַלס קרוב האָט ער אים נאָך פאַר־טיידיגט, צווייטנס, איז ער טאַקע געווען אַ מזג טוב, דער חיים־בער! און פונדעסטוועגן האָט ער אַלע צרות געליטן דורך דעם חיים־בערן. חיים־בער האָט געקאָנט דעם שיעור — ער נישט; חיים־בער איז שיין — ער — נמאס ומאוס און ברודיק; חיים־בער האָט געטויגט צו אַלעם — ער — אויף כפּרות... אַלץ נאָר חיים־בער... דער מלמד האָט אים גע־פּאַטשט: לערן דיך אָפּ פון חיים־בערן!" די מאַמע האָט געריסן פון אים פּאַסן און געשטעלט אים פאַר אַ שפּיגל חיים־בערן, דער טאַטע האָט אויך אים געפּייניקט מיט חיים־בערן!...

כאָטש חיים־בער פלעגט מיט אים האַלטן, מציל זיין פון די חברימס הענט, פונדעסטוועגן פלעגט ער דאָך אין האַרץ אים פיינט האָבן, אמת פיינט... פאַר וואָס? פאַר וועןן?

„פאַר קנאה", — שטויסט זיך יונה וואָלף — און האָט שטאַרק חרטה אויף דער קנאה. נאָר, עס איז דאָך אַלץ קינדערשע זאַכן, מעשה נערות... היינט האָט ער שוין נישט קיין קנאה נישט אויף אים, ער בעט פאַר זיין לעבן...

און באמת האָט ער אצינד חיים־בערן שטאַרק ליב. מיטן גאַנצן הארצן איז ער אויף אים מרחם; מיט דריי פערטל קרעכץ ביים דאַווענען האָט ער אים געמיינט. —

— דער אייבערשטער זאָל אים, נעבעך, העלפן. זוי דער ווינטער וועט, נעבעך, זיין, ווי ער וועט זיך דורכשטופּן, זאָל ער, נעבעך, כאָטש א גוטן זומער האָבן, כאָטש לייזן... אבי מען לייזט נאָר, איז שוין דאָ א באַרער גראָשן, קאָן מען זיך די הענט צעפירן...

ביי „מרובים צרכי עמך" איז ער שטיל געבליבן, עס איז שוין געווען פאַר אים א „שלעכטער וועג", א גרעבלע... ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן אויף דעם גרויסן מחזור און געטראַכט:

„רבונו של עולם, אויב איך, צי מיין ווייב, צי מיינע קינדער האָבן א חסד ביי דיר, אָדער זכות אבות, רבונו של עולם — זאָל מיר מיין קינד האָבן אַ רפואה שלמה... אין סאַד וואַקסן עפּל ווי האָלץ... די זאַפטיקע, פולע פּאַפּיראָווקעס, וואָס צעגייען אין מויל...

רבונו של עולם, זאָלן זיך דיינע יידעלעך אָנטרינקען מיט מיינע עפּל, עס זאָל זיי אָנגיסן פולע מיילער מיט זאַפט! אויך פאַרגעס נישט, רבונו של עולם, אין חיים־בערן, ער זאָל לייזן פאַר אָוואָצאָווע וואַסער אויך...

אינמיטן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. עס גייט „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק"! ווייטער א שאָסעע — אַ גלייך שטיקל וועג! גאַלאָפּ! עס טרעפט זיך אפילו א גריבל, א שטיינדל, א „טבועות וגנוזות", נישט קשה, עס שלינגט זיך שוין איין מיטן ניגון. פאַר דאָס „אנקת מסלדיך" גייט שוין מיט דער הויט, ער איז שוין ביז דעם סוף ווי אינדערהיים, ער האָט שוין גאַרנישט אין זין, — ער שרייט, ער ליאַרעמט, ער זינגט, גלייך ער איז איינער אליין אין שיל!

ארויסגייענדיק פון שיל, האָט ער זיך געטראָפן מיט חיים־בערן.

— זאָלסט דיר האָבן פיל גוטס אויסגעבעטן —

— גם אתם! — האָט אים חיים געענטפערט.

— וואָס דו ווילסט נאָר אליין, זאָל ער דיר געבן —

— דיר אויך, יונה־וואָלף — גאָט זאָל אונז ביידע געבן א גוט יאָר...

— מיר ביידע זאָלן לייזן! ...

און זיי זענען זיך צעגאַנגען...

זיי האָבן זיך גאנץ ערנסט געבענטשט, — דאָך נאָכן צעגיין, האָבן זיי נאָכאמאָל אויפגעהויבן די אויגן צום הימל:

— אויבם זאָל זיין ווי גאָלד! — האָט געבעטן יונה־וואָלף.

— פוילן זאָל עס! — האָט געבעטן חיים בער..

דערנאָך האָט יונה־וואָלף געשיקט חיים־בערן א „כפרה”, א גרויסן, פעטן, אויסגעזאָטענעם האָן, און חיים־בער יונה־וואָלפן — דריי פלאשן אָוואָצאָווע. ביידע האָבן זיך געלייגט שלאָפן מיטן בטחון —

יונה־וואָלף — אַז עפּל וועט זיין ווי גאָלד, און חיים־בער — אַז דאָס אויבס וועט פוילן, און ער וועט לייזן פאר וואסער...

זייערע ביידע ווייבער זענען דאָך נישט געשלאָפן. חיים־בערס ווייב האָט געקלערט, ווו נעמט מען אויף סוכות? און יונה־וואָלפס — ווו נעמט מען סוכות כאָטש נאָך א האַלב טוץ זילבערנע לעפל צום יום־טוב־דיקען טיש.

וואָס זאָל איך וועלן?

ראש־השנה שרייבט מען, יום־כפור חתמעט מען און הושענה־רבה מאַכט מען דעם צוק און מען גיט די קוויטלעך אַרויס. און נישט נאָר מענטשן שטייען לדין, נישט נאָר אונדז פסקעט מען לעבן אָדער טויט, פרנסה אָדער קצבה, מנוחה אָדער גלות... „זכר כ ל ה מ ע ש י ם לפניך בא". אַלץ, וואָס מיר טוען, אַלץ, וואָס מיר מאַכן, ווערט געמשפט, און אונדזערע „יום־טוב־בלעטלעך" וואַרטן אויך מיט אַ ציטערניש אויפן קוויטל... זיי ווילן אויך וויסן, צי וועלן זיי אויס־לעבן דאָס יאָר, אָדער אויסגיין ווי אַ ליכט אין דער פינצטערער נאַכט... קיין גרויסע צדיקים זענען זיי נישט, זיי זאָלן רעכענען, אַז באַלד ראש־השנה, אָדער אפילו יום־כפור וועט זייער גזר־דין אַרויס... נישט איין מלאך־חבלה וועט קריצן מיט די ציין, נישט איין פאַמפלעטיסט — אַ קטיגור וועט זיך אויסרייסן דעם האַלדז, און — הלוואי עס זאָל זיך ענ־דיקן הושענה־רבה פאַרנאַכט!

און ביז הושענה־רבה פאַרנאַכט איז אויך נאָך דאָ עפעס צו טון! נאָך בייַנאַכט אויף הושענה־רבה שפאַלט זיך דער הימל אויף אַ סעקונ־דע, און דעמאָלט איז אַ שעת הכושר, אַן עת רצון פאַרן זינדיקן מענטש; וואָס ער כאַפט זיך דעמאָלט אַרויס, דאָס ווערט מקוים.

וואָך זיין אַ גאַנצע נאַכט, אָפפאַסן דעם שפאַלט אין הימל און אַ געשריי טון — איז אַ קלייניקייט... נאָר ו ו אָ ס שרייט מען? וואָס זאָל איך וועלן? וואָס זאָל איך פאַרלאַנגען פון הימל? אפשר געלט? ווען איך האָב געלט, וואָלט איך אפשר נישט נאָר שירים שרייבן, נאָר זינגען אפילו געקאָנט; איך וואָלט געמעגט גרימפלען, און עס וואָלט די נשמה אויסגעגאַנגען פאַר תענוג... ווען איך האָב געלט, זוואָלטן זיך די יום־טוב־בלעטלעך געעלטערט אין פריידן... וואָרום לאָמיר זיך נישט נאַרן: אמת איז טאַקע אַ שיינע, געראָטענע כלה, נאָר ערשטנס, קאָן זי

נישט טאַנצן, ווי דער ציגיינער שפּילט, זי קאָן פאַרן עולם קיין חנדלעך נישט מאַכן, — און — אפילו א שיינע, געראָטענע כלה, וואָס קאָן טאַנצן צום ציגיינערס מוזיק און שניידט חנדלעך אויפן שאָק, דאַרף אויך האָבן אַביסל נדן, מען זאָל זי וועלן נעמען... אַ בוך מיט גאָלדענעם שניט האָט גאָר אַן אַנדער פּנים... נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז איך בין שטאַרק מסופק, צי פון הימל קאָן מען האָבן געלט. אפשר זענען אַמאָל בעסערע צייטן געווען, און עס האָט פון הימל מיט רענדלעך גערעגנט... היינט — לא עליכם... אָט, תורה איז א הימל־זאַך. פּאַרצייטנס פלעגן זיין אָרימע ישיבה־בחורים און רייכע אָרענדאַרן — „ישובניקעס", ווי מען רופט זיי אין דער ליטע, און קוים האָט א „ישובניק" געקריגן א האַלב־דערוואַקסענע טאָכטער, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד־און־בידקע, און איז געפאָרן צום ראש־ישיבה אין שטאָט אריין, און געקויפט זיך פאַר 100, 200, טיילמאָל פאַר 1.000 רענדלעך תורה... צו דער תורה האָט ער צוגעקראָגן אַ צולאָג אַ בחורל ווי אַ הערינג, נאָר דעם הערינג האָט מען נישט אריינגעשאַצט אין מקח... און יעדער ישיבה־בחור האָט גע־ווּסט, אַז אויב ער וויל האָבן רענדלעך, מיט מלבושים, מיט קעסט און אַ צולאָג אַ כלה — מוז ער זיצן און לערנען...

— היינט — אוים ישובניקעס; אויף זייער אָרט האָבן מיר באַנ־קירס און פּראָצענטניקעס, און זיי ווייסן, אַז תורה איז קיין סחורה נישט. א דאָקטאָר, א יוריסט, א ציין־רייסער, אפילו אזעלכער פון דער האַנדלס־שולע, אפילו אַ רב — אַ קאַזיאָנער... נאָר נישט קיין תורה.

ווער עס זיצט היינט און לערנט, קריגט — אַ גאָרב, אַ מלמדישן פּאַטענט אויף אַ לונגען־פעלער, נאָר נישט אַ דרייער געלט.

מען זאָגט: צדקה תציל ממות... עס קאָן זיין, אַז צדקה ראַטע־וועט פון טויט — דעם אָרימאַן, וואָס נעמט זי און קויפט זיך א ברויט, ער זאָל נישט שטאַרבן פאַר הונגער; דער עושר — בשעת מגיפה, די זאַ־ראַזע זאָל זיך נישט פאַרשלעפּן פון קעלער צום בעל־עטאַזש... נאָר קיין געלט האָט מען נישט דערפון! אַז מען גיט, האָט מען ווייניקער, און דער אָרימאַן האָט פּאָרט קוים אויף חיי־שעה...

פון דאַוועגען האָט מען אויך קיין געלט נישט... א והא ראיה — אונזערע גבירים, וואָס שטרעקן דאָס לעבן און גאַנץ אָפּט מיטן רחמנות, מיטן יושר און מיט דער מענטשלעכקייט צוזאַמען, אַבי רייכער צו ווערן,

דאַוונען אַליין גאָר נישט, און זענען גאָר צופרידן דערפון, וואָס אָרי־מע לייט לאָזן דאָס סידורל נישט ארויס פון דער האַנט...

עס זאָל אין סידורל שמעקן אַ כוח פאַר אַ ד ר יי ע ר... — וואָלט מען די אָרימעלייט געטיילט יום־טוב־בלעטלעך און אַלע פּראָ־צענטניקעס און באַנקירן וואָלטן געהאַלטן סידורים און געדאַוונט...

דאַוונען איז אַ סגולה אויף דרך־ארץ, אויף שטילקייט; דאַוונען שטילט אַמאָל דעם הונגער ביים קבצן, ווי דער אָרימער מאַמעס פינגער ביים אויסגעדאַרטן קינד אין מויל. דאַוונען איז אַ סגולה צו אַ סך זאַכן, נאָר קיין געלט דערפון האָט מען נישט. און אפילו אז מען איז אַ נאַר, און מען האָט אַ גאָרגל, און מען לאָזט זיך צו צום עמוד... האָט מען אויך קוים וואַסער אויף קאַשע, נאָר קיין געלט נישט!

איך טרייב איבער דורכן זכרון אַלע תרי״ג מצוות, און זע קיין איינציקע נישט, פון וועלכער מען זאָל קענען האָבן (דירעקט אָדער אומ־דירעקט) אַ דרייער! פאַר די תרי״ג מצוות האָט משה צוגעזאָגט: געזונט, לאַנג לעבן, אַ זול, רעגן פון הימל, דעם כוח פון דער ערד — נאָר אַלץ נישט קיין געלט! אַז דו וועסט מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות, וועט דיר די ערד געבן איר קראַפט, דער הימל — טוי און רעגן, און דאָך — וועסטו שטאַרבן פאַר הונגער, אויב דו וועסט נישט אַרבעטן, אַקערן, זייען און שניידן! און פון די אַלע דריי צוזאַמען — פון הימלס רעגן, דער ערדס כוח און שוויים פון דיין שטערן וועסטו קוים האָבן ברויט, ברויט צו עסן, אָבער אַלץ נישט קיין געלט! דו מעגסט מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות, מיט אַלע דקדוקים, וועסטו אַלץ נישט קאָנען אַרומגיין אין אַ הונגער־יאָר מיט די הענט אין די קעשענעס און פייפן אַ לידל פון אַ קאַטאַרינקע...

געלט קאָן מען האָבן פון זוּאָס איר ווילט, פון דער קלענסטער עבירה, אַפילו פון קאָרטן שפּילן, נאָר נישט פון הימל־זאַכן. אויב דער רבונו של עולם זאָגט: „כי לי הכסף ולי הזהב", מיינט ער: דאָס זילבער פון דער לבנה מיט אירע שטראַלן און דאָס גאָלד פון דער זון אין תמוז... אָבער געלט האָט דער הימל נ י ש ט —

ניין! איך וועל זיכער שרייען אומזיסט!

איך האָב אמאָל געוואָלט זיין א פילאַנטראָפּ — א בעל־טובה פארן כלל! איך האָב א גוט האַרץ בטבע, און אז איך גיי ארויס זאָט נאָך א סעודת־מצווה פאַר א פילאַנטראָפּס כבוד וועגן, און דערזע, — נאָך פיש, פלייש און קאָמפּאָט מיט אביסל קאָניאַק — דעם אויסגעשטערנטן הימל, האָב איך ליב א קרעכץ צו טון: רבונו של עולם, מאַך מיך אויך פאַר א פילאַנטראָפּ...

די אָרימע לייט זענען דאָך דיינע פייגעלעך, וואָס האָבן קיין פעלד און קיין שאָף און רינד, און קיין דאַך איבערן קאָפּ... גיב מיר אזוי פיל, איך זאָל זיי קאָנען קרישקעלעך וואַרפן...

און אזוי אויך, טײַלמאָל ביינאַכט, אז איך לייג מיך צו פרי און כאַפּ מיך אויף פאַרטאָג, און האָב קיין ליכט נישט אין שטוב, אָדער דאָס ברעכן אין די ביינער לאָזט מיך נישט אויפשטיין און זעצן זיך צום שרייב־טיש, גלאָץ איך אויס די אויגן אין דער פינצטערניש אריין, עס ווערט מיר ווייך אויפן האַרץ, טרערן פאַרדרייען זיך מיר אין די ברעמען, און איך קלער מיט א ווייטיק: וואָס פאַר א טובה קאָן איך טון מיין פאָלק? מיט וואָס קאָן איך העלפן דער כנסת־ישראל? אנדערע קאָנען בויען, אויפשטעלן פּיתום ורעמסס אין דער לופט, אויפן אייז, אפילו אויפן עולם הדמיון, און איך קאָן נאָר צעוואַרפן; אנדערע וועקן כאָטש די אַלטע שפּראַך פון קבר, און איך שרייב דאָס רוב דווקא פּראָסט יידיש...

וואָס טוט מען?

דאָ האָב איך קיין דעה נישט... קאָנקורירן מיט ראָטשילדן אין ארץ־ישראל, אָדער מיטן באַראָן הירש אין אַרגענטינע — קאָן איך נישט! נאָכשרייען, רעדן צו דער וואַנט, העלפן בלויז קרעכצן — וויל איך נישט... וואָס טוט מען פאַרט? איך וועל אמאָל שטאַרבן, און עס וועט פון מיר קיין זכר נישט בלייבן... די שמאָלע ווענעלעך, וואָס איך האָב אויסגעטרעטן מיט פאַרבלוטיקטע פיס צווישן די דערנער, וועלן פאַרוואַקסן ווערן, די פעליעטאָנען וועלן אויפגעגעסן ווערן פון מייז, מיין אָרימע מצבה וועט צעפאַלן, צעשטויבט ווערן... ווער וועט מיך געדענקען?

ווען איך זאָל קאָנען זיין א פילאַנטראָפּ, וואָלט מען מיך ביים לעבן מיט בלומען און ווינטשקאַרטן באַוואָרפן, נאָכן טויט — א רײַ־

זיקע מצבה געשטעלט, און אויף מיין יאָרצייט וואָלטן אין אַלע קהילות „פּאַניכידען" געווען...

און איך האָב מיר נישט איינמאָל געטראַכט געדולדיק צו זוואַרטן ביז אַ שבועות, אַ יום־כּפּור, אַ תּשעה־באָב, אַ הושענה־רבה, אַפּפּאָסן, ווען דער הימל וועט זיך שפּאַלטן, און אַ געשריי טון: פילאַנטראָפּ!...

ליידער בין איך דאָס יאָר געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז קיין געשעפט נ י ש ט... קוים וועל איך ווערן עפּעס שענקען לטובת הכּלל, וועלן אונדזערע שרייבער אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט מיר עצות געבן, ו ו אָ ס צו טון לטובת הכּלל... אַז זיי וועלן מיך ברענגען אין דול־הויז אַריין...

איך האָב אפילו געקלערט אַ געשריי צו טון: שלום!...

וואָרן מיינט נישט, חס ושלום, אַז איך בין בטבע אַ מזיק... אַז איך האָב אַ ווילדע הנאה דערפון, וואָס איך זעץ מיך אַלע מאָל אַרויף אויפן לעדערנעם פערד, שפּאַן דעם הילצערנעם פּאַלענבויגן און שיס אויס אַ פּאָר טויט פּאַפּירענע פייגל, וואָס דאָס שלעכטע ווינטל פון דער ניט־גוטער צייט טראָגט אַרום אין די לופטן...

מיינט נישט, אַז איך האָב נחת דערפון, וואָס איך מוז אַלע מאָל אַרויסשטעלן די באַליע אין מיטן גאַס און וואַשן אונדזערע ברודיקע וועש בפני קהל ועדה... קיין גוטס קומט מיר אַוודאי דערפון נישט אַרויס; ווער עס רייסט אויס דערנער — מוז זיך פאַרוואונדן די הענט, ווער עס האַלט מלחמה מיט לעבעדיקע ברואים, מוז זיך אַמאָל לאָזן אַ ביס טון... עס איז אפשר אַ כּבוד צו וווינען אויפן פּאַרנאַס, אויפן הויכן ליטעראַרישן באַרג, וואָס שפּאַרט אונטער די וואָלקן, אויב נישט דעם הימל אַליין, און מחזקות מאַכן מיט די מוזען... גאָר צו זיין דאָרט אַ סטרוזש, און האַלטן שטענדיק דעם בעזים אין דער האַנט, אַפּצוקערן די פוילע בלעטער... אַרומצוגיין און שאָקלען די יונגע ביימלעך, די קיפער זאָלן אַראָפּפאַלן און נישט אויפפרעסן די יונגע גרינע בלעטעלעך, — איז גאָר קיין נחת און קיין כּבוד נישט, און — על אחת כּמה וכמה — קיין תּענוג נישט!

גלויבט מיר, אַז עס איז אַ ביטערער חוב, וואָס איך מוז אַפּצאָלן, אַן אַפּקומעניש אויף דער וועלט; מיין פינצטער מזל, פון וועלכן איך קאָן מיך נישט אַפּרייסן, ווי אַ גנב — פון דער תּליה...

נאָר פאַר שלום האָב איך מורא! פאַר שטילקייט ציטער איך אימת מות!

שלום איז צווישן גנבים, ווען זיי גרייטן זיך אָן צו דער פינגער־מלאכה... זיי מאכן שלום מיט דער פינצטערער נאכט און צינדן קיין שטרייכהעלץ נישט אָן...

שלום מאכן זיי מיט יעדן וואָלקן, וואָס ציט זיך איבער דער לבנה...

שלום מאַכן זיי אַפילו מיטן בריטאַן אויפן הויף און וואַרפן אים אַ שטיק „לא יחרץ”־פלייש, צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל...

נאָר פרווו און וויל שטילערהייט בשלום פאַריאָגן די אומגעבעטענע געסט? מוזטו ליכט אָנצינדן, הויז־לייט וועקן, קולות מאכן...

שלום און שטיל איז אויפן בית־הקברות... אָן געוויש פרעסן זיך די ווערים אריין אין די מתימס לייבער, שטיל האַלדזט אַרום דער מאָך די אַלטע מצבה און ציט זי אין דער ערד אריין... שטיל רוישט דאָס אָרימע ביימל, וואָס ציט אַריין אין זיך דעם קברים־זאַפט... נאָר פרווו גיב תחית המתים!... מוזטו פריער בלאָזן אויפן שופר של משיח!

שטיל איז נאכט און טויט...

שלום איז טיילמאָל אַ שטאַרקער יצר־הרע... דאָס איז אַ וואַרימע שטוב, אַ ווייכער פאָטעל, גרויסע פאַנטאָפּל און אַ זיידענע שלאָפ־מיץ... נאָר דאָס אַלץ צו באַקומען טאָר מען נישט גיין מיטן גלייכן וועג. און עס דאכט זיך — גאָר נישט... צי בין איך דען מחויב צו זאָגן דעם אמת? דערנאָך: וואָס שאַדט אַ שקרל מפּני דרכי השלום? און אויב אַ גרעסערס, נאָר אַזאַ געלאַסנס, אַ חנעוודיקס? מענטשן האָבן עס אַזוי ליב, די אָרימע אומגליקלעכע מענטשן... און אַזוי פאַלט מען אַלץ נידעריקער, ביז מען דריקט די פאַרבלוטיקטע האַנט, מען קושט דאָס גרעסטע לעסטער־מויל און מען מאַכט שותפות מיטן ערגסטן באַנדיט...

אָ, ניין! שלום איז אַ שרעקלעכע זאַך... שלום איז דער שקר אַליין.

ניין, איך וויל אויף שלום נישט בעטן!

איך האָב אַמאָל אַ געליבטע געהאַט.

איך האָב זי ליב געהאַט, כאָטש זי איז אָרים און נאַקעט געווען...
איך האָב זי ליב געהאַט, ווייל איך בין, ווי איך האָב נישט, איינמאָל גע־

זאָגט, אַ פאַרפאַלענער ראָמאַנטיקער און אַן אידעאַליסט אין דער „רעַ־אַליסטישער צייט“! און זי האָט מיר אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי אידעאַל־שיין, אַזוי ערהאַבן, אַזוי עדלמיטיק, אַזוי גוט... אַ געוויסע צייט איז זי מיין מוזע געווען, און דעמאָלט האָבן זיך פון מיין האַרפּעס סטרונעס אַפּגעריסן סאַמע ווייכע, סאַמע זיסע, סאַמע ערהאַבענע טענער — ווייל איך האָב פון פולן, ווייכן האַרץ איר ליוב געזונגען!

איך האָב דעמאָלט גוטע נעכט און זיסע חלומות געהאַט, ווייל זי איז מיר נאַכט אויף נאַכט ביים בעט געשטאַנען, צערטלעך מיר די האָר געשטרייכלט, מיט די סאַמעטענע, וואַרימע הענטלעך דאָס פּנים געגלעט... איך האָב אין שלאָף איר ראָזיקן אָטעם געפילט, און בין גאַנץ אָפּט אויפגעשטאַנען מיט ברענענדיקע ליפּן פון אירם אַ האַניק־קוש.

מיט דער צייט האָט זיך מיין געליבטע פּ אַ ר ד אָ ר ב ן! זי איז אַ צנועה געוואָרן און אויסגעוויינט זיך די הימל־בלאָע אויגן ביי די נאַרישע תחינות; זי איז אַ גבאיטע געוואָרן, אָנגעהויבן רבנישן טאַבאַק צו שמעקן, און דער אַמאָליקער רויזנבעכער זעט היינט אויס ווי אַ טאָפּל־טער, איבערגעקערטער קוימען... זי איז אַ טוקערן געוואָרן, און אויפן אָרט פון מאַנדלען פילט מען מיילן־וויט פון איר שימל און מקווה־וואַ־סער... און זי חברט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה־בחורים, און גייט אַרום מיט אַ צדקה־פּושקע אין די הייזער... אויף הכנסת־כלה.—

איך וואָלט איר דאָס אַלץ מוחל געווען, עס זאָל זיין אַ מ ת... עס איז אינגאַנצן פאַלש... זי כאַפּט זיך טיילמאָל אַרויס פון דער חברה און קאָקאַנירט אין מיטן גאַס ביי אַ שאַרמאַנקע, אָדער ברעכט זיך אויס די גלידער אין די הייף צווישן אָפּגעריסענע שוואַרצקינסטלער... אויך אויף הכנסת־כלה.

מיט דער צייט איז זי פאַראומריייניקט, פאַרנאַכלעסיקט און פאַר־וואָרלעסיקט געוואָרן...

איך וויל איר נאָמען בסוד נישט האַלטן... „חבת ציון“ הייסט די דאַמע...

און אַז איך זע זי, שטאַרבט אין מיר דאָס האַרץ פאַר רחמנות, און עס גיסט זיך איבער די גאַל פאַר כעס... און העלפן קאָן איך נישט...

איך האָב קיין האָפענונג נישט אָפּילו אויפן שפּאַלט אין הימל! מיין הייסע בקשה: דער רבונו של עולם זאָל זי אויסריייניקן, צוריק פריש,

געזונט און יונג מאַכן, אויסרייסן זי פון דער שוואַרצער חברהס הענט און איר צוריקגעבן דעם ערלעכן, פרייען, געזונטן כישוף — די בקשה קאָן נישט איינגעפאסט ווערן אין איין וואָרט, און דער הימל שפּאַלט זיך נאָר אויף איין סעקונדע...

איך האָב נאָך אַנדערע, אפשר בעסערע און וויכטיקערע בקשות, און זיי וואָלטן זיך דווקא געלאָזט איינפּאסן אין איין וואָרט, אין איין איינציק וואָרט, — שאַרף ווי דער בליץ, שטאַרק ווי דער דונער... נאָר צום הימל איז זווייט, מען מוז שרייען הויך און — שטיוול האָבן אויערן, אָקסן — לאַנגע צונגען, און איך — איך האָב שטאַרק מורא...

הנרות הללו

— זשידאָוואָסקי פּראַזדניק! — מאַכט דער קוטשער און גיט אַ פּייף, און די פערד, וואָס האָבן געריכנט זיך אָפּצושטעלן ביי דער יידישער קרעטשמע, פליען ווייטער, ווי פייל פון בויגן גליטשט זיך דער שליטן איבערן פריש־געפאַלענעם שניי...

דער גענעראַל, אַן אַטסטאַוונאַי, מיט די עפּאָלעטן און דער לענג, פון די קאַנטאָניסטן, האָט אויך באַמערקט. דאָס איינציקע פלעמל, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון דער פאַרפרוירענער שויב דורך דאָס לענגעכיק־קיילעכטיקע לעכל, וואָס עס האָט זיך אַליין אויפגעטועט.

וואָס פאַר אַ יום־טוב איז עס? — טראַכט ער.

ער וויל זיך דערמאָנען נעמען פון יידישע ימים־טובים.

„פּורים", — דערמאָנט ער זיך גראָד.

וואָס איז אַזוינס פּורים? ער דערמאָנט זיך זאַפרען... אַ ריח פון זאַפרען... ביים טיש זיצט אַ פרעמדער ייד מיט אַ ברודיק־רויטע פּאַטשיילע אין האַנט, אין דער פּאַטשיילע איז דאָ קופּערן און זילבערן געלט... ער וויל נאָך... ער דערציילט עפּעס אַ מעשה... קראַנקע קינדער... קימפּעטאָרן... צי אַן עגונה...

מער געדענקט ער נישט...

ער האָט געהערט פון פּורים־שפּילער, נאָר געזען האָט ער זיי נישט. ער פלעגט איינשלאָפן איידער די פּורים־שפּילער זענען געקומען צו זיי... אין עק שטאָט האָבן זיי געוווינט... אפשר האָט ער אַמאָל געזען און פאַרגעסן... צומאָרגנס פלעגט ער ארויסגיין אויף שטאָלצן אין גאַס; ער האָט מורא געהאַט צו קוקן... מען קאָן אַראָפּפאַלן. עס פלעגט אים קאַלט ווערן אַרום האַרץ און דעם קאָפּ פאַרדרייען...

דעם ייד מיט דער פּאַטשיילע געדענקט ער... אַ שוואַרצער ייד... אַ פאַנפאַטער, ער פלעגט רעדן און שפּריצן מיט טאַביק פון דער נאָז...

— פּי!

און דערנאָך וואָס גייט?

דאכט זיך אים פּסח...

וואָס איז פּסח?... עט... אין דער „הייליקער געשיכטע" שטייט... מצרים... ירדן... ווייסט ער?!

ער געדענקט די מוטער, ווי זי פּוצט און רייבט די קליאמקע פון טיר... דיקע טראָפּן שוויים רינען איר פון פּנים...

דערנאָך: מצות.

עס ווערט אים וואַרים ארום אַלטן האַרץ:

„צי באַנוצן זיי דערצו בלוט, צי ניין?"

ער האָט קיינמאָל אין דער היים פון בלוט נישט געהערט... ד אָ ר ט זאָגט מען אָבער אויף זיכער... אין אָנהויב האָט ער זיך געשפּאַרט... אַצינד ווייסט ער שוין אליין נישט... א קשיא אויף אַזוינע לייט!

נאָר שיין גלאָז איז געוועזן ביים טיש... איין בעכער אין עק טיש, א גרויסער, מיט רויטע בילדער...

עפּעס אויף א גאַסט האָט מען געוואַרט.

צי איז ער געקומען? — ער געדענקט שוין נישט.

דערנאָך גייט א „גרינער" יום־טוב... „זיעליאַני פּראַזדניק"... ווי אַזוי זיי רופן עס, ווייסט ער נישט... עפּעס פּוטער־געבעקס, קאַווע... די ראַזשינקעס, וואָס ער פלעגט ארויסנאַשן, געדענקט ער...

עפּעס א קורצער יום־טוב...

ער געדענקט נאָר, אַז דעם יום־טוב פלעגט דער פאָטער שלאָפן שפּעט אין טאָג אריין... פארוואָס? ווייסט ער שוין נישט...

דערנאָך גייען „קוטשקי" —

דאָס אַלטע מויל פארקרימט זיך אים מיט א חוזק־שמייכל. „א יידישע דאַטשע אויפן הויף... ביי די...ֹ ביי די... פוי!"

ער געדענקט נאָך, עפּעס א פרוכט פלעגט מען האַלטן, א ציטרין, צי אן עפּל... א בעזימל אין דער האַנט... און דערנאָך האָט מען די שטענדער געשמיסן...

ריינע געצנדינער . . .

אהא! דערנאָך פּענער...

ער פאַלט אריין אין אנדערע געדאַנקען... זיין ערשטער טריט

ארויף אויף דער לייטער, איז געווען א פאָן... סעוואסטאָפּאָל! ער גיט נישט די פאָן . . . א פוס ברוט — ער האַלט! א האנט הייבט אָן ברע־נען, ער כאַפּט די פאָן אין דער לינקער האנט אריין... ער פאַלט אויף דער פאָן... דריקט זי צו מיטן בויך, מען קאָן זי נישט פארנעמען, ער באקומט א שטאָך... פאַלט ערגיץ אין שאול תחתיה און — כאַפּט זיך אויף אין שפּיטאָל...

דעם ערשטן קרייץ באקומען!

— זשידי פּראָקלאַטיע! — וועקט אים דעם קוטשערס רופן...

מען פאָרט שוין לאנגזאם דורך א לאנגע גאס אין א שטעטל...

אין ביידע זייטן פענצטער קוקן ארויס פּלעמלעך... זיי ציטערן ווי פאר שרעק און קוקן ארויס...

פון א הייזל גייט עמיץ ארויס און זינגט זיך איבער:

— הנרות הללו...

— שטאָ אָן סקאַזאַל, איוואַן? — פרעגט דער גענעראַל,

— א טשאָרט יעוואָ, זשידאַ פּאַרכאַטאָוואָ, זנאַיעט, וואשע פּרע־וואָסכאָדיטעלסטוואָ!

דעם גענעראלס אויער האָט דאָך געכאַפּט:

„הנרות הללו"...

אזוי מוז ער הייסן דער יום־טוב — „הנרות הללו"...

דער וועג ווערט צוריק גלאַט... די פערד רייסן זיך ווי טייוולאָ־נים, דער גענעראַל פארטראַכט זיך גאָר אָן געדאנקען.

דאָס חנוכה־ליכטל

עס פאַלט־צו די נאַכט, די פינצטערע נאַכט!
אונ שאָטן באַדעקן די ווענט...
נאָר אומעטיק ווילד, פאַרציטערט און זאַכט
אַ ליכטל אין פענצטערל ברענט!

און עס פאַרציילט מיר דאָס טרויעריקע מער:
אַמאָל איז געווען אַ שווערד...
א שווערד, און א שאַרפע... היינט גלאַנצט זי נישט מער...
היינט ליגט זי צעבראָכן אויף דר'ערד!

פאַראָסט איז די שווערד, און טויט איז די האַנט,
וואָס פלעגט אַמאָל מיט איר צו פעכטן!
עס בלייכן די העלדישע ביינער אין זאַמד...
ס'איז, דאַכט זיך, געווען ערשט נעכטן?

און דאָך וויפל הונדערטער, טויזנטער יאָר
פעלן די האַנט און די שווערד...
טייל דריקן די אַקסל און פרעגן: איז וואָר
דער נס, וואָס מיר האָבן געהערט?

— — — — — — — — — — — —

לכבוד חנוכה

און איך האָב ווייטער געבלאָנדזשעט — אין חלום...

וואַכנדיק, אַז אַ מענטש בלאָנדזשעט, איז נישט קיין געפאַר! מלאָכים בלאָנדזשען; מיר זעען בחוש, ווי שטערן אין הימל כאַפּן זיך אַראָפּ פון וועג און ווערן פאַרפאַלן... און לאַנג בלאָנדזשען קאָן מען נישט... מען לייגט צו אַ פויסט צו די אויגן, דערזעט מען אַ היימישן שטערן, אַ שפּיץ־דאַך פון אַ פּאַלאַץ, פון אַ קלויסטער, פון וואָס עס איז — ווייסט מען, ווו מען געפינט זיך! אַניט, וואַרפט מען זיך אויף דער ערד, מען לייגט צו דאָס אויער צו דער ערד, הערט מען פון ערגיץ־ווו עפּעס אַ קול, גייט מען נאָך אַ קול צי אַ בת־קול. אין ערגסטן פאַל בילט אַ הונט ערגיץ פון אַ דאָרף, גייט מען נאָך דעם הונט... און אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, איז אויך נאָך ווייט צו סכנת נפשות: די וועלט איז נישט הפקר; פאַראַן אַן אויג, וואָס זעט, אַן אויער, וואָס הערט, און די שאָף זענען געציילטע שאָף! און עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט, כאַפּט אָן ביי דעם „פּאָדקאָלנער" און פירט צוריק אין סאַמע־ראָדנע־מיט סטאַדע אַריין, און עס ווערט צוריק זיכער, וואַרעם און היימלעך, און עס גייט צוריק דער אַלטער קדמונים־גאַנג — קאָפּ־צו־ווידל, קאָפּ־צו־ווידל!...

אָבער אַז מען בלאָנדזשעט אין חלום? קיין אויג, קיין אויער און קיין האַנט... קיין שפּאַן הימל איבערן קאָפּ, קיין שאָל ערד אונטער די פיס... און אין איין סעקונדע קאָן מען אין גראָען „גאָרנישט מיט גאָרנישט" אָפּבלאָנדזשען אַ וועלט, אַן „אייביק"!

און, וואָס ערגער איז, נאָך אַזאַ חלום, כאַפּט מען זיך אַמאָל נישט איינגאַנצן אויף... מען האָט אָפענע אויגן, מען גייט אין סאַמאָראָדנע מיט סטאַדע, און די נשמה איז נאָך נישט צו זיך געקומען, און זי חלומט, און בלאָנדזשעט ווייטער. און מען כאַפּט אָן אַן עק פון אַן אומריינעם

שעפּס, און מען מיינט, גאָט ווייסט וואָס עס איז, און מען לייגט צו צום מויל... משוגע צו ווערן!

און איך האָב געבלאָנדזשעט אין חלום! א מערכה נאָר, וואָס נישט אליין... א גראָער חלום, א וויסטער חלום, נאָר נישט אינגאנצן. איך האָב בליצן, לייכטער, שטורקאצן און אילומינאציעס געזען...

איך וועל אייך דערציילן כסדר:

— — — — — — — — — — — —

אזוי ווי איך בין אריינגעפאַלן אין גראָען „גאָרנישט מיט גאָרנישט", בין איך בייז געוואָרן, און טאקע אויף מיר אליין! און אויף מיר אליין, אז איך ווער בייז, זידל איך מיך הויך, טאקע בקול רם, ווייל פאר מיר אליין האָב איך קיין מורא נישט!

— שלים־שלימזל! — זידל איך מיך — ווי בלאָנדזשעט עס א מענטש?

— א מענטש — זאָג איך ווייטער — האָט צוויי זיכערע פּונקטן: א מענטש ווייסט, פון וואַנען ער קומט און — וווהין ער מוז קומען... און אז מען האָט צוויי פּונקטן, דאַרף לייכט זיין צו געפינען דעם אמתן דרך הישר — דעם קירצסטן וועג צווישן בײדע פּונקטן! א הונט, וואָס לויפט צו א ביין, טרעפט אויך דעם גלייכן וועג!

און ווי איך זידל מיך אזוי, דערפיל איך פּלוצלינג א ריח פון אלטע ציבעלעס, און עמיצנס א האנט לייגט זיך מיר אויף די אקסל, און א פריש־קלינגענדיקע שטימע פרעגט מיך:

— וואָס שרייסטו? —

עס באווייזן זיך מיר צוויי גלאנצנדיקע אויגן אין דעם גראָען „גאָר־נישט־מיט־גאָר־נישט", איך דערשרעק מיך אביסל און ענטפער מיט א שאלה אויף א שאלה:

— ווער ביסט דו?

— הערינג טראָג איך! — ענטפערט מיר די שטימע.

— און בלאָנדזשעסט?

— ניין... איך גיי נאָך די הערינג...

— וואָס גראָד הערינג?

— גראָד... היינט הערינג, מאָרגן אייער, האָזענע פעלעכלעך... וואָס עס מאכט זיך.

— און ווינען וווינסטו?

— אין ערגעץ! — ענטפערט ער — נאָר גאָר אינגאנצן פרעמד בין איך אין אין ערגיץ נישט..

און אצינד גייסטו?

— ווו עס וועט זיך לאָזן...

פלוצלינג שלאָגט מיר אין די אויגן אריין א שימער פון א ווייסער באָרד.

— וואָס זענט איר? — פרעג איך דערשראָקן — אַלט, צי יונג?

— עלטער פאַר אלע און יונגער פאַר אלע, — ענטפערט ער, — איך ווער אלע מאָל ווי ניי־געבוירן...

שטארק געוואונדערט אין חלום האָב איך מיך נ י ש ט . נאָר פלוצלינג באַקום איך א ווילדן חשק צו גיין צוזאמען מיט דעם, וואָס ווערט אלע מאָל ניי־געבוירן.

— נעמט מיך מיט! — בעט איך.

— מהיכא תיתא, — זאָגט ער.

און מיר גייען... מיך פירט דער גלאַנץ פון זיינע אויגן, דער שימער פון דער ווייסער באָרד... א נישט, הער איך זיין קלינגענדיקע שטימע; א נישט, פירט מיך דער ריח פון די אלטע הערינג... אבי נישט געבלאָנדזשעט אליין!

— די פיס ברעכן גייענדיק, — קלאָג איך מיך נאָך א ווײַלע.

— שטיין בלייבן טאָר מען נישט, — ענטפערט ער אביסל שטרענג — מען ווערט פארשטארט און געפרוירן...

— עס איז אזוי גרוי, אָן הימל, אָן שטערן, אָן א שטראַל ליכט...

— ליכט — ענטפערט ער, איראָניש דאכט זיך, — ליכט וועט זיין... נישט פון דער ה יי ך . . . פון דער זייט וועט זיין ליכט . . . און וואָס פינצטערער עס איז א נאכט אָן הימל, גלאנצנדיקער און העלער לייכט דאָס אליץ, וואָס מען צינדט אונטער אין דער נידער — —

— וואָס איז דאָס פאַר א בריה? — טראכט איך — א מענטש טראָגט הערינג, רעדט חכמות, גאנצע שטיקער פילאָזאָפיע!

נאָר צייט צו פרעגן האָב איך נישט.

פלוצלינג הייבט מיר אָן עפּעס רויטלעך צו שווינדלען פאר די אויגן.

—עפּעס רייטלט זיך, — זאָג איך.

— אן אָפּגלאַנץ פון עפּעס! — ענטפערט ער.

און א רויטלעכער נעפּל וויגט זיך און טראָגט זיך אלץ נענטער און נענטער, און א ריח טראָגט זיך מיטן נעפּל.

— וואָס שמעקט אזוי? — פרעג איך.

— פרישע רויזן, — ענטפערט ער — איך האנדל אמאָל מיט רויזן אויך.. מיר דאכט, — זאָגט ער — ווייסע רויזן!

און א ווייסער רויזנקראַנץ באַווייזט זיך אין רויטלעכן נעפּל... און א פרויען געשטאַלט — אונטערן קראַנץ... און א לייב פון אַן אַלאַבאַס־טער האלדז מיט פאַליעס רויט פלאַמענדיקע האָר באַדעקט, פון זיי שלאָגט זיך עס אָפּ דער רויטלעכער נעפּל... און צוויי אויגן — צוויי ברענענדיקע שטערן — לייכטן אין נעפּל, פארקוקט פאַר זיך... ווייט אין דער וועלט אַריין! און פעסט און קעניגלעך שטאָלץ איז איר גאַנג אין גראָען „גאָר־נישט מיט גאָרנישט", דאָס קליין קרעטענע מויל איז קוים־קוים שמייכל־דיק אָפן, און א בעכער שוימענדיקער ווייַן אין די אויסגעשטרעקטע האנט פון עלפנביין!

זי גייט פאַרביי, און ביי מיר צאַפּלט דאָס האַרץ און רייסט זיך, ווי א פאַרוואונדעטער פויגל פון אַן ענגער שטייג אַרויס, און ערשט, אַז זי איז פאַרשוואונדן, פרעג איך אָן אָטעם:

— ווער איז זי?

— ווער ווייסט? חוה פון גן־עדן, ושתי פון דער מגילה... גריכנ־לאַנדס שיינע העלענא... און אפשר א „דיווא" פון א קאפע־שאַנטאַן —

— דאָס האָסטו אויך געזען?

ער מאַכט זיך נישט הערנדיק —

— נאָר איר וועג — זאָגט ער — ווייסט זי!...

און א גערויש קומט מיר אין אויער אריין...

אַ פערדס־גאַלאָפּ שלאָגט זיך דומפּיק אָפּ פון דער הארטער ערד, אויבוואָל מיר האָבן זי נ י ש ט אונטער די פיס.

צווישן בליצן באַווייזט זיך א רייטער, — מיטן פערד צוזאמען אין שטאָל און אייזן געשמידט! עס בלאַנקט דאָס אייזן, עס שימערן ביידע

מיילער מיט פערל־וואַסער־שוים באַדעקט... און אויף דער נאַקעט אוים־געצויגענער שווערד טאַנצט דער בליץ... דעם בליץ גייט ער עס נאָך!

און אויפֿן הויכן שטערן איז צוגעקלעפּט אַ טראָפּן בלוט... איבערן רויטן פלעק אַ גאָלדענע קרוין; דעם פלעק פאַרדעקט זי נישט... איבער דער קרוין הייבט זיך און קרייזלט זיך אַ שוואַרץ גלאַנצנדיקע קראָ, — אירע אויגן ברענען, און די לופט קרעכצט אונטער אירע גלאַנצנדיקע פליגל...

זי פליט נאָך דעם רייטער, ער — דעם שפּיץ פון זיין שווערד!...

— ווער איז עס? פרעג איך.

— איך ווייס? קין, נבוכדנצר — — ווער דו ווילסט, נאָר ווי אַזוינס גלאַנצט און לייכט אין דער פינצטערער נאַכט...

און צוריק „גאָר נישט מיט גאָר נישט”! און מיר בלאָנדזשען טעג און וואָכן, אפשר חדשים, און פאַלן פלוצלינג אַריין אין אַ ים פון ליכט!

מיר זענען אין אַ טאָל צווישן בערג, פון טאָל וואַקסט אַרויס אַ שטאָט...

און אַלץ לייכט און ברענט!

אַרום, אויף די רוקנס פון די בערג, זענען קליינע ליכטלעך פאַר־זייעט... די קליינע פלעמלעך לעקן ציטעריק די קאַרגע גרעזלעך אויף דער ערד, און קליינע רויכלעך ציטערן אַרום די קליינע ליכטלעך, און עס הייבט זיך אַלץ העכער און העכער... גלייך נשמהלעך קריכן און שאָטן קריכן זיי נאָך...

אונטן ביים זוים ברענען פעסער סמאָלע...

— קידוש החודש? — פרעג איך.

— אילומינאַציע! — ענטפערט ער. זע! — און דרייט מיך איבער צו דער שטאָט.

הייזער און פאַלאַצן! און אַלץ „באָדט זיך אין ליכט”... קליינע פלעמלעך בלאָנדזשען, קריכנדיק אויף די גלייכע ווענט, קליינע רויכלעך יאָגן זיי נאָך... אויף די באַלקאָנען פלאַמען ליכט און אויגן צוזאַמען... פון מיטן שטאָט פליען אַרויף פייערדיקע שלאַנגען, און פּלאַצן אין דער הייך מיט גערויש, און צעשפּריצן זיך אויף טויזנטער שטערן, און נייע שלאַנ־גען פליען...

און די שטערן אין הימל ווערן בלאַס פון שרעק, די לבנה — גרין און געל פאַר קנאה...

— וואָס פאַר אַן אילומינאַציע?

— אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטוך, האָט ער געפּאַשעט גענדז... די גענדז האָבן געראַטעוועט רוים... היינט איז זיין יאָרצייט...

אַזוי האָט ער מיר פאַרטייטשט.

און צוריק אַרוים אין גראָען „נישט" אַריין, און וויטער געבלאָנדזשעט אַ צייט, ביז מיר זענען ווייטער אַריינגעפאַלן אין ליכט...

עס שימערט אַ בלאַנקער, פלאַכער שפּיגל, עס ציט זיך אַ לאַנגער טייך...

אַ דיקע נעפּלזייל שטייט אינמיטן טייך, און הייבט זיך ביזן הימל אַריין, און האַלט אים אונטער...

פון נעפּל קוקן ליכטלעך, ווי גלי־ווערים, אַרויס...

— דאָס זענען אַרוים שיפלעך, — פאַרטייטשט מיר מיין הערינג־מאַן. — זיי וואָלטן ווייט ווייט אַוועק, נאָר דער נעפּל האָט זיי פאַרשלאָסן אין זיך!

נאָר אַרום נעפּל פליען פרייע שיפלעך („שפּאַציר־שיפלעך" — זאָגט ער) מיט פאַרביקע לאַמטערן אין בלומען־קרענץ פאַרצירט... מענער און ווייבער פאָרן שפּאַצירן... און געזאַנג הערט זיך, אַביסל אויסגעלאָסן טרויעריק, אַביסל הייזעריק און פאַרשיכורט... ביים ברעג צו דער שטאָט צו, צו דער שטאָט אויפן באַרג, — שטייט אויפגעשטעלט אַ לאַנגע ריי לאַמטערן; זיי שלאָגן זיך אָפּ אין שוואַרצלעכן וואַסער ביים ברעג, ווי ליכטיקע, פלינקע זיילן, אויף וועלכע דער ברעג, דאַכט זיך, שטייט...

און אויפן רוקן פון באַרג יאָגן זיך ליכטלעך און לעמפּלעך, ווי נשמהלעך, איינגעהילטע אין רויכיקע שאָטן. זיי הייבן זיך און יאָגן זיך אין שטאָט אַריין, און ווערן פאַרלוירן אין לוסטיק לייכטנדיקע גאַסן מיט ברענענדיקע פענצטער, גאָלדענע, פלאַמענדיקע שפּיצן פון דעכער — —

אַ פלאַמענדיקער ברוך הבא! — זאָגט ער.

— וועמען?

— אַן אייניקל...

— וועמעס?

— דעם זיידנס! דעם זיידנס, וואָס איז אמאָל אהער געקומען אַלס פיינט, און פון שטאָט א חורבן געמאַכט...

דעמאָלט איז אַן אילומינאַציע געווען! הייזער האָבן ווי לאַמטערן געברענט... טייכן ווארעם־בלוט האָבן זיך געוויכערט אין די גאַסן און פלאַ־קערנדיקע שטראָמען פון בוימל און ווייַן זענען איבער די טייכן געשוואומען...

היינט קומט ער מיט זיין גנאַד... און דאָס איז זיין „ברוך הבא!״ —

אַלע ליכט, אַלע פלאַמען, אַלע אילומינאַציעס און ברוך הבאָס, וואָס איך האָב אין חלום געזען, און וואָס מיין הערינג הענדלער האָט מיר פאַר־טייטשט, בין איך אייך נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן..

עס האָט מיר אָנגעהויבן אין די אויגן צו ברענען. אין דער נשמה!

און צום סוף גאָר, גאָר צום סוף ערשט האָט זיך מיר געוויזן, ווי יאָסל קרעמער, בענטשט חנוכה־ליכט...

דורך אַ קליין שייבל ציטערט א קליין וואקסן ליכטל...

— פאַמעלעך — זאָגט ער — פאַמעלעך.. היינט איינס, מאָרגן צוויי, איבערמאָרגן דריי... און אזוי ווייטער... ביז גאַנצע אַכט! —

די חשמונאימס אילומינאַציע!

ער איז מיר פארשוואונדן געוואָרן, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

נס חנוכה

— 1 —

איך האָב שוין געהאַלטן דעם פּאַלטאָ אין דער האַנט, און האָב מיך דאָך אָפּגעשטעלט:

— גיין — אָדער נישט גיין אויף דער לעקציע?

אַך, עס איז אַזוי אומאַנגענעם! אַזאַ שלעכט, אַזאַ פּויל וועטער... אַ האַלבע מייל וועגס.. און וואָס? נאָך אַמאָל „פּקד, פּקדתי", נאָך אַמאָל דער „אַלטער באַלעבאָס", וואָס האָט אָן דקדוק אָפּגעלעבט עטלעכע זעכציק יאָר, צען מאָל געווען אין „לאַפּסק", אַ פּאָר מאָל אין „דאַנציג", שיר־נישט אָנגעשלאָגן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און קאָן אַלץ נישט פאַרשטיין, אויף וואָס מען גיט דאָס אויס געלט... אַ טייערע מציאה — דקדוק!

ווייטער, דער „יונגער באַלעבאָס", וואָס ווייסט, אַז פּראַקטישער וואָלט געווען צו טראָגן פּאות מיט אַ שטריימל, אַ קאַפּטאָן מיט סטראַקעס, צו פאָרן צו אַ גוטן ייד, און נישט צו וויסן פון דקדוק. ער איז, נע־בעך, אַ כשר קרבן.. אלס סוחר מוז ער, נעבעך, קומען צווישן מענטשן, טראָגן אַ הוט מיט אַ געפּרעסט העמד, דערלויבן, דאָס ווייב זאָל גיין אין טעאַטער, די טאָכטער זאָל לעזן ביכער, און מוז האַלטן נאָך צום יינגל אַ לערער אויף „דקדוק"...

— איז דען דער טאַטע נישט גערעכט? — מאַכט ער — נאָר די וועלט וויל אַזוי!

און דער וועלט קאָן ער קיינמאָל גאָר נישט אָפּזאָגן!

— טוט מיר כאָטש צוליב, — בעט ער זיך ביי מיר, — און מאַכט מיר אים נישט קאַליע.

— איך צאָל אייך — זאָגט ער — אַזוי פיל געלט פאַר אַ הויל ביסל דקדוק; זאָל ער נישט וויסן, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון!

און איך האָב צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס פון מיר נישט וויסן, וויל...

ווייל איך האָב אינגאַנצן איין לעקציע געהאַט, און... אַ קראַנקע מאַמע אין שטוב!...

— גיין — אָדער נישט גיין?

ביי דער לעקציע היט מיך דאָס גאַנצע הויז־געזינד.

צי זי אויך?

זי זיצט פונדערוויטנס, שטענדיק פאַרלעזן, פאַרטיפט... טיילמאָל הויבט זי אויף די לאַנגע, זיידענע ברעמען, דעמאָלט ווערט אַביסל ליכטיק אין שטוב...

דאָס געשעט דאָך אַזוי זעלטן, אַזוי זעלטן...

און וואָס וועט זיין דערפון? גאָרנישט, אויסער הארצווייטיק! —

— הערסט? — וועקט מיך אויף דער מאַמעס שוואַכע שטימע פון בעט — דער פעלשער זאָגט, אַז ווען איך זאָל האָבן אַ פּאָר וואַרעמע, וואָ־לענע זאָקן, וואָלט איך געמעגט אַראָפּקריכן פון בעט.

— מוז מען גיין אויף דער לעקציע!

— 2 —

אויסער דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך, ווי איר שטייגער איז, אַרויסגעכאַפּט, דער שווער זאָל נישט ווויסן, אין טעאַטער אריין, האָב איך געטראָפן דאָס גאַנצע הויז־געזינד אַרום זינדיקן טאָמבאַקענעם סאַמאָוואַר.

אויף מיין „גוטן אָוונט" האָט דער יונגערער באַלעבאָס געענטפערט מיט אַ שוואַכן „גוט־יאָר", און נישט אויפגעהערט צו דרייען אין דער האַנט די טאַליע קאָרטן, וואָס ער האָט געהאַלטן, געווים — וואַרטנדיק אויף געסט.

אונטער אַ שפּיציקער יאַרמולקע, איינגעהילט אין אַ ברייטן טער־קישן שלאָפראָק, לויגט נישט דעם אַלטן באַלעבאָס אַרויסצונעמען די לאַנ־גע אַנטיפקע, מיטן בורשטינענעם שפּיץ, פון מויל, אָדער אויפצוהייבן די אויגן פון אַלטן ליסער סידור. ער שאָקלט מיר קוים צו מיטן קאָפּ און פאַר־טיפט זיך ווייטער אינעם פּירוש צום זמר לחנוכה.

ז י איז אויך פאַרטיפט, נאָר געוויינלעך — אין איר ראָמאַן.

אויף מיין תלמיד האָט דאָך מיין אריינקומען אַן אומאַנגענעמען איינדרוק געמאַכט.

— וואָס? שפּרינגט ער אָפּ פון טיש און וואַרפט טראַציק אַרונטער דאָס שוואַרצגעלאַקטע קעפל — היינט אויך לערנען?

— פארוואס נישט? — שמייכלט דער פאטער.

עס איז דאך חנוכה! — טופעט דער קליינער מיטן פוס, און ווייזט מיטן פינגער אויפן ערשטן ליכטל מיטן שמש, וואס האבן געברענט אונ־טער דער פארהאנג אויפן פענצטער, צוגעקלעפט צו א שייטל האלץ.

— גאנץ גערעכט! — בורטשעט אריין דער אלטער.

— נו, נו, מוחל! — מאכט גלייכגילטיק דער יונגער באלעבאס.

עס דאכט זיך מיר, אז ז י איז בלאסער געווארן, אז זי האט טיפער אראפגעלאזט דעם קאפ צום בוך.

איך זאג „א גוטע נאכט", נאר דער יונגער באלעבאס לאזט מיך נישט אוועקגיין:

— איר מוזט שוין בלייבן אויף טיי!

— און אויף „שקצימלעך מיטן מאן" — האט פריילעך אויסגעשר־ריען מיין תלמיד. ער וואלט מיט מיר גוט געלעבט, ווען נישט דער „פקד, פקדתי".

איך וויל אפזאגן, נאר דער לאבוז כאפט מיך אן ביי דער האנט, רוקט מיר צו, מיט א שעלמישן שמייכל אויפן רירעוודיקן פנים, א שטול, קעגנאיבער דער שוועסטער.

האט ער עפעס באמערקט?

נאטירלעך האט ער געקאנט עפעס באמערקן נאר פון מיין זייט... זי איז שטענדיק פארטיפט און פארלעזן... זי האלט מיך געווים פאר א בטלן. אפשר נאך פאר עפעס ערגערס... זי ווייסט דאך נישט, אז איך האב א קראנקע מאמע אינדערהיים.

— ער מוז שוין זיין אנגעצויגן! — רופט זיך אן אומגעדולדיק דער יונגער באלעבאס.

— 3 —

— באלד, באלד, טאטעשי! — ענטפערט זי האסטיק, און איר בלאס פנים רייטלט זיך.

דער יונגער בעל הבית פארטראכט זיך ווייטער; מיין תלמיד לאזט איבערן טיש א דריידל, דער אלטער לייגט אוועק דעם סידור און גרייט זיך צו צום טיי.

אומגערנווויליק האב איך מיך פארקוקט אויף די חנוכה־ליכט, וואס ברענען מיר קעגנאיבער אויפן פענצטער. זיי ברענען אזוי טרויעריק, אזוי

בידערגעשלאָגן און פאַרשעמט פאַרן פאַרזילבערטן בליץ־לאָמפּ, וואָס הענגט איבערן עס־טיש און באַלייכט אַזוי העל דעם פיינגעדעקטן טיש... עס ווערט מיר נאָך אומעטיקער, און איך באַמערק נישט, אַז זי דערלאַנגט מיר אַ גלאָז טיי.

— מיט ציטרין? — וועקט מיך איר טרויעריקע שטימע.

— אפשר מיט מילך? — פרעגט דער פאָטער.

— ניין, ניין, די מילך איז אָנגעברענט! — וואָרנט מיך דער תלמיד.

— אומדערטרעגלעך! — רייסט זיך איר פון מויל אַרויס.

— 4 —

עס איז זווייטער שטיל. מען הערט נאָר דעם זייגער אויף דער וואַנט. דאָס זופן פון די גלעזער און דאָס קלינגען מיט די לעפעלעך.

פלוצלינג פאַלט איין מיין תלמיד צו פרעגן:

— לערער, וואָס איז אַזוינס חנוכה?

— וועסט פרעגן מאָרגן דעם רבין אין חדר, — מאַכט אומגעדולדיק דער אַלטער.

— עה! — מאַכט מיין שילער טראַציק, — דער לערער ווייסט וויל בעסער פאַרן רבין.

דער אַלטער וואַרפט אַ בייזן בליק אויפן זון; דאָס האָט געהייסן: „זעסטו?!”

— איך וויל אויך וויסן, וואָס חנוכה איז! האָט זי זיך אָנגערופן שטיל.

— נו, אדרבה! — מאַכט דער יונגער באַלעבאָס, — לאָמיר זען, וואָס ביי איך איז חנוכה!

— 5 —

— עס איז געווען אין דער צייט — האָב איך אָנגעהויבן — ווען די גריכן האָבן אונדז אונטערגעדריקט אין ארץ ישראל.

די גריכן... נאָר דער אַלטער האַקט מיר איבער מיט אַ זוירע מינע:

— אין שמונה עשרה שטייט „מלכות יון... הרשעה!”

— עס איז אַלץ איינס, מן הסתם — באַמערקט דער יונגער באַלע־באָס — וואָס ביי אונדז איז יון — איז ביי זיי אַוודאי גריכן!

— די גריכן — האָב איך נאָך אַמאָל אָנגעהויבן — האָבן אונדז

שרעקלעך אונטערדריקט! עס איז געווען די ערגסטע צייט פאַר יידן. עס האָט זיך געדאכט, אז דאָס גאנצע פאָלק וועט שוין אונטערגיין און פאַר־לוירן ווערן... נאָך עטלעכע אומגליקלעכע מרידות איז אונדזער גאנצע קראפט צעשלאָגן געוואָרן... דער לעצטער פונק פון האָפענונג האָט זיך אויסגעלאָשן... מען האָט אונדז אין אונדזער אייגענעם לאַנד ווי ווערים מיט די פיס געטראָטן...

דער יונגער באַלעבאָס האָט שוין לאַנג נישט געהערט; ער האָט איבערגעבויגן דאָס אויער צו דער טיר, צי וועט נישט עמעץ קלינגען פון זיינע געסט... נאָר דער אלטער לאָזט פון מיר קיין אויג נישט אראָפּ. און אז איך האָב נאָך אמאָל באַנוצט דאָס וואָרט „אונטערדריקט”, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און געזאָגט:

— א מענטש רעדט ריינע דיבורים... אונטערדריקט — שמיקט... וואָס טויג מיר דאָרט... מען האָט אונדז פּשוט נישט געלאָזט קיין שבת האַלטן, קיין יום־טוב מאכן, קיין תורה לערנען און אפילו מילה פאַר־ווערט!

— שפּילט איר נישט פּראָפּעראַנס? — האָט מיך ראַפּטום געפרעגט דער יונגער באַלעבאָס, — אפשר גאָר אין אָקע?

עס איז ווייטער שטיל געוואָרן, און איך האָב ווייטער פאַרציילט:

— די לאַגע איז מיט דעם נאָך ערגער געוואָרן, וואָס אונדזער אדעל און די רייכע לייט האָבן זיך אָנגעהויבן מיט זייער אייגן פאָלק צו שעמען און אָנגעהויבן זיך פירן גריכיש... מען האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן גימ־נאַזיומס...

זי און דער זיידע קוקן מיך ביידע אָן פאַרוווּנדערט!

— אין יענע גימנאַזיומס, האָב איך ווייטער געצויגן, האָט מען נישט ג ע ל ע ר נ ט ווי אין די היינטיקע... מען האָט נאָר גימנאַסטיק גע־מאַכט, און דוקא נאַקעט, און זכרים מיט נקבות צוזאַמען...

ביידע פּאָר אויגן האָבן זיך צוריק אראָפּגעלאָזט, נאָר פאַר דאָס האָבן זיך דעם יונגן באַלעבאָס'ס אויגן צעפלאַמט:

— וואָס רעדט איר?!

איך ענטפער אים נישט און פאַרצייל ווייטער פון די טעאַטערן, ווו מענטשן האָבן זיך געשלאָגן מיט ווילדע חיות און אָקסן, און פון אַנדערע גריכישע מנהגים, וואָס האָבן געמוזט דעם יידישן לעבן זיין צו־ווידער.

— דאָס איז אַלץ פֿאַר די גריכן נאָך ווייניק געווען; זיי האָבן געוואָלט, עס זאָל פֿון יידישן לעבן קיין צייכן נישט בלייבן, און זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ מזבח מיט אַן עבודה זרה אינמיטן גאַס, און געהייסן צו איר מקריב זיין קרבנות.

— צאַ טאַ זנאַטשי? — האָט זי איבערגעפרעגט.

איך האָב איר פאַרטייטשט, און דער אַלטער האָט זיך צעהיצט און געענדיקט:

— און אַ חזיר! דווקא אַ חזיר זאָל מען מקריב זיין!

און עס האָט זיך געטראָפן אַ ייד — האָב איך ווייטער אָנגעהויבן — וואָס איז צוגעגאַנגען צום מזבח און האָט געוואָלט ברענגען אַ קרבן...

אין דער אייגענער רגע איז פון די בערג אַראָפּ דער אַלטער מאַקאַבעער מיט זיינע פינף זין... איידער די גריכישע סאָלדאַטן זענען צו זיך געקומען, האָט זיך דער נידערטרעכטיקער שוין געבאָדן אין זיין אייגן בלוט, דער מזבח איז געווען צעשטויסן. אין איין סעקונדע האָט די מרידה אויפגעפלאַמט...

. . . און די מאַקאַבעער מיט אַ קליין ביסל גבורים האָבן באַזיגט די הונדערט מאָל שטאַרקערע גריכן...

. . . זיי האָבן די גריכן פאַרטריבן פון לאַנד, באַפרייט דאָס פאָלק.

— 6 —

צום אָנדענק פון דעם זיג — האָב איך געענדיקט מיין דערציילונג — צינדן מיר עד היום אונדזער אָרעמע אילומינאַציע, אונדזערע חנוכה־ליכט.

— וואָס? — איז אויפגעשפרונגען דער אַלטער און האָט געציטערט פאַר צאָרן — ד אָ ס איז דאָס נס?

— אהער, שמערקע! — האָט ער אַ געשריי געטון צום אייניקל, וואָס האָט זיך פאַר שרעק נאָך ווייטער אָפּגערוקט.

דער אַלטער קלאַפּט אין טיש אריין, אז עס קלינגען די טעלער:

— דאָס נס איז געווען... אַז מ׳האָט אַרויסגעטריבן די טמא׳ע יוונים, איז נישט מער געבליבן ווי איין קריגל כשרער בוימל...

נאָר ער האָט זיך צעהוסט און נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן. דער יונגער באַלעבאָס איז צוגעלאָפן און האָט אים אַרויסגעפירט אין דער צווייטער שטוב אריין.

— 7 —

איך וויל ארויס פון שטוב, נאָר זי פאַרהאַלט מיך:

— זי זענען קעגן אַסימילאַציע? — האָט זי מיך געפרעגט.

— אסימילירן — האָב איך איר געענטפערט — הייסט פאַרצערן, אויפעסן און פאַרדייען. מיר אַסימילירן רינדפלייש, ברויט, און אונדז ווילן אנדערע אַסימילירן... אויפעסן ווי רינד־פלייש און ברויט...

זי שווייגט אַ פּאָר סעקונדן און פרעגט דערנאָך דערשראָקן:

— ווען דען אייביק, אייביק זיין קריג און שטרייט צווישן פעל־קער?

— אָ, ניין — האָב איך איר געענטפערט. אין אַ געוויסן פּונקט מוזן זיך אַלע פעלקער פאַראייניקן!

— און דער איז?

— די מענטשהייט!... זאָל יעדער ביי זיך טון, וואָס מען דאַרף, ווען זיך שוין אַלע צוזאַמענטרעפן.

זי האָט זיך פאַרטראַכט. איך וויל ווייטער רעדן, נאָר מיר האַקט אי־בער אַ קלאַפּ אין דער טיר...

—די מאַמע גייט! — האָט זי שטיל אויסגעשריגן און אַנטלויפט, אוועקגייענדיק דערלאַנגט זי מיר דאָס ערשטע מאָל די האַנט.

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי, נאָך ליגנדיק אין בעט, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו דורך אַ פּאָסלאַניעץ.

דער קאָנוּוערט האָט איר פּאַטערס פירמע „Jakób Brenholc" דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי אַ גזלן... אינעווייניק איז מער נישט גע־לעגן נאָר 10 רובל פאַרן חודש, וואָס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט.

אוים לעקציע!

אַ יונגן שרייבערס חנוכה

.1

גענומען אין דער רעדאַקציע האָנט־געלט און צוגעזאָגט אַ זאַך אויף חנוכה; צום זיבנטן ליכטל. דער „דוכאָוונע" רעדאַקטאָר האָט ביי מיר גענומען תּקיעת־כּף. דעם צווייטן, דעם ליטעראַרישן, האָב איך מיין ערנוואָרט, דעם „הן־צדק" פון אַ שרייבער געגעבן. עס זאָל ערנסט אויסזען, האָב איך דערביי מיט די אויגן געפּינטלט, און דער קאַסירער האָט זיך באַלד גענומען צום אויסציילן. באַקומען האָב איך אַ סך; סאַמע קופּערן קליין־געלט.

און שרייבן מוז איך, כאָטש אַ דייטשער פּיסק, עליו השלום, האָט געזאָגט, אַז „קיין מענטש מוט מיסען". עס איז פאַראַן אַ רעסטאָראַטאָר, וואָס איז קיין אָרך אַפילו נישט און גיט קרעדיט העכסטנס אויף אַ חודש. מאַכט זיך אַ פּתיחה ביי די שטיוול אָדער ביי די הויזן, מוז מען צאָלן באַר־געלט. און עס איז פאַראַן אַ באַלעבאָסטע, אַ דיקע, בייזע יידענע, וואָס, אַז מען צאָלט איר נישט צו דער צייט, הערט זי פריער אויף צו געבן טיי, דערנאָך, אויב עס העלפט נישט, נעמט זי דעם שליסל פון צימער צו, — כאָטש נעכטיק אויפן גאַסלעכן שניי אין גאַס. מאַריע, אמת, דאָס צעשויבערטע דינסט־מיידל, מיט די ברודיקע הענט ביז אין אָרעם און טיף־פאַרחלומטע אויגן ביזן שאול תּחתּיה אַריין, דערלאַנגט מיר טיי בגנבה פון דער באַלעבאָסטע. זי האָט פאַר מיר גרויס ליבשאַפט מיט דרך־ארץ. זי זאָגט, אַז איך מוז זיין אַ שרייבער פון איר צד, וואָרום די שרייבער פון דער באַלעבאָסטעס צד גייען הייגט אין גאָלד. איינמאָל פאַרטאָג האָט זי זיך אַריינגעגנבעט צו מיר, און מיט טרערן אין די אויגן פאַרגעשלאָגן אַ קליינע הלוואה אויף דירה־געלט... נאָר אַזוי טיף געפאַלן בין איך נישט. גערירט, האָב איך זי געקושט. זי האָט געציטערט אין מיינע אָרעמס, נאָר דאָס געלט — איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ נסיון עס איז געווען! —

האָב איך נישט גענומען. זי האָט עס מיר אונטערן קישן געלייגט, איך האָב עס געפונען און צוריקגעגעבן. איך בין נישט אזא שמאטע, ווי מען זאָגט... נאָר ווי לאנג קאָן א מענטש אויסהאלטן א נסיון?

מען מוז דעריבער וואָרט האלטן. מיט דער דיקער באַלעבאָסטע איז נישט צו שפּאַסן. נעכטן האָט זי מיר ווייטער צוגענומען דעם שליסל. „מוחל, זאָגט זי, דאָס שבירות, נאָר היידא!" איך האָב איר געזאָגט, אז על פּי דין איז זי גערעכט, נאָר אז היינט דאַרף זי טון לפנים משורת הדין. זי דאַרף מיך לאָזן בשלום חנוכה־ליכט בענטשן! זי איז באַשטאַנען. די הארטקייט איז אַראָפּ פון פּנים, אין די אויגן האָט זיך איר באַוויזן א צערטלעכקייט —

— נאט, נאָר דאָס לעצטע מאָל! — „א יידישע קישקע קאָן מען פאָרט נישט אָפּשאַצן" — האָט זי צוגעגעבן און האָט מיר אפילו דערלויבט צו נעמען פון קיך א שייטל האָלץ, די ליכטלעך צוצוקלעפּן! זי האָפּט אויף א חלק פון שכר פאַר די מצווה. דערפאַר האָט מאַריע אויף מיר א שלעכט אויג געוואָרפן: זי קלערט, אַז איך בין פאָרט פון דער באַלעבאָסטעס צד; א נישט, וואָלט איך אַנדערע ימים טובים געהאַט.

2.

ווי עס איז, איך בין אין שטוב.

שרייבן מוז מען, נאָר צי קאָן מען?

טינט פאַראַן, פּאַפּיר האָב איך אין רעדאַקציע באַקומען, די פּעדער אין האַנט האַלט איך, — נאָר פון בייז זאָל איך אַזוי וויסן, אויב איך וויים, וואָס מען שרייבט.

פאַרגאַנגענעם פּורים האָט מען געכאַפּט א רויטלעכס אין רעדאַקציע, געטראָגן צו חברה. אין חברישן קאַסטן אריין, און מען האָט געשריבן „עם כל הנערים"... היינט איז זיך דער גאנצער עולם צעלאָפן. דער זומער האָט זיי געבראַכט, דער פראָסט האָט זיי צעיאָגט...

קיין איינציקער חנוכה־געדאַנק! בכלל רירט זיך נישט אין מוח! דאָס האַרץ איז טרוקן און פאַרוויאַנעט, ווי אַן אָפּגעוואָרפענע צווייג, וואָס וואַלגערט זיך יאָרן־לאנג ארום אין וואַלד, און דער קאָפּ איז לעער, ווי ווינטער צייט א שוואַלבן־נעסט.

און יענע האָט מיך פאַרלאָזט... אויף אייביק. זי האָט באַמערקט ווי איך נעם ביי איר מער, וויפל איך גיב איר... און עס איז אמת געווען!

איך וועל נאָך אַמאָל אַרומגיין, זוכן געדאַנקען, ווי אַ פּאַריזער בעטלער שטיקלעך פּאַפּיראָסן און ציגאַרן אין גאַס.

צי האָב איך אַמאָל אַ יי ג ע נ ע געדאַנקען, אַן אַ יי ג ע נ ע נשמה געהאַט? אפילו אַמאָל אין דער יוגנט, גאָר אין די טיפע קינדער־יאָרן...

די זעגען שוין אָבער לאַנג אַוועק. און די זכרונות זייערע שווימען וואָס אַמאָל פון מיר ווייטער און ווייטער. זיי ציען זיך, ווי די לייכטע, פאַרגאָלדעטע אָוונט־נעפּל קיין מזרח, בשעת ווען די מידע זון לאָזט זיך אַראָפּ קיין מערב. כאָטש איך בין קיין זון קיינמאָל נישט געווען... איך בין געווען אַ לבנה, נאָר אויך נישט ביי דער זון, — ביי גראָשנדיקע הלבנע ליכטלעך האָב איך ליכט גענומען און פאַרצוקערט אויפן ליטעראַרישן מאַרק... און דאָך אַרויסרופן חנוכה־בילדער, חנוכה שטימונגען מוז איך. איך מוז מיך דערמאָנען, מיט געוואַלט צוריק אַרויסרופן די קינדער יאָרן, די צייט, ווען אַלץ איז געווען האַרציק־ווייך... דופטיק, הויך... פון דער צייט פון שטערן, בלומען און — גאָט ווייסט וואָס! איך מיין: פון באַהאַל־טענער, קוים געשפּירטער, קוים געפילטער ליבע...

— מאַריע!

זי קומט אַריין האַלב־דערשראָקן.

— האָסט נישט קיין וועקסענע ליכט?

— וואָס?

— מיט וואָס גייסטו אין קעלער אַריין?

— מיט אַ „סטאָטשעק".

— דאָס מיין איך, באָרג מיר דיין סטאָטשעק.

זי ברענגט'ן. איך שנייד אָפּ אַ שטיק, טייל עס אויף חנוכה־ליכט. צינד אָן, מאַך אַ ברכה לבטלה, זי שטייט און קוקט מיט גרויס געעפנטע אויגן.

גיי זאָג איר, אז איך דאַרף אַרויסרופן אַ חנוכה־שטימונג...

3.

עפּעס שווימט אַרויס.

אַלטע, אַלטע צייטן.

אומשטיינס געזאָגט, ווי אַלט איך בין אינגאַנצן, און דאָך ליגט דאָס גוטע פון מיר אַזוי ווייט, אַזוי ווייט! — מאַריע איז אַרויס פון שטוב.

די ליכטלעך, צום שיטל האַלץ צוגעקלעפּט, ברענען אָרעם און שע־

מעוודיק, און לייכטן, ווי יתומים־אייגעלעך ביים שטיפטאַטנס טיש. דאָך טרעפן די דינגע שטראַלן צו מיר אין האַרץ אַריין. עס הייבט זיך דאָרט אויף אַ דינער, גאָלדענער שטויב. גאָלדן, לייכטן די זכרונות... אַ בילד:

איך דריי מיך אַרום אײנער אַליין אין צימער. די חנוכה־ליכט האָבן נאָר וואָס אויסגעצאַנקט, פון דער צווייטער שטוב פאַרטרייבט מען מיך: דאָרט שפּילט דער טאַטע מיט געסט אין אָקע; די גרויסע שעמען זיך פאַר מיר, אַליין דערפון נישט ווייסנדיק, און הייסן מיר בעסער גיין און אַריינקוקן אין אַ ספר. אין דער ערשטער שטוב זיצט די מאַמע מיט אירע ווייבערישע געסט, און מען באַרעדט דאָס גאַנצע שטעטל. מען שינדט די הויט פון שכנים און שכנות קונציק: מיט רחמנות, מיט אַ געזיפצערײ... דערצו פּאַס איך זיכער נישט. און אין אַלקער שפּילט די שוועסטער מיט אירע חברטאָרינס אין לאָטערייקע. אַהין ציט מיך אַפילו, נאָר — איך וואָלט מער נישט געדאַרפט... און איך דריי מיך אַרום אײנער אַליין, טרויעריק, בייזלעך, און פול שרעק צום ספר, צו וועלכן אַלע אַרום שיקן מיך אָפּ...

גייענדיק אויף און אָפּ, פאַרהאַלט איך מיך יעדעס מאָל ביי דער אָפענער טיר פון אַלקער. און פּונקט דעמאָלט הויבט זיך אויף אַ גאָלדן קעפּל און וואַרפט מיר צו אַ שעלמישן בליק, — מײנס אַ שוועסטערקינד. און אויגן האָט זי! — קוילן ברענענדיקע, גרויסע, און דאָס פּנימל איז דערביי אַזוי בלאַס, אַז עס דערוועקט לייטזעליקייט, פּשוט אַ רחמנות, בשעת ווען די ברענענדיקע אויגן ציען צו און שרעקן אָפּ צוזאַמען... זי קומט גאַנץ אָפּט צו דער שוועסטער. איך טרעף זי גאַנץ אָפּט אויף די טונקעלע טרעפּ, מיר קומען זיך אַנטקעגן און בלייבן ביידע שטיין אַ ווײלע, זי קומט צו זיך די ערשטע און אַנטלויפט מיט אַ געלעכטער. און מאָדנע קלינגט דאָס לאַכן אירס. לאַנג שטיי איך און זאַפּ איין דאָס געלעכטער, וואָס הערט זיך ווייט, ווייט פון דער הייך צי פון דער נידער... און אין האַרץ ווערט מיר אַזוי אומרואיק, אַזוי וואונדערלעך קאַלט, וואַרעם און זיס... איך האַלט עס נאָך דעמאָלט פאַר אַ זינד, און וויל מיך פון דער זינד באַפרייען... איך דריי מיך אָפּ פון אַלקער־טיר און באַמי מיך צו טראַכטן וועגן לערנען, וועגן נס פון חנוכה, וועגן כשרן בוימל, חשמונאים, בית־המקדש און אַנדערע גוטע זאַכן. איך פאַרטראַכט זיך און קום צוריק צו דער אַלקער־טיר.

מיט אמאָל, שטייענדיק פאַר דער אַלקער־טיר, באַמערק איך, אַז די שוועסטער מיינע, וואָס האָט דאָס זעקל גענומען אין דער האַנט, רופט זיי אויס נישט מיט אַ ריינער שטימע. זי איז, דאַכט זיך מיר, הייזעריק. די שוועסטער, נאַטירלעך, האָב איך ליב, ווי דאָס לעבן, וויינִיקסטנס אין יענער מינוט, און מיט איין שפּרונג בין איך אין אַלקער, נעם איך איר פון האַנט אַרויס, נישט אַזוי זאַנפט אפילו, דאָס זעקל, און ווער אַ זאָגער ביי די מיידלעך.

דאָס גאָלדענע קעפּל וויל מיר צושמייכלען, און קאָן זיך נאָר פאַר־קרימען: זי האָט פאַר זיך די לעצטע קאָפּיקע און ווייניק אויף די טאָוועלעך.

עס פאַלט מיר איין, אַז איך מוז איר העלפן, זען, וואָס עס פעלט איר אין אויסרופן. נאָר איידער איך קום דערצו, דעקט זי 39 ביי נומער 40, גיט אַ געשריי: קווינטערנאַ, גראַטשעט מיט דער רעכטער האַנט אויס דאָס געלט פון טעלערל, קערט אום מיט דער לינקער די טאָוועלעך און רופט נאָך אמאָל: געוווּנען!

די מיידלעך אַרום שווייַגן פאַרוווּנדערט, דערשראָקן, און קומען דאָך באַלד צו זיך און שרייען:

—פאַלש, פאַלש!

און זי ווענדט זיך צו מיר בלאַס און דערשראָקן מיט אַ פלאַמענדי־קער בקשה אין אויג: העלף מיר! זיי מציל מיין כבוד, מיין ערלעכקייט, איך האָב מיך אַליין פאַרפירט...

באַ, עס איז נישט איר לעצטער פאַלש געווען! — —

4.

אַזוי ווי ווינטער שלאָפנדיקע פייגל — ליגט ערגעץ טיף אַ שנור פון זכרונות, און איין גליד שלעפּט אַרויס דאָס צווייטע.

צו 14 יאָר בין איך פון דער היים אַנטלאָפן. לערנען האָב איך גע־וואָלט, און וואָלט געלערנט, ווען נישט, וואָס מען האָט אַנטדעקט אין מיר אַ „טאַלענט"... אַ טאַלאַנט באַגייט זיך אָן אַלעם. אַ טאַלאַנט גייט אַרום נאַקעט און בלויז; די נשמה מיין איך. עס איז היינט אַ מאָדע אויף נאַ־קעטע נשמות, אָן אַ גאַרטל פון גראַמאַטיק אפילו... ערגער איז אָבער מיט אַ נאַקעטן גוף, און דער ערשטער ווינטער האָט מיך אהיים גע־יאָגט צו דער מאַמען.

דער טאַטע האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. עס איז גראָד געווען

חנוכה. איך האָב דער אָרעמער מאַמען חנוכה ליכטלעך געבענטשט. זי איז באַלד נאָך דער ברכה געלאָפן אין געוועלבל אַריין. זי האָט נאָך כמעט גאָרנישט געלייזט און איך בין געבליבן איינער אַליין מיטן צווייפל: צי איך, וואָס גלויב שוין אין גאָר נישט, האָב געמעגט א ברכה מאַכן דער מאַמען צוליב?... דער נאַציאָנאַלער שטאַנדפונקט, וואָס קען די חנוכה־ליכטלעך פאַרענטפערן, האָט נאָך נישט עקזיסטירט... די חשמונאים זענען נאָך געשטאַנען אין הינטער־גרונט פון חנוכה־בילד. פאַרנעפּלט, און אַרויפגעשוואומען איז נאָר דער נס מיטן בוימל. און דער מאַמען צוליב האָב איך ליכטלעך געצונדן און ברכה געמאַכט. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס זאָל איך טון, קנייפּן זיך אין קנעפּל פאַר די ליבשאַפט צו דער מאַמען, אָדער שפּייען זיך אין פּנים פאַרן שקר. אָן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, האָב איך מיך ביים פענצטער געשטעלט און אַרויסגעקוקט אויף די אַלטע אילומינאַציע. און — דעם אמת זאָגנדיק — זי איז מיר געפעלן, די אַלטע, צנועהדיק באַהאַלטענע אילומינאַציע. אויפן שניי, וואָס באַדעקט דעם קליינעם, פיר־עקיגן מאַרק, בלאַנדזשען אַרום קוים־קוים זעעוודיקע אָרעם־ליכטיקע שטראַלן, און די פענצטערלעך מיט די גאָלדענע פינטעלעך, מיט די זיסע, פרומע, שטילע פינטעלעך... זיי לייכטן שטיל און זיס, ווי שטילע, זיסע, האַרציקע סודות, וואָס מען רוימט זיך איין אין דער שטיל־סטער גליקלעכער שעה... און עס ווערט נישט דערציילט, נאָר געוווּנקען, שטיל און איידל געוווּנקען, און די הערצער, וואָס פאַרשטייען די שפּראַך, וואַקסן, ווייל זיי ווערן פול מיט שטילער, האַרציקער פרייד... און אַז דאָס האַרץ ווערט איבערגעפולט, הייבן די ליפּן אָן צו זומען, צו זומען אַ שטילן, הייליקן דאַנק... דאָס זומט דער זמר לחנוכה, דאָס ברענען חנוכה־ליכט, אין דעם זומט און לייכט די נשמה... דעם אַלטן פאָלק'ס נשמה... און פלוצלינג — —

פלוצלינג איז דאָס אַלץ פאַרזונקען און פאַרטונקען געוואָרן! דער שטיל הייליקער כישוף איז מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן, צו נישט געוואָרן!

הו־הא! א ווילד אויסגעלאַסן געזאַנג. ווילדע אויסגעלאַסענע פלאַ־מען... שטורקאַצן, מוזיק, געזאַנג און געפּילדער!

שליטן לויפן דורך דעם מאַרק אין דער ברייט. עס פליען די פערד, און פון אונטער זייערע פיס הויבט זיך ווי א נעפּל דער שנייענער שטויב... דער ערשטער שליטן איז דורך מיט מוזיק, די אַנדערע לויפן אונטער מיט

געזאנג — א שוימענדיקער, פייערשפריצנדיקער געזאנג אין די מיילער, פלאם־פייערדיקע שטורקאצן און לאמטערן אין די הענט... און עס פליט דורך ווי א ברענענדיק גיהנום מיט זיינע שדים, און די לבנה אין הימל איז שטיין געבליבן פארציטערט, פארגלעט און מענטשן זענען ארויס פון די הייזער —

— דעם גראף בראניצקיס קוליק!...

אין ים פון ליכט און געזאנג זענען פארטרונקען געוואָרן די חנוכה־ליכטלעך מיט די חנוכה־זמירות...

אז דער קוליק איז אריבער, איז דער שניי געלעגן פאראומרייניקט און טויט, די פענצטערלעך זענען שטיין געבליבן פינצטער און שטום —

5.

און לייבל שוחט איז דעם צווייטן טאָג צו מיר געקומען און האָט פאר מיר א גאנצע רעדע געהאלטן.

א מערקווירדיקע בריאה לייבל שוחט. בפרט זייט ער איז מיט זיין קראנקן רבין אין די בעדער געפאָרן און א שטיק אויסלאנד געזען. קבלה מיט אויסלאנד. חסידות מיט קארלסבאד...

— יידישקייט! וואָס איז יידישקייט? פרעגט ער און שטרעקט אריין די הענט אין גארטל.

און אז איך שווייג, ענטפערט ער זיך אליין מיט חנוכה־ליכטלעך אין די שווארצע אויגן. —

— יידישקייט איז אזוינס, איז אזוינס...

ער פארגלייסט די אויגן, און קומט צו דער דעה, אז יידישקייט איז — —

„כמעט ווי עפּעס א מין גומעלאסטיק. וויל מען, ציט זיך עס אויס, דארף מען, ציט עס זיך איין".

„יידישקייט איז אזוינס, וואָס קאָן אויפבליען, אויפטויען (ער האָט גאָר אַן אַנדער לשון געהאט) און אויפלעבן, און גרויס, און גרעסער, און נאָך גרעסער ווערן. און עס קאָן זיך פארשפרייטן, און צעוואקסן זיך, און פארנעמען אלץ, אלץ! עס קאָן ממלא זיין דעם גאנצן חלול פון דער וועלט: פון צפון ביז דרום, פון מזרח ביז מערב און פון הימל ביז צו דער ערד! עס קאָן אלץ ארומנעמען, אלץ אויספילן, אלץ פארדעקן און דורכנעמען,

און ווערן דער שיין און דער גלאַנץ פון אַלעם. און דער תוך פון אַלעם, און די נשמה פון אַלעם.

און אַלץ וועט דעמאָלט לעבן און שיינען, אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, ווי אַ גן־עדן־עפּעלע מיט זאַפט"...

„און ווידער — זאָגט ער — פאַרקערט: דאַרף מען, ציט זיך דאָס יידישקייט איין. מוז מען, ווערט עס איינגעשרומפּן. זעט עס אויס אַלט און קליין, פאַרוועלקט און מיד, און שוואַך, ווי דער לעצטער אָטעם פון אַ גוסס".

אָבער עס דאַכט זיך נאָר אַזוי!

„פאַרוואָס זאָגט מען: „דאָס פּינטעלע ייד"? ווייל אין שלעכטע צייטן ווערט פון יידישקייט אַ פּינטעלע, אַ קוים ליכטיק, ברענענדיק פּינטעלע — ביי יידן אין האַרץ; אין דרויסן איז צו קאַלט, צו ווינטיק, נאָר אין אַ יידיש האַרץ האַלט זיך עס, דער „נר־תמיד"! און אַז דער באַוואָקסענער ייד פאַרקנעפּלט זיך און שלעפּט נאָך פון אויבן וואָס אויף זיך אַרויף — מיינט מען: פאַרלאָשן געוואָרן!"

„און דאָס איז דער גאַנצער חילוק פון יידישקייט ביז נישט יידישקייט. דאָרט: אָדער גאָר, אָדער גאָר־נישט. ביי אונדז: וואָס עס איז, אַ שפּילקע קעפּל, אַ סימן פון אַ שפּילקע קעפּל, אַ זכר דערפון — און לעבן מוז עס, און לייכטן מוז עס!"

„ביי זיי מוז יעדע זאַך זיין אַ גוף. אַ גרויסער, ברייטער און שווערער גוף — אַ באַרג! אַלץ מוז זיין הויך און דיק, און דערצו שרייענדיק! ביי אונדז מוז מען אַמאָל יוצא זיין מיט אַ פּינטעלע! אויף דעם איז מען אין גלות; אויף דעם זענען מיר אין גלות, און די שכינה — אין גלות"...

„נעמט, למשל, זייערס אַ דאַטשע! זייערס אַ דירת עראי, זייערס אַ סוכה, מיין איך! ווי זעט אויס זייערס אַ סוכה? אַ געביי, אַ הויז, מיט שפּיצן אַרויף, הויך און העזהדיק! און אַ פאַרנעם, אַ גאַנצער „עולם־ועד" אויף דער ערד! מען שטעלט עס נאָך, פאַר שיינקייט וועגן, אויף אַ באַרג, און אַ באַרג קלויבט מען אויס ביי אַ וואַסער, ביי אַ קלאָר וואַסער! און דאָס גדלות שפּיגלט זיך נאָך אָפּ! אויבן אַ דאַטשע אין הימל אַריין, אונטן — טיף, טיף אַראָפּ, אין שאול־תחתיה אַריין"...

„און ביי אונדז אַ כשרע סוכה וואָס איז?"

„אויפן הויף, אין אַ ווינקעלע, צוויי ווענט פון פּלויט, אַ דריטע צוגע־

מאכט, א לייכטע זאך, צום אוועקבלאָזן... די פּערטע — א „צורת־הפּתח"
און יוצא! אינעווייניק, פאַרשטייט זיך, ד' על ד'; אז ראשו ורובו איז
געגנוג".

א פּינטעלע!

און אין דעם פּינטעלע שטעקט שמחת יום־טוב א ים! אין דעם פּינ־
טעלע קומען אריין אושפּיזין עילאין צו גאַסט! אברהם אָבינו קומט, יצחק
ויעקב קומען... און משה ואהרן, דוד ושלמה — ווער נישט?

און אז זיי (יענע, מיינט ער) ווילן פריילעך און לוסטיק ווערן, וואָס
פאר מי און מאַטערניש עס איז דערביי! אכילה ושתיה איז דער עיקר!
פליישן, וויינען, בערגער פליישן, טייכער ווייַנען! דערצו מוזן זיין נאָך
נשים, חוץ דעם מוז מען צעברעכן גלעזער, אויטהאקן שויבן, זעצן אין
שפּיגלען אריין און, סוף כל סוף, איידער מען ווערט פריילעך, ליגט מען
אונטערן טיש, און ביי אונדז, א סעודת ראש־חודש: אן עק פון א הערינג
פאר א מזומן, א לעק פון ביטערן טראָפּן, עטלעכע ווערטער תורה און —
עס פלאַמט מיט נחת.

הוא הדין — זאָגט לייבל שוחט — חנוכה.

ביי זיי, ביי א זכר פון אזא גבורה פון אזא נצחון... א שפּאס? א
ביסעלע, א הויפנדל קעגן מחנות כחול הים, שוואכע און קראנקע קעגן
גבורים, — א שפּאס אן אילומינאציע עס וואָלט געווען; די גאניקעס
אויסגעלייגט מיט דיוואנעס, אין די פענצטער סטעארין־ליכט, אין די רינ־
שטאָקן שמן־זית־לעמפּעלעך... און מען וואָלט געגאנגען מחנות־ווייז אין
די גאסן, מיט שטורקאצן און מיט מוזיק, און מיט געזאנג, און ראקעטן
וואָלטן געפלויגן אין הימל אריין, און זונען וואָלטן אין דער לופט גע־
פּלאצט, און שטערן מילאָסן וואָלטן זיך צעפלויגן...

ביי אונדז: חנוכה־ליכטלעך, פּינטעלעך... און עס ווערט אזוי ליכטיק
אין הארץ, אזוי זיס, אזוי ווארעם"...

פון לייבל שוחט האָב איך דעמאָלט געלאכט; אצינד בין איך אים
מקנא!

6.

נאָך איינס און עס וועט זיין באלד געגנוג —
דער בריוו, וואָס איך האָב פון איר באַקומען.
נישט פון גאָלדענעם קאָפּ, וואָס טראָגט שוין לאנג א גאָלדן שייטל,

גאָלדענע אוירינגלעך און אין די ציין גאָלדענע פּלאָמבעס... און נישט פון יענער, וואָס האָט באַמערקט, אַז אונדזער צוזאַמענלעבן איז מיט איר היזק און האָט מיך פאַרלאָזט...

נאָר פון גאָר אַן אַנדערן סאָרט...

און עס איז געווען דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך געהאַט אַ שטיקל נשמה. אייגנטלעך, נאָר אַ האַלבע נשמה און איך האָב געוווסט דערפון, געטרויערט דעריבער און אַלץ איינאיינעם אַרומגעלאָפן זוכן די צווייטע העלפט, איך האָב געקרעכצט, געמיוקעט ווי אַ ליבעס הונגעריקע קאַץ... און דעמאָלט האָב איך מיך צו איר אויך געווענדעט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געזען פון הינטן און אין דער רגע איז מיר איינגעפאַלן, אַז זי פאַרמאָגט מיין צווייטע העלפט נשמה, אַז פון מיר מיט איר צוזאַמען קע־נען אַרויס אידייען־משיחן, וואָס וואָלטן פאַרניכטעט ניינציק פּראָצענט וועלט און דעם רעשט באַפרייט און געריייניקט צום באַרג סיני, אויף נייע עשרת הדברות, געפירט... דערנאָך האָב איך זי געזען פון פאָרנט: צוויי, שטערן, וואָס וואָלטן געלייכט אין דער פינצטערער נאַכט און אַ פּנים, וואָס ליידט פאַר אַ וועלט...

איך האָב איר מיינע מחשבות אַנטפּלעקט און געפרעגט, וואָס זי קלערט וועגן מיר, און זי האָט מיר געענטפערט, און אירם אַ חלום דער־ציילט. עס איז חנוכה־צייט געווען, און זי האָט אין חלום אַן אַלט קליין העברעיש שטעטל געזען. אַ סך, אַ סך אָרעמע הייזלעך, נאָר זיי האָבן זיך געבאָדן אין ליכט... אַ שטילער מאַרק, איבער וועלכן עס זענען מענטשן געאַנגנגען, אין טליתים מיט ספרי־תורות אין די הענט און האָבן צווישן זיך גערעדט, וואָס אַמאָל אָפּגעשטעלט און געשפּאַרט זיך, און גאַנץ אָפט אויפגערעדט אַ תורהלע און געוויזן מיטן פינגער אויף שטעלן, וואָס האָבן געזאָלט באַווייזן עמעצנס אַן אמת. פון ווייטן אויף אַ בערגל איז געשטאַ־נען אַ סינאַגאָגע, צו וועלכער די אַלע זענען געגאַנגען. אַנדערע זענען גע־זעסן אויף די פּלאַצע דעכער, אָנגעשפּאַרט אָן די גע‌לענדער און גערוט אָדער אויך געלערנט. פאַר מאַנכע הייזער זענען געשטאַנען אָדער געזעסן פאַרשידענע בעלי־מלאכות מיט פאַרשידענע וועדקצייג, ביי פאַרשידענע וואַרשטאַטן. וויבער האָבן זיך ווייניק געוויזן, דערפאַר האָט דאָס זינגענ־דיקע גערעדעריי פון קליינע קינדער פאַרפולט דעם מאַרק. גאַנץ אָפט האָט זיך אַן עלטערער מענטש אָפּגעשטעלט פאַר אַ קינד און געפרעגט: וואָס

האָסטו היינט געלערנט? און די קינדער האָבן ליבלעך און פריי געענט־פערט. פלוצלינג האָבן זיי דערהערט קולות פון אַ טראָמפּיט און באַלד דערנאָך — שווערע טריט פון סאָלדאַטן. איבערגעשראָקן און דערציטערט איז געוואָרן דער מאַרק. מען איז אַראָפּגעלאָפן פון די דעכער. די גייענ־דיקע האָבן זיך צוגעאיילט צו דער סינאַגאָגע. מאַנכע פענצטער זענען פאַרהאַנגען און פאַרשטעלט געוואָרן. מוטערס זענען אַרויס פון די הייזער און בלאַס פאַר שרעק און מיט ציטערדיקע ליפּן אויפגעזוכט און אַהיימגע־פירט זייערע קינדער.

פרעמדע זענען געקומען. מיט שפּיזן און פיילן־בויגן. מאַנכע אויף פערד. די קאַסקן האָבן געברענט אויף דער זון; די ווילדע אויגן — מער. פייל פון בויגן האָט מען אינמיטן מאַרק אויפגעשטעלט אַ מזבח; די טראָמפּיט האָט נאָכאַמאָל דורכגעשניטן די לופט און אַ העראָלד איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָן אין דער רעכטער האַנט און מיט אַ חזיר אויף אַ שטריק אין דער לינקער האַנט און האָט אויסגערופן, אַז יידן זאָלן דאָס חזיר מקריב זיין צו גאָט, אַ נישט, וועט מען חרוב מאַכן די שטאָט...

אַ געוויין האָט זיך געלאָזט הערן, אַ געוויין פון אַלטע, ווייבער און קינדער... און דאָך האָט זיך איינער געפונען, וואָס איז צוגעגאַנגען, וואָס האָט אַ ברכה געמאַכט און צום קרבן זיך גענומען! —

ער וויל זיך מקריב זיין, ער וויל די און יענע וועלט פאַרלירן און אָפּראַטעווען די שטאָט פון דער שטאַרקער האַנט, די שטאָט מיט אירע אַלטע און יונגע, מיט אירע ווייבער און קינדער — —

אָט האָט ער די ברכה געמאַכט און די האַנט מיטן שפּיז אויסגע־שטרעקט — — —

און דעמאָלט איז פון באַרג, אויף וועלכן די סינאַגאָגע איז גע־שטאַנען, אַראָפּגעגאַנגען מתתיהו דער מאַקאַבעער, ער איז צוגעקומען צום מזבח און דעם ייד, צוזאַמען מיטן הייפלינגע פון די שונאים — גע־שטאָכן... און מיט אַ העלדן־געשריי גערופן: אָט דאָס שווערד פאַר אונ־דזער פאָלק, פאַר אונדזער לאַנד!

— — — — — — — — — — — —

אָט דאָס האָט זיך איר געחלומט, און געזען אין חלום האָט זי אַלץ בחוש...

און געזען האָט זי, אַז דער מאַקאַבעער האָט גאָר קיין שום ענלעכ־

קיים צו מיר נישט געהאט, אפילו נישט צו מיינע חברים. דערפאר דער, וואס האט געוואלט ברענגען דעם קרבן.

— — — — — — — — — — — — —

וואס א מיידל קען חלומען, און וואס זי קען פון א חלום מאכן! אז מתתיהו איז געווען אן אלטער ייד און האט צו אונדז נישט געקאנט ענלעך זיין, דאס פאלט איר נישט איין...

.7

מען קלאפט אין טיר; א מיידל־האנט.

וועלכע פון זיי וועט קומען?

— העריין!

מאריע ברענגט טיי, נאר זי קוקט אוועק אן א זייט. ווער ווייסט. וואס פאר א חלומות זי האט, און צו וועמען איך בין אין זיי ענלעך.

———

פורים

פורים איז קיין יום־טוב: פיבער — קיין קרענק".
ניט צו באַניידן איז דאָך דעם, וואָס טרייסלט זיך אין פיבער;
און נאָך ווייניקער, דאָס פאָלק, וואָס פורים איז זיין וויל־טאָג.
— און נישט דעריבער, וואָס די הילף איז פון קיין מענער־האַנט געקומען; נסים זענען נישט מחויב — שעלקים צו טראָגן. מיר האָבן זיך מיט דבורה, יעל און יהודית נישט צו שעמען.

אסתרן אָבער האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם ערשטן זיג וואָס מיר האָבן, נישט קעגן, נישט איבער, נישט אונטער פרעמדע מלכים געהאַט.

פורים איז דער געבורטסטאָג פון ערשטן שוץ־ייד, פון ערשטן קרוב למלכות... פון ערשטן אויסזאָגן און פון ערשטן פאַרזאָרגן אַ קעניגלעך בעט...

א פרייד איז פורים פאַר בעטלער, קלעזמער, פאַרשטעלטע... און פאַר אזא פאָלק!

טאַנץ אויף פרעמדע בעטן, פאַרוואָרלעסיקטע נשמה, אויפן קבר פון דיין אַמאָליקן שטאָלץ, — טרינק, און פאַרגעס, אויב דו קאָנסט...

פורים־שפּילער

איך וווין אין אַ שטיל הויז, ווייט פון רווישנדיקן גרזיבאָוו, פון די זידנדיקע נאַלעווקעס. ווען נישט, וואָס טיילמאָל פאַרבלאָנדזשעט אריין אַ „האנדל־האנדל!“, זואָס טיילמאָל צופּט אַ ווענדראָווּנע סטאָליאַר ביים צינגל פון דער זעג, אַ שליפער קלינגט מיטן העמערל אָן אַן אייזן, אָדער אַ צעשויבערטע דינסט־מויד, קלאַפּט אויס אַ דיוואַן, אָדער בעט־געוואַנט, — וואָלט ביי מיר אין שטוב „שטיל געווען ווי אין רייוועץ“. די מוזע וואָלט מיך אויף אַ רגע נישט פאַרלאָזט, איך וואָלט די וועלט פאַרגאָסן מיט געזאַנג.

הערט זיך אָבער דאָס קלענסטע גערודער פון הויף, ווערט די מוזע פאַרשוווּנדן!

די פעדער פאַלט ארויס פון צווישן די פינגער, און איך בלייב זיצן לער, אָן געדאַנקען, אָן געפיל, ווי „אַ שטייג אָן עופות“.

דעמאָלט בלייבט מיר נישט מער, נאָר אויסבייגן דעם קאָפּ מיט די אויגן און צו קוקן אין די פענצטער אריין צו מיינע שכנים אריבער.

קעגנאיבער, אויפן צווייטן שטאָק, וווינט אַ יונג, רייך פּאָר פאָלק. ביים ארייננציען זיך, האָט מען געברענגט אַ פּאָרטעפּיאַן, טערקיש, יאַפּאַניש און היימיש מעבל, טויזנט קליינע מאָדע־זאכן, און אַלץ — ניי פון דער נאָדל.

דערנאָך זענען זיי אליין געקומען.

ער — אין אַ צילינדער; זי — אין גאַזן מיט בלומען; אַלץ — שפּוגל־ניי, אויסער זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעזען אַלט; געארעמט זענען זיי געקומען.

אויף די טרעפּ (אויך מיט אַ פענצטער ווי־זאָ־זוי מיר) האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, געלאַכט אביסל, געקושט זיך...

וואָס עס טוט זיך אין דער נעסט, ווייס איך נישט, — טאָפּלטע, זיידענע גאַרדינען...

איינמאָל האָט א קאַטאַרינאַרזש א פּויערישן טאַנץ געשפּילט, און די קאַטאַרינקע איז אַ וואונדערלעכע געווען, — זי האָט אַרויסגעגעבן טע־נער פון א האַרפע, ציטערדיקע, העלע נאָר טרויעריקע.

די גאַרדינען האָבן זיך צעשפּרייט, אין פענצטער האָט זיך באַוויזן א יונג בלאָנד קעפּל און האָט זיך איינגעהערט צו דער מוזיק.

דערנאָך האָט זיך צו איר פון הינטן צוגערוקט אַ גאָלער קאָפּ, וואָס איז צוגעפּאַלן מיט די ליפּן צום אויסגעבויגענעם פרישן נאַקן.

דער גאָלער קאָפּ מיט די ליפּן זענען זיינע, נאָר דאָס בלאָנדע קעפּל האָט געהערט צו דער דינסט, צום שיינעם דאָרפס־מיידל, וואָס האָט דער־הערט אין מוזיק אַ גרוס פון דאָרף, וואָס האָט דערפילט אין איר דעם ריח פון די לאָנקעס און פעלדער...

פאַר דאָס, אויפן ערשטן שטאָק, זענען קיין גאַרדינען נישטאָ; איך זע אַלץ, וואָס עס טוט זיך דאָרט.

א גאַנצע וואָך איז שטיל און לער; זי איז אין געוועלב, ער — אין גאַס, דאָס אַלט־פרענקישע, געבעטע מעבל איז איבערגעצויגן מיט ווייסע ציכלעך.

טיילמאָל לויפט אריין די דינסט פון קיך, מיט א קיישל אין דער האַנט און א שאַל אויפן קאָפּ, וואַרפט אַן אויג אין אַלט־מאָדישן שפּיגל אריין, און האַלט זיך מיט אים אַן עצה, צי קאָן מען אַזוי אַראָפּלויפן אין גאַס אַריין, אָדער מען מוז זיך אָפּוואַשן דאָס פּנים?

און דאָס פּנים געפעלט איר; אַ צופרידענער שמייכל צעגיסט זיך איבער די זומער־פלעקן; מיט די נישט־פאַרקעמטע האָר האָט זי דאָך צו־טון; זיי ווילן זיך נישט האַלטן אונטער דער שאַל.

זי לויפט צוריק אין קיך אריין, און קומט נאָך אמאָל צוריק מיט גלאַנצנדיקע הענט און האָר, פון פּוטער אָדער שמאַלץ; די אויסגעשמירטע האָר ליגן זיך גלייך אונטער דער שאַל, און דאָס, וואָס מען זעט אַרויס, גלאַנצט אַזוי חנעוודיק!

ענדלעך איז די דינסט אַוועק. אַ מייזל באַווייזט זיך פון אונטער דער גרויסער, שווערער קליידער־שאַנק. עס קוקט זיך אום מיט גלאַנצנדיקע, אומרואיקע אויגן אין אַלע זייטן.

די קאַנאַפּע, די שטולן שווייגן, דער טיש איז לער. די זילבערנע

טאָץ מיט די גלעזער, וואָס קוקן אַרויס פון שויבן־שאַנק, רירן זיך נישט פון אָרט. דאָס בשמים ־ שקעטעלע מיטן חנוכה־לעמפּל אין צווייטן פאַך זענען אויך נישט שרעקלעך; מען הערט קיין גערויש, קיין שאָרך.

דאָס מייזל שפּרינגט אַריבער און ווערט פאַרשווונדן אין קיך־טיר.

עס ווערט ווייטער שטיל... ביז פאַרנאַכט.

דעמאָלט קומט דאָס פּאָר־פאָלק אַהיים, עסט אָפּ און ווערט פאַר־שווונדן אין טיר פון שלאָף־צימער...

אויף דער וואַנט הענגט אַ מזרח מיט שרעקלעכע לייבן. רעכטס — אַ לוח; אויף דער גרויסער קליידער שאַנק ליגן עטלעכע ספרים. קיין באַ־זונדערע ספרים־שאַנק איז נישטאָ. —

די ספרים דערקען איך.

אין אַ ווייס בײַנערנער בונד ליגט איר דרשה־געשאַנק — אַ סידור מיט עברי־טייטש. דיקער און ברייטער איז דער „צאינה וראינה" מיט די צעשויבערטע שפּיצן... אין דער צווייטער זייט דערקען איך זיין דיקן „אורח־חיים", דערנעבן ליגן עטלעכע דינע ספרים: אַ תקון שבועותל, אַ הגדהלע, אַ מגילה... אין דער מיט, מיט די זילבערנע רוקן אויפן פראָנט, שטייען חמשה חומשי תורה, צוויי מחזורים... אויסער דעם, וואַלגערן זיך אַרום עטלעכע שמות, קענטיק — אירע תחינות, און שוין!

דאָס איז די גאַנצע ביבליאָטעק פון „פּראָסטן ייד"...

און אַ גאַנצע וואָך איז שטיל און ציכטיק, אויסער פרייטיק.

איך ווער נערוועז פון פיש און קלאָפּס־האַקן.

פאַר פּסח בין איך שיר־נישט אויס דער הויט געשפּרונגען פון שאַרן, רייבן און קראַצן.

די באַלאַבאָסטע מיט דער דינסט צוזאַמען האָבן זיך עטלעכע טעג געוואַלגערט אויף די פּאָדלאָגעס און מעשים געטון!

שבועות האָב איך מיך איבערצייגט, אַז „ריחא מילתא", איך האָב גע־האַט אַ פולע שטוב מיט פריש געבאַקענעם קעז, ראָזינקעס און נישט פרישער פּוטער...

סוכות האָט ער אַזוי לאַנג אויסגעלייגט דעם סכך, עס זאָל נישט זיין נישט צופיל זון און נישט צופיל שאָטן, ביז ער איז אַראָפּגעפאַלן

פון לייטער, און ווען נישט, וואס „שלוחי מצוה אינן ניזוקין", וואלט ער זיכער געהאט א לאך אין קאפ.

דערנאך ערשט האט ער, זינגענדיק א מארש אונטער דער נאז, ארויף געטראגן א לולב מיט אן אתרוג...

שבת און יום טוב שלאפט מען, אדער מען נעמט אויף געסט מיט איינגעמאכטס און פרוכטן...

דעמאלט זע איך דאס מעבל אן אן איינהיל: געלע פייגל און גרינע בלעטער —

און דעם פראסטן ייד מיינעם בין איך א גאנץ יאר מקנא!

„מעשה-בראשית", „מעשה-מרכבה", ווי להבדיל — פאליטיק און אנדערע „קוועיטשען" זענען נישט זיין דאגה...

פרנסה גיט גאט, ער אליין מוז זיך צורירן, אויך די האנט טון אין קאלט וואסער אריין, נישט מער!...

קיין קינדער נישטא, אדער שוין פארזארגט... לעבט זיך רואיק, ווארטנדיק אויף משיחן!

ער האט נישט קיין ווייטע האריזאנטן, פאר דאס אבער — א זיכערן, גלייכן זועג פון וויג ביז אין קבר אריין...

קיין מסופקער יתוש מיטן קופערן פיסקל דרייט אים נישט אין מוח... ער האט קיינמאל קיין שאלה נישט אן א גרייטן תירוץ פארויס.

די פריערדיקע דורות, האבן אים אויף אלעם פארזארגט, מיט בפירוש אויפגעשריבענע תשובות.

מען האט אים איבערגעלאזט א צוואה, ווי אזוי ער זאל זיך פירן; ווען ער זאל שלאפן, ווען וואכן, ווען לאזן וואשן די פאדלאגע, און ווען און וואס צו קאכן... ווען איינגעמאכטס צו פרעגלען, ווען אביסל וויין צו טרינקען, ווען ברייט און ווען שמאל צו זיצן...

און מען האט אים פארשריבן: וואס ביי גאט צו בעטן, וואס לייט צו ווינטשן; אויפן גאנצן לעבן א גרייטע רעצעפט...

אויף יעדן פעסטערן קלאפ פון הארץ — א גרייטע אשה, ביז הונ־דערט און צוואנציק יאר.

מאכט זיך אים עפעס א שאלה, קוקט ער אריין אין לוח, אין סידור „אורח-חיים"! לויפט אריבער די דינסט צום דיין, וואס זווינט אין דער צווייטער גאס, פרעגט ער א שכן...

זיין ערד רוקט זיך אים קיינמאָל נישט אָפּער פון אונטער די פיס;
זיין הימל וויל נישט איינפאַלן, זיין וועלט שטייט שטאָל און אייזן און
זי וועט אַזוי שטיין — ביזן אלף השׂשׂי...

וואָס נאָכן אלף השׂשׂי וועט זיין — זאָל גאָט זאָרגן!

דערביי וועט איר אים קיינמאָל ביי קיין ליגן נישט כאַפּן, ווייל ער
זאָגט אייך קיינמאָל נישט צו אויף זיכער, — „אַז גאָט וועט שענקען דאָס
לעבן", וועט ער „בלי נדר ומסקנא"... אפשר רירן זיך פון אָרט...

אַזאַ מענטש, כּל־זמן ער איז געזונט און האָט, ווי עס איז, פּרנסה
און אַ נישט איבעריק שלעכט ווייב, איז געוויס גליקלעך!

ערשטנס האָט ער זיך נישט מיט וואָס צו שעמען.

דאָס פענצטער איז זומער אָפן, ווינטער און זומער מיט גאָרנישט
פאַרהאָנגען... הימל און ערד מעגן אַריינקוקן. איך בין זיכער, אַז ער האָט
קיין גלאָק און קיין קלאַפּ־שלאָס נישט ביי דער טיר... ער פאַרמאַכט זיך
נישט, הייסט צו זיך פריער נישט קלינגען, ער זאָל צייט האָבן עפּעס צו
באַהאַלטן... פון עפּעס אָפּצושפּרינגען...

איך קוק טאַקע פראַנק און פריי אין דער איינפאַכער, אַלטמאָדישער
נעסט אַריין, ווו דאָס שטילע גליק האָדעוועט זיך — אויף געלע פייגל און
גרינע בלעטער...

היינט אָבער איז דאָרט לוסטיק. פּורים איז היינט...

וואָס מאַכט אים אַזוי פריילעך, אַזוי לאַכנדיק? וואָס בייגט אים
אַזוי איבער די ליפּן, אַז עס ווייזן זיך אים אַרום אין איין זייט די שפּי־
ציקע ציין? וואָס איבערגייען אים די אויגן? זיין לעבן איז אַזוי איינפאַך,
אַזוי פּראָסט, אַז קוים קומט עמעץ און פאַרשטעלט זיך ווי עס איז, קאָנקט
ער שוין פאַר לאַכן!

אַ פּורים־שפּיל!

דעם פּורים־שפּיל געדענק איך פון דער היים, פון די קינדער יאָרן.

עס קומט אַריינצושפּרינגען אַ יונגער קונדאַס מיט צוגעזעצטע
באָרד און פּאות און אַ גאַליציאַנער קאַפּעליוש אויפן קאָפּ.

ער שפּילט אַן אַרענדאַר, רעדט סאַמע לשון־קודש ווערטער און נישט
צו דער זאַך...

עס שפּרינגט אַריין אַ חסידל (נאַטירלעך — אַ פאַרשטעלטער) מיט
משוגענע תנועות: פּאַטשט אין טיש, אין די ווענט אַריין, שפּרינגט ווי אַ

ציג, שלינגט איין די פאות און שפייט זיי אויס, פארגלייסט א פאר קעל־בערנע אויגן צום באלקן, און טאנצט מיט התלהבות, אז די האר ברענען.

אין אלע פורים־שפילער זאגן אדער מיינען דאס זעלבע:

היינט איז פורים,
מארגן איז אויס;
גיט מיר א קרעפל
אוןווארפט מיך ארויס!

איך דריי אוים דעם קאפ און קוק צום שכן פון צווייטן שטאק...

פון פענצטער רייסט זיך אויך ארויס מוזיק, נאר דאס זענען נישט קיין פורים־שפילער, קיין פורים־קלעזמער...

עס איז א באל אויף ארעמע לייט!

איך האב אויך א בילעט באקומען.

עס רימפלט א פארטעפיאן, און ארום דער קונציקער מעלאדיע ציפען און וויקלען זיך, ווי „נאכווייען", די דעמפיקע בויך־טענער פון דער פיאנע. עס דערמאנט מיך אן שבתדיק צעשויבערטע האר ארום נעכטיקן קונציק געפלאכטענעם קרענצל...

די טאנצנדיקע פים וואלטן קיינמאל אין דעם ווירוואר פון רוישן און טענער, די מעלאדיע נישט געכאפט, ווען נישט דער שמיציק, וואס האקט זיי פון א הייזעריקער פידל די טאקטן, ווי איינציקע פארפל...

די פידל קאן איך אויך...

איך קאן די מאגערע פארחלשטע האנט, וואס דריקט זי צו צו דער פייפנדיקער ברוסט — איך האב נאר אירע אויגן נישט געזען, ווייל גאט האט זיי איר פארגעסן צו עפענען.

פארשלאפן קומט זי ארייין און לאזט זיך צופירן צו דער פיאנע. פארשלאפן שפילט זי, פארשלאפן פירט מען זי שפעטער ערגעץ צו א פינצטער ווינקעלע צו, און מען גיט איר עסן; איר איז דאך אלץ איינס, און ביי די גרויסע, ווייס־געדעקטע טישן אין ליכטיקן סאלאן, איז ענג...

דערנאך טרעפט זי אליין צוריק צום פארטעפיאן... פארטאג וואקלט זי זיך, צוריקגייענדיק, איבער דער גאס, און טרעפט ארויף צו איר שטיבל אויפן פערטן שטאק...

און וואָס פעלט אונדזערע אָרעמע לייט?

אויפן ערשטן שטאָק טיילט מען קליין געלט; טיילמאָל קריגט מען נאָך אַ טרונק בראָנפן מיט אַ שטיק פורים־קוכן...

אויפן צווייטן שטאָק טאַנצט מען אויף זייער חשבון...

דאָס אומרואיקע באַלעבאַטישע געוויסן טוט וואָס עס קאָן!

פרומע און נישט פרומע ווילן פאַרשיטן מיט מצוות און מעשים טובים דעם אָפּגרונט, וואָס דער שווינדל האָט אויסגעגראָבן צווישן אָרעם און רייך...

די אַלטע צדקה איז, וויינאַכטסטנס, עקאָנאָמישער...

מיין פּראָסטער שכן עסט אַ מאָלצייט פאַר אַ רובל און צעטיילט 5—6; אָבער דאָ קאָסט אַ קלייד אויפן באַל 25 רובל, און דערפון פאַלט אויפן אָרעמאַן 25 קאָפּ...

נאָר דאָס איז שוין „לוקסוס", און דעם לוקסוס וואַרפן מיר אויך אין אָפּגרונט אַריין! ביים קלייד אַרבעטן דאָך אָרעמע נייטאָרינס! און נאָך צוויי־דריי בעלער, קויפן עס דאָך אָפּ אָרעמע כלות...

אויסער דעם, ווערן אויף אַזאַ באַל יונגע לייט באַקאַנט מיט יונגע מיידלעך און אַזויערנאָך קאָן מען זיך באַגיין אָן שדכנים; אויך אָן איינבריינגעכטס!

נאָר ווער עס וויל, זאָל זיך אַנטציקן דערמיט — איך נישט.

אין גריכנלאַנד האָט מען אויך מיט מענטשן געהאַנדלט!

דער סוחר האָט אַרויסגעפירט אויפן מאַרק אַ שאָק נקבות, אין לייכטע הילן, אין גן־עדן־קליידער.

איז געקומען אַ קונה, האָט מען אים די סחורה געוויזן און געלויבט; מען האָט זי פאַר אים געדרייט אויף אַלע זייטן, געוויזן אַלע מעלות און קונציק פאַרשטעלט אַלע חסרונות...

די פאַרקויפטע נשמה האָט געשוויגן.

אונטער דער ערשטער בייטש ערשט, האָט זי געערעדט.

אונטער דער צווייטער — געזונגען.

אונטער דער דריטער — געטאַנצט.

דער קונה מוז דאָך וויסן, אַז אויסער קליינע פיסלעך און האַרטע בריסטן, וועט ער נאָך האָבן אַ היבשע פּאַרציע רוחניות!...

היינט טוט עס די שקלאַפן אַליין...

זי אליין רוקט ארוים קונציק אירע פיסלעך פון אונטערן קלייד; זי אליין בלאָזט זיך אויף וויפל מען דארף, מען זאָל זען ווייניק, נאָר שטויסן זיך — מער, ווי עס איז —... זי אליין רעדט ווי אן אָנגעבונדענע, זינגט ווי אַ פרייער פויגל, טאנצט ווי אויף אַ טאָקעניש, און טוט אלץ, אלץ אבי זיך צו פארקויפן...

אין גריכישן לעבן איז, ווייניקסטנס, קיין וואטע נישט געווען...

דער שדכן איז נאָר אַ ליגנער, און, ווייל ער נאַרט ביידע צדדים, האָט ער סוף כל סוף קיינעם נישט אויף דעם געוויסן, — נאָר עפּעס אויף דעם געוויסן דארף האָבן די מאמע, וואָס פירט ארוים די טאָכטער „אין דער וועלט אריין", זי פּטור צו ווערן, און די טאָכטער, וואָס לאָזט זיך פארקויפן...

וועגן „חופּה־קלײדער" פארציילט מען אזא מעשה:

איינמאָל האָט „אַ באַל אויף אָרעמע לייט" חתונה געמאכט אן אלט נייטאָרין־מיידל, וואָס איז שיר־נישט בלינד געוואָרן ביי דער נאָדל.

די אלע הייזער, ווו מען האָט זי בלינד געמאכט, האָבן זיך צו־זאמענגעלייגט, אויסגעזוכט און אויסגעטאַנצט איר אן אלטן אלמן פאר אַ רובל 45.

אַ חתונה קלייד האָט מען איר געקויפט.

דורך דער גאנצער צייט האָט די נייטאָרין זיך נישט אריינגעמישט, גלייך מען מיינט נישט זי.

די גאנצע צייט, ביז צו דער חופּה, איז זי געלעגן אויפן בעט און צוגעלייגט זיך ניקס־וואסער.

זי האָט דעם חתן נישט גערארפט, נישט געוואָלט און אפשר נישט געקאָנט זען...

„אַ שטיק האָלץ, רחמנא ליצלן, אַ שטיין", — האָבן אירע חברטאָ־רינס געזאָגט.

„דאָס פארשטייט דען צו דאנקען?" — האָבן די בעלי־טובות געזיפצט, און געשיקט די מצווה אויסצוטוישן אויף לויתן אין הימל אריין, אָדער אויף כבוד צום „קוריער ווארשאַווסקי"...

נאָר ערשט, אז מען האָט אריינגעבראַכט דאָס אָפּגעקויפטע חופּה־קלייד, האָט זי אויף דער פּארגעלטער וויים־אטלעסענער שמאַטע געוואָרפן

אַן אויג, און — שדים זענען אין איר אריין — זי רייסט זיך ביי דער ברוסט, זי רייסט זיך אויס די האָר, און ברעכט אויס אין א קראַמפּהאַפּט־געוויין...

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מען האָט זי באַרואיקט, איידער מען האָט פון איר צוריק געמאַכט אַ שטיק האָלץ אָדער א שטיין, און געפירט צו דער חופּה —

נאָר דאָס קלייד האָט זי דערקענט... זי האָט עס אליין גענייט, זי געדענקט פאר וועמען... זי איז דערנאָך אין סינאַגאָגע אריינגעגאנגען זען, זווי דער בלאָנדער מלך וועט אויסזען אין נעפּל פון העל־בלויע גאזן און ווייסע שפּיצן...

און — זי האָט אין איין וועגס דעם חתן דערקענט —

נאָר די וועלט פירט זיך שוין אזוי! רייכע כלות באַנייען די חופּה־קליידער פאר אָרעמע נייטאָרין, און אָרעמע נייטאָרין באַנייען די חתנים פאר רייכע כלות...

נישט גוט

אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן א מעשה.
פריער אָבער, מוז איך אייך זאָגן, ווער איך בין.
א שניידער בין איך.

אייגנטלעך בין איך קיין שניידער נ י ש ט ; מיינע אבות אבותי זענען קיין שניידער נישט געווען. נאָר, אז עס האָט זיך געמאַכט, און איך האָב פאַרגעסן דאָס לערנען פון תלמוד־תורה און פאַרלאָרן די עטלעכע גילדן, וואָס מען האָט מיר געגעבן נדן, — האָב איך מיך געמוזט נעמען צו דער נאָדל.

פאַרוואָס גראָד צו דער נאָדל? ווייל גראָד האָב איך געהאַט א שכן, וואָס האָט געלעבט פון דער נאָדל. אין איין שטוב האָבן מיר געוווינט.

אין דריטן ווינקל האָט אפילו געוווינט א שוסטער אויך; איז עס אָבער א שווערע מלאכה. און א פאַריסטע, א פאַרסמאָליטע...

מיין שכן פון ערשטן ווינקל איז געווען א דאַמען־שניידער; בין איך אויך געוואָרן אַ דאַמען - שניידער.

צו דער ארבעט האָב איך מיך מיט אמאָל נישט גענומען; איך האָב געוואַרט: אפשר וועט מיר א נס געשען. איך, אָדער מיין זוויב, קענען א כשרע מציאה געפינען; נאָר דערווייל, אַבי נישט ליידיק צו גיין, האָב איך מיך צוגעזעצט צום שכנס טיש, געפּרוווט אָנייען קנעפּלעך, „צוסטריי־געווען", און דערנאָך — עפּעס נייען אויך! פּאַמעלעך אריינגענאַרט!

צום אויפנייען א גאַנץ קלייד בין איך נ י ש ט געקומען, און האַלט נאָך נישט דערביי ביזן היינטיקן טאָג; נאָר פאַרלאַטען, פאַרפּרעסן, אויס־וואַשן און ארויסנעמען אַ פלעק, אַפילו אַ מאָס נעמען, — דאָס האָב איך מיך אויסגעלערנט, מיט דעם האָב איך געלעבט און עס לעבט זיך נאָך... זאָל אן אנדערער צושניידן; אַ געשעפט דאָס איז.

איך קען נישט זאָגן, עס איז נ י ש ט פון די ערגסטע מלאכות. ערשטנס — פריילעך: אַ שניידער זינגט א לידל, לאָזט זיך גאַנץ אָפט

ארויס אין די דערפער, צווישן פּריצים, מען זעט א וועלט, און מען לעבט א וועלט. נישט פאַרפינצטערט, ווי א פאַרסמאָלעטער שוסטער...

גוט. איז מיר אָבער דערוויל נישט פאר אייך, נישט פאר קיין שום ייד געדאַכט, דאָס ווייב אוועקגעקומען... צרות...

נישט דאָס אָבער וויל איך אייך פאַרציילן.

וואָרעם וואָס? בין איך אן אלמן; ווין איך מיר אליין אין א קליין שטיבל ערגעץ העט, העט, כמעט הינטער דער שטאָט; איבערן מויל גיסט זיך נישט, נאָר גאָר נישט; מען טרעפט א גוטן ברודער, מען נעמט א קאָפּ, מען באָרגט א „זהב טהור״, און מען לעבט ווייטער.

מאַכט זיך אָבער א מעשה. אזוי ווי מען זאָגט: א גאַנץ יאָר שיכור פּורים ניכטערן! אָבער נישט א דרייער אין שטוב! וואָס טראַכט איך? איך זועל מיך איינבעטן צו א גוטן ברודער! עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך נישט ארומגיין פּורים מיט א טרוקענעם האלדז! פּאָרט אזא נס געשען! אסתר המלכה, כאָטש א גרינע, איז זי אַלץ נאָך ווערט, מען זאָל איר צוליב נ י ש ט גיין בדרך הישר ווי ניכטערנערהייט!...

גיי איך מיר ארויס פון שטוב, אָון האַלט אין איין קלערן: צו וועלכן שניידער גייט מען?

גאָר פריילעך איז ביי אהרן דבשהס. בראָנפן גיסט זיך דאָרט, ווי וואַסער. ער טרינקט, זי טרינקט. די טאָכטער, זאָגט מען, האָט אויך דעם ביטערן טראָפּן נישט פיינט! אָבער טאַקע צוליב דער טאָכטער, האָב איך קיין חשק נישט אהין צו גיין! א בתולה פון א יאָר 30, אפשר מיט א שמיץ, און שדכנט זיך צו מיר. אז זי דערזעט מיך, נעמט זי „מים אויף די עינים״, קוקט זי אויף מיר ווי א שאָף אויף זאַלץ, און פאַרגלייזט נאָך די אויגן, אז מען זעט די שוואַרצאַפּל נישט ארויס, סאמע ווייסל, צוויי שיסעלעך סמעטענע...

ניין. צו אהרן דבשהס גיי איך נישט... צו אַנדערע רייכע שניידער אוודאי נישט! זיי קוקן אויף מיר פון דער הייך ווי א סאָווע אין די פּעדערן אויף א נאַקעט הינדל... איז טאַקע שלעכט: גיי טרעף, וועלכער קבצן איז נישט קיין פּורים־שפּילער און האָט אינדערהיים א קאָפּ?

און אזוי קלערנדיק האָב איך א טעות, און אויפן אָרט פון גיין אין שטאָט אריין, גיי איך גאָר ארויס פון שטאָט... העט אוועק.

אז איך דערמאָן מיך, בין איך שוין א היבש שטיק וועגס ווייט פון

שטאָט. שטייט אַ וועלדל, גיי איך אריין. נאָך וואָס? כ׳וויים נישט! איך גיי... פרעגט מיך בחרם, וווּ אַהין?

טרעף איך אַ האָלץ־העקער; פרעג איך אים: ווייט צו אַ קרעטשמע?

טראַכטן טראַכט איך מיר, אונטער דער שטאָט קריגט מען אויך אַ טרינק בראָנפן! איי־וואָס? עס איז נישטאָ קיין געלט, קען מען טרעפן ביים קרעטשמער ארבעט, און טרינקען דערווייל על חשבון המלאכה... אָן ערל געטרויט!

זאָגט ער, דער האָלץ־העקער: נישט ווייט.

גיי איך ווייטער; צוויי וועגן. איינער — רעכטס, איינער — לינקס. נעם איך מיך רעכטס, איך בין דאָך אַ שניידער, האַלט די נאָדל אין דער רעכטער האַנט, איז די רעכטע האַנט בילעכער!

אויסגעוויזן האָט זיך, אַז בעסער וואָלט געווען ווען איך נעם מיך לינקס. און אפשר פאַרקערט? איך זאָל מיך געווען נעמען לינקס, וואָלט קיין מעשה נישט געווען...

הכלל, איך גיי רעכטס. און גיי, און גיי.

דורשטיק בין איך שוין לאַנג; ווער איך נאָך הונגעריק.

קאַלט אביסל איז מיר אויך געוואָרן... אַזוי, עס בלאָזט אביסל צווי־שן די ביינער. — און אינמיטן — סטאָפּ! אַ צוים.

אַן אייזערנע צוים. שוואַרצע אייזערנע שטאַנגען מיט פאַרגילדטע שפּיצן, — אַ מורא!

אַ פּורטקע איז דאָ. ביי דער פּורטקע — אַ גלאָק. בין איך נישט פויל, נעם איך און קלינג אָן.

הערט זיך הינט בילן. ווערט מיר קאַלט אין די קנעכל און וויל מאַכן פּליטה. הער איך אָבער, מען רופט: „שטיל!״ — בלייב איך שטיין; איך בין דאָך נישט קיין מלמד, איך זאָל מיך שרעקן פאַר הינט!

באַוויזט זיך אַן אַלטער ערל, אָנגעטון ווי אַ יעגער, מיט גרינע לאַצן, שטעקט אריין דעם גרויען קאָפּ, מיט צוויי צורינענע אויגן, צווישן די שטאַנגען, און פרעגט, ווער איך בין.

זאָג איך: אַ שניידער.

וואָס דאַרפסטו?

— אַ טרינק בראָנפן!

לאכט ער, ווייזט ער מיר צוויי שורות אלטע, אויסגעקרומטע ציין. אָבער א פלעמל אין די אויגן!

ביסטו מיין מענטש, טראכט איך! דיר איז אויך טרוקן אין האלדז?

דארף מען אריינגיין מיט אים אין א נענטערן שמועס.

איך שטיי אין דער זייט, ער אין יענער זייט און מיר רעדן.

איך פרעג און ער ענטפערט.

— וואָס איז דאָ אזוינס?

— א פאלאץ.

— און דו ווער ביסטו?

— דער היטער פון פאלאץ.

— און ווער וווינט אין פאלאץ?

— א פריצה!

— וואָס פאר א פריצה?

— א שיינע פריצה.

— א שיינע?

— און א משוגענע...

— וואָס פאר א משוגע?

— זי וויל נישט חתונה האָבן; עס געפעלט איר קיינער נישט.

לאך איך:

— אפשר וועט זי מיך וועלן!

— פרווו, — מאכט ער, — אפשר איז זי דיר באשערט!

און אזוי ריידנדיק, שליסט ער אויף; לאָזט מיך אריין. שטייען מיר שוין ביידע אויף יענער זייט.

א חברה הינט דרייען זיך ארום מיט לאנג־ארויסגעשטעקטע צונגען,

— הער איך זיי? — אז ער האלט מיט מיר!

— איך בין אן אלמן, זאָג איך אים.

— פרווו... עס האָבן א סך שוין געפרווט... דייטשן, ארמענער, ציגיינער... פרווו דו אויך... אפשר וועט דיר בעסער געלינגען...

קוק איך אים אָן! איך זווערטל מיך שניידעריש, פאר אים איז עס „חי וקים".

גיי איך צוריק צו מיין זאך און פרעג מכוח אביסל בראָנפן.

— פאראן — זאָגט ער — אין פּאַלאַץ בראָנפן, מער אויך, ווײַן... און חתנים נעמט מען שיין אויף, מען גיט צו עסן, צו טרינקען... כיד המלך, זאָגט ער.

ווערט מיר שוין אביסל נישט היימלעך.

איז ער נישט, דער אלטער, אביסל פּאַרדרייט? ניין, ניכטערן, א קלאָרן בליק האָט ער.

זאָג איך:

— געגוג, אַלטער, שפּאַס אָן דער זייט! מיר איז, ווירקלעך, טרוקן אין האַלדז! אזוי טרוקן, אז דאָס קול קומט ארויס, ווי פון א בלעך... און הונגעריק בין איך, אז ווינטן בלאָזן מיר אין מאָגן!

— נו, קום, שמייכלט ער, קום, עסן און טרינקען וועט נישט פעלן.

מיין איך, אז ער פירט מיך צו זיך; פירט ער מיך צום פּאַלאַץ!

און א פּאַלאַץ, — עס איז דען צום באַשרייבן? דער מחבר פון אקדמות, וואָלט געבליבן מיט אן אָפן מויל! זיילן און זיילן, מיט גאָלדענע שלאַנגען, אָדלער, כל׳ע מיני פלעדער־מייז אויף די זיילן...

און דאָס אלץ מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ... און ער פירט מיך צו צו א גאַניק, אויסגעלייגט מיט א טערקישן דיוואַן. און גיט מיך איבער צו א לאָקיי.

— א חתן! זאָגט ער.

דער לאָקיי שמייכלט און פירט מיך ווייטער.

די פּריצה, פאַרשטייט זיך, ליגט מיר נישט אין דער לינקער פּאה. אָבער א שניידער בין איך, וויל איך זען...

און וואָס? מען וועט מיך דאָך נישט הענגען! לאָז איך מיך פירן.

פירט מען מיך. פון איין סאַלאָן ארויס, אין צווייטן אריין; פון א גרינעם סאַלאָן צו א געלן; פון א געלן — צו א רויטן, פון א רויטן — צו א בלויען... די קאָלירן שווינדלען מיר אין די אויגן.

און עס גייט א גאַנג. א געיעג. נאָר מען לויפט. און די פאַרבן הייבן זיך מיר אָן צו מישן, איך האָב שוין קיין צייט נישט אפילו דאָס מעבל אין די סאַלאָנען צו באַטראַכטן, די פּאָרטרעטן אויף די ווענט. קאָלירטע פלעקן לויפן מיר, אויג ארויס, אויג אריין; און איין לאָקיי גיט מיך איבער דעם צווייטן, איינער דעם צווייטן...

אלץ האָט דאָך אָבער אַ סוף, שטעלט מען מיך אין אַ סאַלאָן, נאָר אין אַ ווייסן סאַלאָן...

רעכטס, זאָגט מען מיר, גייט אַ טיר צו דער פּריצה אַליין, און לינקס — אַ טיר, ארויסצעווארפן פון פּאַלאַץ, אויב דער חתן געפעלט נישט!

קוק איך, מן הסתם, אויף דער טיר צו דער פּריצה; דערזע איך אַ קליין לעכל אין טיר.

— וואָס איז דאָס, פרעג איך?

פאַרטייטשט מען מיר, אז דורך דעם לעכל, קוקט די פּריצה אויף די חתנים!...

— און ווי אַזוי זעען די חתנים די פּריצה?

— אָט! — מאַכט דער לאָקיי, פון וועלכן עס בליצט און קאַפּעט מיט גאָלד, און ווייזט מיר אַ פּאָרטרעט אויף דער וואַנט.

אַ שטאָלצע נקבה, אַ ריז... אַ בליק פון אַן אמתער שררהטע, כאָטש זי שטייט עפּעס אויף דער קני! און האָט עפּעס ארום די ליפּן, וואָס רייצט און ציט ממש, ווי מיט צוואַנגען.

איך בין דאָך אַ שניידער, האָב געגנוג קליידער געמאָסטן, שיינע נקבות און פּריצות געזען, אָבער — וואָס זאָל איך אייך זאָגן — אַזוינס האָט זיך מיר אפילו נישט געחלומט!

דער יצר־הרע אַליין!

און דאָס האַרץ קלאַפּט שוין, ווי ביי אַ גזלן!

און איך פאַרגעס שוין ווער איך בין, וואָס איך בין; ווער און וואָס זי איז; מיין באָבעס דאגה!

איך צי מיך אוים ווי אַ סטרונע און וואַרט אויף איר ווי אַ ייד אויף משיחן, ווי אַ פרומע נשמה אויף עולם הבא!

מ'גיט אַ קלינג! דער לאָקיי פאַרטייטשט: די פּריצה גייט! און נעמט מיך אָן, שטעלט מיך קעגנאיבער דעם לעכל אין טיר, און נייגט זיך פאַר מיר מיט אַ שמייכל, און פאַרשווינדט.

און איך שטיי, און ציטער אַ ריר צו טון מיט אַ ברעם. און די פּאָר סעקונדן, וואָס איך בין געשטאַנען, זענען יאָרן, און זוויטער אַ קלינג און עס קומט אריין דער זעלבער לאָקיי.

— געפעלן! — זאָגט ער...

מיין איך, דער שלאַק האָט מיך געטראָפן.

— נאָר, זאָגט ער.
— וואָס נאָר?
— נאָר אומריין — האָט זי געזאָגט. זי הייסט דיך פירן אין בעדל אריין.

איך וועל אייך נישט לאַנג ברייען...

איר זעט דאָך, אַז איך בין צוריק שניידער; פאַרשטייט איר דאָך, אַז דער שידוך איז נישט עולה־יפה געווען... אָבער דער „נאָר" מיטן בעדל האָבן מיר דעם מאַרך פון די ביינער אַרויסגעצויגן!

פריער האָט מען מיך געבאָדן, דער ברוד זאָל אַראָפּ, דער שוויס זאָל אַראָפּ... מילא, אַ שניידער, פון וועג, געגאַנגען צו פוס, איז אָבער ווייטער אַ „נאָר".

וואָס ווייטער?

די מלבושים מיינע געפעלן איר נישט...

זאָג איך, איך וועל שיקן נאָך מיין שבתדיקע קאַפּאָטע, — מאַך איך מיך, הייסט עס, גרויס. וואָרום, פאַר אונדז זאָגנדיק, האָב איך קיין שבתדיקע קאַפּאָטע נישט פאַרמאָגט!...

וויל זי אָבער, איך זאָל מיך אָנטון דייטש...

ווילט זיך מיר נישט! וואָס איז עס עפּעס פּלוצלינג — דייטש?

דערמאָנט מיך אָבער דער יצר הרע, אַז איך האָב געזען אַמאָל דעם פראַנקפורט־אַם־מיין'ער רב, וואָס איז אַרומגעפאָרן זאַמלען נדבות אויף אַ ישיבה, און איז אויך געגאַנגען דייטש, — מילא, אַז אַ ראש ישיבה מעג, מעג איך דאָך אוודאי, — באַשטיי איך...

הייסט מען מיך אָבער אַוועקוואַרפן דעם ארבע כנפות, — טראַכט איך: הלמאי אַ יידענע, האָט אויך אַ חלק עולם הבא, און באַגייט זיך אָן ארבע כנפות! גיב איך אַוועק די ציצית... אַז עס איז איר איינגעפאַלן!

פרעגט מען מיך נאָך, צי איך קען רעדן פּריציש לשון, זאָג איך: אוודאי! איך האָב דאָך גענייט ביי פּריצים! געניית, געפּרעסט, געמאָסטן... אויף פּריציש לשון געזונגען, געקריגט זיך, געבעטן זיך, און די ציין פאַרעדט... זאָגט מען: ניין, דאָס איז וויניק! מען מוז קאָנען לעזן און שרייבן אויך!

נעמט מען מיר צו אַ לערער... לערנט ער מיט מיר גראַמאַטיק, —

שוויץ איך! מילא... אויסלערנען וועל איך מיך, א יידיש קעפל האָב איך... נאָר — און דאָ איז דער הונט באַגראָבן — לערן אומגעגעסן... פשוט אומגעגעסן, וואָרום, עיקר שכחתי — כאַטש א שניידער, לעב איך אין פּאַלאַץ מיט טיי און געבראָטענע קאַרטאָפל, נאַריש, קיין טריפות וועל איך דאָך נישט עסן!... איז מיר טאַקע שווער... פאַל איך אביסל אָפּ...

איך קאָן שוין אביסל גראַמאַטיק, איך רעד שוין, קיין מעשה נישט, מיט דער ריש, נאָר — איך פאַל אָבער אריין אין דער דאָר...

און די פּריצה וויל דווקא א „מענטש"; הייסט מען עסן!

הייבט זיך ווייטער אָן א מעשה מיטן יצר הרע!

פּת עכו"ם, זאָגט ער, איז נישט פון די גרויסע זאַכן... אין א סך יידישע הייזער קויפט מען שוין לאַנג דייטשע זעמל... פון חזיר רעדט מען נישט! פּריצים עסן אויך א גאַנץ יאָר קיין חזיר נישט... אלא וואָס, וויעל־קאַנאָץ? אָדער דו וועסט דיך ביז דעמאָלט צוגעווינען, אָדער דו וועסט דיך מאַכן קראַנק, לייגן אין בעט אריין און הייסן דיר דערלאַנגען איינ־געמאַכטס! און אפשר וועסטו ביז דעמאָלט דער פּריצה אַזוי געפעלן, אז זי וועט אויך אָנהייבן צו עסן כשרס, און וועט גאָר, דיר צוליב, מאַכן א קוגל אויך!

הער איך אים, לכתחלה, ווי'ן רב... פּאָר טריפות האָב איך אביסל אָבשיי... א פּריצה, ווייס איך, פאַרגייט — און גיהנום באַשטייט! אָן אייביקע זאַך!

נעמט ער מיך אָבער, דער ממזר, אויף קאַוויאָר...

און קאַוויאָר ווייס איך שוין נישט... אפשר גאָר פון כשרע פיש!

און קאַוויאָר עסט מען מיט ציבעלעס!

און איך שפּרינג שיר־נישט אויס דער הויט אַרויס! שוין דריי וואָכן דעם כשרן ריח נישט געפילט; אויס מענטש בין איך אָן א ציבעלע!

טראַכט איך מיר, לאָזן זיי נאָר געבן קאַוויאָר! איך וועל עסן די ציבעלעס... און פאַר דרך־ארץ א לעק טון א שוואַרצן רויג — און אפשר אויסשפּייען...

עס שפּייט זיך אָבער נישט... איך עס קאַוויאָר. מיט א לעפל און ווער טאַקע אביסל פולער...

קוק איך אין שפּיגל אריין — א גאַנצער מענטש! וואָס א מענטש?

א גאנצער פריץ בין איך! די אויגן קלאָר, אויסגעשלאָפן... די באקן בליען ווי די רויטע עפּל! און פּלייצעס!

ווו די פאות זענען אהינגעקומען? אָסור, אויב איך וויים... מען האָט זיי מיר אפשר אין שלאָף אונטערגעשניטן. די באָרד איז אויך ערגעץ אוועקגעקומען... מיין באָבעס דאגה! אומשטיינס געזאָגט, וואָס מיין גאנץ שניידעריש שפּיציק בערדל איז ווערט געווען! אָבער א יונג מיט די ביינער — בין איך... דער פריצה געפעלן מוז איך!

האָב איך דאָך אָבער פאָרט א שטיקל יצר־טוב אין מיר; הייבט ער אָן נאָגן: וואָס טייטש? נישט מיט קיין יידיש קינד...

קומט דער יצר הרע און פארמאַכט אים דאָס מויל.

— ווי הייסט, זאָגט ער, און בת יתרו? איי וואָס, — קודם מתן תורה? אָבער משה רבינו, נישט קיין שניידערל...

און אסתר המלכה איז אויך, דאכט זיך, א יידיש קינד געווען, א שפּאָס — אסתר המלכה, און האָט גענומען א גוי — אן אחשורוש! און א נארישן אחשורוש... און פונדעסטוועגן מאַכט מען נאָך א יום־טוב דערפון!

איי־וואָס? זי האָט יידן א טובה געטון, וועסטו אויך טובות טון!

די פריצה האָט קי, וועסטו אוועקגעבן יידן ביליק די פּאַכט... זי האָט קרעטשמעס, וועסטו אריינזעצן יידן בחצי חנם... זי האָט וועלדער, וועלן יידעלעך האָבן... וועסט זיי פארקויפן תבואה אויפן פעלד! האָב קיין מורא נישט, עס וועט זיין א יום־טוב!

דער יצר־טוב וואָלט אפשר געענטפערט, קומט אָבער באותו הרגע אריין די פריצה, הער איך אים?...

און — בכבודה ובעצמה די פריצה, — טויזנט מאָל שענער פאַרן פּאָרטרעט! און א לאָקיי טראָגט נאָך א גאָלדענע טאַץ... און אויף דער טאַץ שטייען גאָלדענע בעכער, און אן אלטע פלאַש וויין...

„לחיים" וויל זי מיט מיר טרינקען...

„נסך" שרייט דער יצר־טוב.

„טיפש!" ענטפערט דער יצר־הרע...

און באמת, וואָס איז נסך נאָך גאָלן די באָרד, אָנטון דייטש, עסן טריפות?

זעץ איך מיך איר צופוסנס און טרינק...

„לחיים" און „לחיים"!

זי גיסט, איך ט ר י נ ק!

נאָך א פּאָר כוסות, קוש איך איר די זוים פון קלייד... זי איז דאָך א פּריצה — בּיסלעכווייז!

נאָך א כוס! און זי אליין דערלאַנגט מיר שוין די שפּיץ פינגער צום מויל... לאַנגע, שמאָלע, ווייס־רוימלעכע פינגער... טאַקע כצפּיהות בּדבש!

פרעגט זי מיך, צי איך וויל טרינקען פאַר איר געזונט פון איר פאַנ־טאָפּעלע...

אויב איך וויל!

עס איז נאָר א שאָד, וואָס זי האָט אזוינע קליינע פיסלעך — אזוינע קליינע פּאַנטאָפעלעך! פּאַנטאָפל וואָלט איך אויסגעטרונקען, שטיוול, פּוי־ערשע — וואסער־שטיוול!

וואָס טו איך? טרינק איך צ ו ו יי פּאַנטאָפעלעך; און נאָך אמאָל צוויי, און נאָך אמאָל.

פרעגט זי מיך, צי איך קען זינגען?

א פראגע!

וועלכער שניידער קען עס נישט זינגען?

דער קאָפּ דרייט זיך, די צונג לויפט אבּיסל, נאָר זינגען מוז מען.

שטעל איך מיך אויף און זינג.

און וואָס זינג איך?

מיין אלט לידל, אלע זינגען עס:

וואָס מיר זענען, זענען מיר,
אָבער יידן זענען מיר
וואָס מיר טוען, טוען מיר!
און כפּרות שלאָגן מיר!

הערט זי „כפּרות"; גיט זי א קלינג...

קומען אריין דריי לאָקייען, פרעגן מיך נישט א וואָרט, נעמען מיך אָן און וואַרפן מיך ארויס דורכן פענצטער!

פאַל איך...

גוט, וואָס איך בּין געפאַלן אויף עפּעס ווייכס; פון אזא הייך, — די ביינער וואָלט איך געקליבן!

מיין איך, איך בין געפאלן אויף א סטויג היי, אויף הויך גראז, וויזט זיך גאר אוים — אויף בעט־געוואנט...

אויף יונה דבשהס בעט בין איך געפאלן!

עס איז א שיכורער, פורימדיקער חלום געווען!

צו אלדע שווארץ־יאר, צו זייערע קעפ, צו מיינע שונאימס קעפ...

מילא, איך האב נישט געוואלט גיין צו יונה דבשהס, און בין געגאנגען, א שיינע כפרה!

מיין באבעס דאגה!

זאגן זיי אבער, אז שיכורערהייט בין איך פאר יונה דבשהס טאכטער, וואס קוקט אויף מיר מיט די צוויי שיסעלעך סמעטענע, ווי א שאף אויף זאלץ, א חתן געווארן —

— דאס איז נישט גוט!

אַלטוואַרג

דערציילט פון א פורים - רב

(מיט א קליינער הקדמה)

1.

אַיר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פורים־רב 1) — בין איך! וואָלט איר מיך אויסגעקליבן אַלס שתדלן אין וואָס עס איז פאַר אַן עסק, אַלס גבאי אין א חברה של צדקה, אַלס הערל־פירער אָדער קאָכער־לעפל פון א פּארטיי, וואָלט איך אַלץ געקאָנט זיין! אפילו, ווען איר מאַכט מיך פאַר א גוטן ייד פאַר אַן עולם חסידים, וואָלט איך אויך געוועזן! איך בין קיינמאָל נישט קעגן קהל, קעגן חברה, קעגן פּארטיי און, וואָס מען וויל, בין איך. איר מיינט, מען דאַרף זיין פּעאיק דערצו? אַז אסור! וואָרום, נישט אינעם אויסגעווילטן שטעקט די קראַפט! ווען מען וואַרפט „הורראַ!", דער פליט; וועמען מען שטעלט זיך אויפן קאָפּ, דער איז הויך; ווער עס טראָגט דאָס שטריימל, דער איז רב! צו וועמען מען פאָרט, וועמען מען גיט פדיונות, פירט דאָס רעדל! און — נישט גענאַרט — יעדער איינציקער פון דער חברה האָט א קליין ביסל אמונה, א קליין פיצל בטחון, א שטיקעלע ווילן. און, אַז מען לייגט אַלץ דאָס צוזאַמען אין איין בוזעם־טאַש אַריין, ווערט דער באַלעבאָס פון בוזעם־טאַש אַ גרויסער מאַן, אַ פייערדיקע זייל, א זון, וואָס שטראַלט אַרויס אמונה און בטחון... און אַן אייזערנע קראַפט קריגט מען מויערן צו

---

1) אין פוילן און אין ליטע איז אין די חסידים־שטיבלעך אַ מנהג, אויסצוקלויבן אויף פורים אַ פורים־רב, וועלכער איז מחויב אַלעמען פריילעך און לוסטיק צו מאַכן.

ברעכן... א והא ראיה: צעפאַלט זיך די חברה, ווערט דער גרויסער צוריק קליין, נישט אַנזעעוודיק; ער ווערט אינגאַנצן פאַרלוירן.

דאָס זעלבע איז מיט א פורים־רב. מיינט נישט, אז ער דאַרף זיין בטבע א לץ, אז ער מוז שיטן מיט גלייכווערטלעך און וויצן! אויב דער עולם וויל און קאָן, איז געגוג, אז דער פורים־רב זאָל טייטן מיט א פינגער, דער עולם זאָל פאַלן אונטער די בענק פאַר געלעכטער; ווילן זיי נישט און קאָנען נישט, העלפט קיין חכמות און קיין קונצן. דאָס איז אמת, אָבער, מודה מוז איך זיין, אז איר האָט גוט געטראָפן מיט מיר! דעם אמת זאָגנדיק, א ביסל ליצנות שטעקט אין מיר פון געבוירנהייט אָן: אפילו אז איך ווער גאָר ערנסט, אז איך רייט שוין גאָר מיט גרוים גדלות אויפן בעזעם, אז איך בלאָז מיך שוין גאָר אָן, ווי ממש עפּעס רעבטעס, — זיצט אויך עפּעס אין מיר אינעווייניק און לאַכט... און ווער איך אמאָל אין כעס, שיט מיט פייער, שריי: מערדער! הינטשלעגער! א. ד. ג. זיצט עפּעס אין מיר און לאַכט! און עס לאַכט, אפילו ווען איך וויין; ווען דאָס הארץ, דאַכט זיך, וויל זיך צעברעכן ווי א שארבן... עס איז א ביטער געלעכטער, אָבער עס לאַכט: „עס איז דאָך נאָר א פורים־שפּיל!” לאַכט עס א גאַנץ יאָר! און די הויפּט ־ זאַך: ביי מיר ווערט איר ווירקלעך נישט וויסן, בין ארור המן לברוך מרדכי, וואָרום — וואָרום איך אליין וויים נישט! כל זמן איך קוק מיט מיינע אייגענע אויגן אין מגילה אַריין, זע איך; כל־זמן דער בעל־קורא לייענט, זינגענדיק־שנאָרכענדיק, הער איך; לייג איך אָבער אוועק די מגילה, בלייבט דער בעל־קורא שטיל, — פאַרגעס איך, און הייב נישט אָן צו וויסן! דאָס קומט דערפון, וואָס מען האָט, — גרוים זענען אונדזערע זינד — אָפּגעשטעלט די זון, געהייסן זיך דרייען — דער ערד. דרייט זיך מיר פון דעמאָלט אָן דער קאָפּ!... אז א מענטש פילט נישט קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס! דער באַלעבאָס פון קלענסטן שטעטל זיצט שוין נישט אויפן אָרט, איז נישט אַזוי פעסט פאַרגליווערט ווי אמאָל... דער וועג פון וויג ביזן קבר איז שוין נישט אַזוי גראַד; קרום, נישט איבערצוזעען; א מענטש ווערט געבוירן אין מערב, גט זיך מיטן ווייב אין צפון, באַנקראָטירט אין דרום, מאַכט גלגול מחילות אין מזרח און אַזוי ווייטער! און גיי וויים אויפן כף הקלע, ווער המן, ווער אחשורוש און ווער, להבדיל, מרדכי איז? אָן אויסגעמישטע וועלט! — ווי גלעזערנע פּערל אין א קאַלעידאָסקאָפּ, מישן זיך איבער די פאַרשידנפאַרביקע, פאַרשידן־פאָר־

מיקע אידעען; די ליניען ברעכן זיך, די רעדער וויקלען און פּלאָנטען זיך און גיי ווייס, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז...

עה, ברידער! איינשלאָפן טאָר מען נישט! די הקדמה איז געענדיקט, נעמט א קאַפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער וואָס דערציילט מען אייך?

איך פּלעג אייך דערציילן וויינענדיקס, הארצרייסנדיקס, האָט איר געלאַכט; מיר האָט אין די געהירן געברענט, דער טיוול מיט אלע זיינע משרתים האָבן דאָס הארץ געריסן, און איר פלעגט פּלאַצן פאר געלעכטער. ווו נעמט מען פּורים געשיכטן פאר אייך?

איך קוק ארוים דורך די פענצטער און זע גאנצע לאָנקעס, באוואקסן מיט בלומען און דערנער. די בלומען זענען די גוטע, הארציקע מעשהלעך, און די דערנער זענען מעשהלעך, וואָס שטעכן און ברענען! וואָס זאָל איך אויסרייסן פאר אייך? א בלימל? געוויס! ווי הייסט עס אינעם באַקאַנטן ליד? דער רבי האָט געהייסן לוסטיק זיין! איך שטרעק אוים די האנט — צי וועל איך ריכטיק טרעפן? עס איז דאָך פּורים! איך זאָל כאָטש, ווי עס וועט זיין, קיין טעות נישט האָבן...

.2

איך שטרעק אוים די האנט, די לאנגע האנט פון א פּורים־רב, אין דער פּורים־וועלט אריין און טרעף קיין כינע, און רייס אוים א בלימעלע — א מעשהלע. הערט!

אמאָל איז געווען א כינעזישער חכם; ער האָט דורכגעמאַכט אלע עקזאמענעס, דורכגעלעזן און אויסוויייניק געקאָנט אלע ספרים, געדרוקטע און געשריבענע, הייליקע און „וואָכנדיקע", מיט איין וואָרט — אלץ, וואָס א כינעזער האָט אמאָל אריינגענארט אין א טרוקן כינעזיש וואָרט און פארקלאפּט און פארהאמערט אויף טויט! ער האָט נאָר געדארפט עפענען דאָס מויל, עס זאָלן זיך ארויסקאָלערן גאנצע מגילות, גאנצע ספרים; מיטן שער, מיטן „תם ונשלם", מיט אלע ציטאטן און אלע באמערקונגען פון בחור הזעצער, וואָס זענען נאָך אין כינע אין דער מאָדע, ווי ביי אונדז מיט א יאָר פופציק צוריק... הערן האָט ער שוין נישט געקאָנט, עס איז שוין פאר אים קיין נייעס נישט געווען: זען האָט ער שוין נישט געהאט וואָס — אין כינע זענען זיך „מאָרגן", „נעכטן" און „היינט" ענלעך ווי

צווילינגס־ברידער — האָט ער זיך טאַקע געלייגט שלאָפן! ער האָט זיך מיטן גרויס געלערנטן מונדיר, ווי דער שטייגער איז אין כינע, געוואָרפן אין בעט אריין, גענומען די שלאָפמיץ איבער די אויערן און אויגן און שלאָפט... פון צייט צו צייט שנאָרכט ער. עס טרעפט, אז ער רעדט חכמות פון שלאָף, נאָר עטלעכע מאָל אין טאָג עפנט ער דאָס מויל, מען זאָל אים ארײנשיטן עטלעכע קערנדלעך רייז, ארײנגיסן עטלעכע טראָפּן זופּ פון פייגל־נעסט... און עפנט אפילו דערביי די אויגן נישט אויף...

ער איז אזוי געשלאָפן א יאָר, צוויי צי דריי און אפשר הונדערט יאָר... אין א לאנד, וואָס האָט א געשיכטע פון הונדערט טויזנט יאָרן איז א יאָר און הונדערט יאָר כמעט אלץ איינס... נאָר פּלוצים איז ער, ווי א געביסענער, אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. א צוועלף־פונטיקע יאַפּאַנישע הארמאַט האָט אים אויפגעוועקט... אין דער צייט, וואָס דער כינעזישער געלערנטער איז געשלאָפן, האָט יאַפּאַניען שטודירט! עס איז געגאַנגען צו דער קלוגער מאדאם אייראָפּע אין שולע אריין און — האָט זיך אויסגעלערנט — שיסן! און עס שיסט... פּיף־פּאַף־טראַך! דאָס האָט ער נישט פאָרגעזען; דאָס האָבן אים הייליקע און וואָכעדיקע ספרים פריער נישט געזאָגט, און קיינער האָט אים, ביי דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געשלאָפן, אין חלום נישט אַנטפּלעקט... ער רייסט אַראָפּ די שלאָפמיץ: בים־באָם־טראַך; די האַרמאַטן קלינגען נאָך העכער, נאָך שרעקלעכער: ער קוקט זיך אום — אין שטוב איז קיין נפש נישטאָ... דאָס הויזגעזינד מיט דער גאַנצער דינערשאַפט זענען אַנטלאָפן ווי פון א שריפה און האָבן דעם שענסטן און בעסטן, דעם גרויסן געלערנטן — גאָר פאַרגעסן... ער לויפט צום פענצטער, קוקט אין גאַס אַריין: זאָל גאָט שומר ומציל זיין! צי איז ער שיכור? צי איז — ערד־ציטערניש? הייזער, שטאַרקע, פעסטע הייזער און פּאַלאַצן, וואָס מען האָט געבויט אויף אייביק, — אויף כינעזישן אייביק — הוידען זיך, וויגן, ציטערן, פּלאַצן און פאַלן... ער פאַלט אויך אום פאַר שרעק... ער ליגט און קלערט, אפשר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. וואָרום זייט ער לעבט, האָבן אים קאָנפוציוס מיט זיינע מפרשים געגעבן יעדע רפואה פאַר דער מכה, יעדע אַנטוואָרט פאַר דער פראַגע; מען האָט נאָר געדאַרפט אַריינקוקן און זען, און וויסן! ערשט היינט מאָל אין לעבן. וואָרום זייט ער לעבט, האָבן אים קאָנפוציוס מיט זיינע — גאָט, גאָט! — וויינען די אַלטע אויגן פאַרצווייפלט, — א נייע חכמה, א שיס־חכמה... ווי קאָן מען רעטן זיך און גאַנץ כינע צוזאַמען! נאָר לאַנג

קלערן איז דעם געלערנטנס מוח נישט אימשטאַנד, און דער כינעזישער חכם בלייבט ליגן אויף דער ערד פאַרחלשט, פאַרשמאַכט...

ער ליגט און איך זע, אז דאָס מעשהלע געפעלט אייך נישט!... ווי הייסט, היינטיקע צייטן און א מעשהלע פון דער פרעמד. נישט פון אונדזער וועלט!

וואַרט, הערט ווייטער, עס וועט זיין א ייד אויך!

איר הערט ווי עס קלינגט: — האַנדעל! האַנדעל! פּרנסה דאַרף דאָס יידעלע, זאָל זיין אייראָפּע, זאָל זיין כינע, זאָל זיין וווּ עס איז; א וועלט־שטאָט, אָדער א קרייז־ווינקל: האַנדעל! האַנדעל! אונטער דונער און בליץ, אונטער יאַפּאַנישע קוילן, זאָל זיין דערביי ערד־ציטערניש — האַנדעל, — האַנדעל. מען מוז עסן און חדר־געלט צאָלן! אַלטוואַרג קויפט א ייד, דאָס, וואָס אַלע וואַרפן שוין אויפן מיסט אַרויס, דאָס, וואָס מען מיאוסט זיך שוין אין האַנט אַריין צו נעמען; דאָס פאַרשמוצטע, צעריסענע, צעפליקטע, דאָס קויפט ערשט א ייד און פאַרקויפט! אבי געהאַנדלט!

נאָר אין כינע, וווּ דאָס אַלטוואַרג איז אַזוי הייליק, שטייט דאָס געשעפט נישט גוט; מען פאַרקויפט זעלטן, פאַר פּקוח נפש, אָבער ווייטער נישט! אייניקלעך טראָגן דאָס, וואָס די באָבע און דער זיידע האָבן שוין בירושה באַקומען; זעלטן עס טרעפט זיך א שטיקל סחורה!

דער ייד דאַך טוט זיך זיינס און פאַרלאָזט זיך מיט דער רעשט אויף דעם, וואָס שפּייזט דעם וואָרעם אויפן פעלד און דעם האָז — אין וואַלד, און שרייט אין אַלע גאַסן: — האַנדעל! האַנדעל! און דער הייזעריק, דין אויסגעפּייפּטער „האַנדעל”, שניידט זיך דורך די גראָבע באַסן פון די 12־פונטיקע האַרמאַטן און פאַרדרייט זיך ביז צום אויער פון פאַרחלשטן כינעזישן חכם.

דער שפּרינגט אויף: א ייד רופט! א ייד איז דאָ! א ייד, וואָס איז נישט קיין פראַנצויזישער, דייטשער, יאַפּאַנישער אָדער כינעזישער חכם, נאָר א וועלט־חכם! א ייד, וואָס האָט שוין פון יעדן אויוון ברויט געגעסן און איז אויף יעדער באַנק געשמיסן געוואָרן... דער וועט אן עצה געבן! מיט אַלעם האַנדלט ער, אַלץ ווייסט ער!

— ייד! שרייט דער כינעזער, צושפּרינגענדיק צום פענצטער פון שטוב.

— איך בין דאָ, כינעזישער חכם! ענטפערט דער ייד, צושפּרינגענדיק

צום פענצטער פון דער צווייטער זייט, פון גאס; און ווען נישט די שויב אינדערמיט, וואָלטן זיך, וויניקסטנס,ביידע נעז געקושט!

— האָסט אַלט־וואַרג? פרעגט דער ייד.

— אַ סך, אַ סך...

— וועסט פאַרקויפן...

— ניין, נישט פאַרקויפן, נישט פאַר געלט, חלילה! נאָר אַוועקגעבן, אויסטוישן.

— אויף אַנדער אַלטוואַרג? טויש איז אויך אַ מסחר, טראַכט דער ייד.

— ניין, נאָר אויף אַ חכמה! אויף אַ חכמה, פון וועלכער די יאַפּאַנישע תלמידים און אייראָפּעאישע מלמדים וויסן נישט. כינע מוז מען רעטן. מיט חכמה רעטן.

— חכמה אויפן לאַגער, — ענטפערט דער ייד, — האָב איך נישט.

— נאָר וווּ באַקומט מען זי? ווו? שרייט דער כינעזער.

— די אַדרעס ווייס איך! מעקלעריי, טראַכט דער ייד, איז אויך אַ געשעפט!

— זאָג!

— מאַכסט חוזק?

— און וואָס וועל איך באַקומען דערפאַר?

— וואָס דו ווילסט, מיין גאַנץ אַלט־וואַרג.

— מאַכסט חוזק?

האָסט מיין וואָרט, אַ כינעזיש וואָרט!

נאָר דער ייד גלויבט נישט אויפן וואָרט; פריער וויל ער דאָס אַלט־וואַרג, דערנאָך ערשט וועט ער געבן די אַדרעס.

— און וועסט מיך נישט נאַרן? האָט ווייטער דער כינעזער מורא.

— איך שווער ביי גאָט!

— וויניק.

— ביי דער תורה!

— עט!

— ביים פאָלק ישראל! דער כינעזער פאַרקרימט זיך.

— ביי באָרד און פאות.

די שבועה נעמט אָן דער כינעזער פאַר וויכטיק און — דער ייד איז

שוין אין שטוב, דער זאַק זײנער איז שוין אָפן און דאָס כלי־בית מיטן ביסל קלײדער, וואָס די הויז לײט און דינערשאַפט האָבן איבערגעלאָזט זענען שוין פאַרשוווּנדן אין זאַק.

— אַצינד זאָג! — שרײַט דער כינעזער.

— נאָך נישט, ענטפערט דער ייִד.

ער וויל נאָך די שלאָפמיץ, זי איז אַלט! ער וויל נאָך דעם מונדיר פון לײב, ער איז נאָך עלטער! ער איז מיט עטלעכע דורות עלטער פאַר דער שלאָפמיץ.

נאָכן אויסטאָן דעם מונדיר, באַווײַזט זיך ערשט, אַז די וועש פון לײב איז אויך אַלט־וואָרג! ער איז אַזוי לאַנג געשלאָפן און די וועש נישט געטוישט!

און דער כינעזער גיט אַוועק די שלאָפמיץ, טוט אויס דעם מונדיר, די וועש קריכט אים אַלײן אַראָפּ פון לײב.

— שוין? פרעגט ער נאַקעט און פאַרצווייפלט.

— נאָך נישט, — ענטפערט קאַלטבלוטיק דער ייִד.

— דער צאָפּ דײנער איז אויך מײן! ער איז אַזוי אַלט ווי גאַנץ כינע!

דער כינעזער לאָזט זיך פאַרצווייפלט אָפּשנײדן דעם צאָפּ און דער פאַרשווינדט אויך אין יידישן זאַק —

— אַצינד וועל איך דיר געבן די אַדרעס, מאַכט דער ייִד, נאָר געדענק, אַז איך בין דיר נאָר ערב, אַז דאָרט, ווו איך וועל דיר אָנווײַזן, איז דאָ די סחורה, וואָס דו דאַרפסט! נאָר איך בין נישט מחויב צו ווײַזן דיר דעם וועג צו דעם אָרט, און בין נישט ערב דערפאַר, אַז מען וועט דיר די סחורה געבן!

— גוט, נאָר אהער די אַדרעס!

— אין גן־עדן, אויפן עץ הדעת! — ענטפערט דער ייִד און שפרינגט אין אַן אײַלעניש אַרויס דורכן פענצטער.

דער כינעזער איז געפאַלן חלשות.

דער וועג אין גן־עדן אַרײַן געפינט זיך אין אַלע הייליקע ספרים; די מלאכים, וואָס היטן דעם גן־עדן, וואָלטן זיך אפשר געלאָזט איבערקויפן, נאָר ווי קומט מען אין גן־עדן אַרײַן אָן אַ צאָפּ?

. . . .

בכאן, ברידערלעך, לאכט מען! איז אייך וויניק, נעמט נאָך א טרינק בראָנפן... איז לער די פלאש, שיקט אין מאָנאָפּאָל...

אויב אירווילט, וועל איך אייך דערציילן נאָך א מעשה, אפשר וועט זי בעסער געראָטן! וויניקסטנס, וועט איר געוואָר ווערן, וואָס עס ווערט פון אלטווארג.

.3

און די מעשה האָט זיך מיר שוין אליין געטראָפן... נישט אין בינע, נאָר אין ווארשע! געשטאַנען בין איך ביי דער ברודיקער ווייסל, ווו עס וואקסן די בערגער מיסט, וואָס די קלוגע און פיין-געלערנטע שטאָט ווארפט פון זיך ארויס, און ווו די אלטע, אויסגעדינטע ווייבער קלויבן אלטווארג: שטיקלעך אייזן, קופער, נישט דורכגעברענטע קוילן צווישן דעם ארויס־געוואָרפענעם אש פון פאבריק, ווי אויך אלערליי שמאטעס.

עס איז אונטערגעגאַנגען די זון, און דער שוואַרץ-גרויער ברעג, די קויטיק-געלע ווייסל מיטן ברוין־און־בלוי־פאַרוויינטן הימל האָבן זיך צוזאַ־מענגעגאָסן אויף א ווונדערלעך חלשותדיקן פאָן, אויף וועלכן עס האָבן זיך ארומגעדרייט איינגעבויגענע, ביינעריקע ווייבער־שדים און געגראָבן אין דעם מיסט מיט שטיקלעך אייזן; מאַנכע — מיט די בלויזע פינגער.

פאר יעדן ווייבערישן שד איז געלעגן אן אָפענער זאק, ווו דאָס אלטווארג איז פארשוונדן געוואָרן...

עס פאַלט-צו די נאַכט, איין שד נאָכן צווייטן נעמט דעם זאק אויף די אקסל און גייט אין דער באַלויכטענער שטאָט אריין. איינע נאָר בלייבט, איינע — די מיאוסטע, די שרעקלעכסטע...

עס שווימט ארויס א פארחושכטע לבנה, עס צינדן זיך אָן צוויי שורות ליכט, וואָס קוקן מיט ציטערניש אין דער ווייסל אַריין — און זי שטייט, און קלויבט, און קלויבט...

איך באַמערק ערשט, אז זי קלויבט נ י ש ט ווי אלע פרויען; אז נישט אלץ, וואָס קומט איר אין דער האנט אריין, לייגט זי אריין אין זאק. זי קלויבט נישט קיין מעטאַל, קיין קוילן, נאָר שטיקלעך שמאטעס, שטיק־לעך קאָלירטע שמאטעס.

איך גיי צו און פרעג:

— אלט ווייב, וואָס טויגן דיר די קאָלירטע שמאַטעס?

— אז דו וועסט זוכה זיין, וועסטו זען! — ענטפערט זי מיט א ווונ־

דערלעך האַרט קול, און אין די אַלטע פאַרטיפטע אויגן באַווייזט זיך ווי א בליץ פון צאָרן און חוזק צוזאַמען.

זי האָט געענדיקט; פאַרבינדט דעם זאַק און וואַרפט אים אַרויף אויף די אַקסל.

— וווּ אַהין גייסטו, אַלטע?

— אַז דו וועסט זוכה זיין — ענטפערט זי — וועסטו זען!

איך גיי איר נאָך.

נאָך וואָס? גאַנץ איינפאַך: ווייל איך האָב דעמאָלט נישט געהאַט ערגעץ אַנדערש ווו צו גיין...

איך גיי איר נאָך, און פּלוצלינג ענדערט זיך אַלץ אַרום... אויס וואַרשע, אויס ווייסל, — אַ זאַמד, אַ זאַמד אָן אַ קאָליר, אַ מדבר... און איבער דער מדבר — אַ וויסטער הימל, אָן לבנה, אָן שטערן, און פאַר מיר גייט מיט קליינע טריט דער אַלטער ווייבערישער שד, מיטן שוואַרצלעכן זאַק אויף די אַקסל... שטיל, איך הער מיינע אייגענע טריט נישט אין קוילער־דיקן זאַמד. צייטנווייז דאַכט זיך מיר דאָך, אַז דער ווייבערישער שד קוקט אויף מיר פון הינטן, אַז ער לאַכט שטיל, שטיל, פון צווישן די ברוינע־בלויע, פאַרברענטע ליפּן, פון אָפענעם מויל אָן ציין!

איך גיי איר נאָך, און גיי, און פיל מיך זייער שלעכט; מיר דאַכט זיך, אַז איך גיי נישט, נאָר זי שלעפּט מיך! זי ציט מיך, כאָטש איך זע נישט דעם שטריק...

פּלוצלינג ווערט מיר די אַלטע כישוף־מאַכערן פאַרשווונדן, אין דער ערד פאַרפאַלן... וואָס איז דאָס? איך מאַך עטלעכע טריט ווייטער און באַמערק ערשט אַ הייל, אין וועלכער זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. פאַר קיין ברירה, ווייל אַליין בלייבן אין דער גרוי־וויסטער נאַכט וויל איך נישט, שפּרינג איך איר נאָך אין דער הייל אַריין. אין הייל איז פינצטער, און שרעקלעך לייכט אין דער פינצטערניש דער אַלטערס געזיכט. עס לייכט געל, און אינעם נעלן, ליכטיקן פלעק ציטערן אַרום עטלעכע העלערע שטראַלן, און ביי זייער שיין זע איך, וואָס די אַלטע טוט: זי וואַשט די שמאַטעס, וואָס זי האָט צוזאַמענגעקליבן אויפן מיסט, אין צוויי עמער — איך קוק מיך שטאַרקער צו און דערזע, אַז איין עמער איז פול מיט אַ רויטער און דער צווייטער מיט אַ דורכזיכטיקער פליסיקייט...

— נאָך וואָס וואַשטו די שמאַטעס? — פרעג איך.

— וועסט זוכה זיין, וועסטו זען! — ענטפערט די אלטע.

— וואָס האָסטו אין דעם עמער? — פרעג איך, אָנווייזנדיק אויפן עמער מיט דער דורכזיכטיקער פליסיקייט.

— טרערן! — ענטפערט די אלטע, — טרערן, פון דיינס גליכן, מענטשלעכע טרערן!

און האלב זינגענדיק גיט זי צו:

— טרערן געפאלענע, טרערן געגאָסענע, טרערן פארשלונגענע, דערשטיקטע און דערוואָרגענע...

— א ל ע טרערן?

— אָ, ניין! עס וואָלטן ימים געווען... דאָס זענען נאָר ריינע טרערן, נאָר ריינע טרערן... טרערן פון אָרעמע לייט, טרערן אויף גלות השכינה, טרערן אויף אלעם, וואָס איז לעבעדיקערהייט פארשטארט, פארגליווערט און שטומפּיק געוואָרן...

— און אינעם צווייטן?

— בלוט... רויט, ריין מענטשן־בלוט... מענטשן־בלוט, פארגאָסן פאר דער צייט, פארגאָסן אומזיסט... אזא בלוט, וואָס די ערד וויל דערווייל נישט איינזאפּן, ווייל זי קאָן נאָך דערפון נישט פרוכטבאר ווערן!... ריין בלוט, הייליק בלוט, יונג בלוט...

— און אין דעם אלעם וואשסטו?...

— די אלטע שמאטעס, ווי דו זעסט!...

און ווייטער ענדערט זיך אלץ אין מיינע אויגן... די שמאטעס, געוואשן אין טרערן און אין בלוט, ווערן וואָס א רגע ריינער, בלאנקענדיקער, ליכטיקער אויך ווערט אין דער הייל... ליכטיקער און יונגער דער אלטערס פּנים... עס איז שוין נישט אזוי שארף־ביינעריק ווי פריער... דאָס רויטקייט ארום די אויגן פארשווינדט, א לייטזעליקער שמייכל באווייזט זיך איר אויפן פּנים און צעשפּרייט זיך פון אויער צו אויער, און די אויגן אליין, די אלטע אויגן, הייבן אָן לייכטן מיט א ווייך סאמעטענעם בליק... און וואָס ריינער עס ווערן די שמאטעס, העלער ווערט אין דער הייל; ליכטיקער דאָס פּנים, ווייכער און שטראלנדיקער די אויגן! און יונגער ווערט זי אינגאנצן, יונגער און שלאנקער... פון קערפּער פאלן אראָפּ די אלטע שמאטעס... עס באווייזט זיך א וואונדערלעך געטלעכע שיינהייט אָן אן איינהיל —

— גאָט! שריי איך אויס, ווער ביסטו?

— אז דו וועסט זוכה זיין, וועסטו וויסן...

געענדיקט די וועש... די אַלטע שמאַטעס זענען אין גאַנצן ריין, זיי שיינען, בלאַנקען און לייכטן מיט טויזנטער קאָלירן... און די געוועזענע מכשפה איז יונג! יונג... גלייך זי גייט ערשט אַנטקעגן דעם יונגן, זאַפטיקן לעבן... און די יונגע געטלעכע שיינהייט נעמט די קאָלירטע שטיקלעך און מאַכט פון זיי, מיט דער הילף פון קליינע העלצלעך, גאָר קונציקע, פיינע פענדלעך... צען, צוואַנציק, פערציק קליינע פענדלעך! און זי אַרבעט אַלץ ווייטער און ווייטער. — אָט האָט זי שוין גאַנצע בינט פענדלעך אין דער האַנט און גייט מיט זיי אַרויס פון דער הייל! איך גיי איר נאָך... און גיין גיי איך שוין נישט ווי פריער, ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה, ווי געצויגן אויף אַ שטריק; אַצינד גיי איך, ווי מען גייט אין אַ מדבר נאָך אַ ליכטיקער זייל; ווי מען גייט נאָך אַ גאָלדענעם שטערן, ווי מען גייט נאָך אַ גליקלעכן מזל...

און ווייטער אַ ניי בילד:

— דער זאַמדיקער סטעפּ ווערט וואָס אַמאָל העלער, נאָר טונקעלע שאָטן וואַרפן און וויקלען זיך איבערן זאַמד אין אַלערליי ווונדערלעכע, העסלעכע געשטאַלטן!

אַן אויסגעשטערנטער בלויער הימל, נאָר אין דער הייך, אין דער מיט צווישן הימל און ערד, ציטערן און וואַרפן זיך מיליאַרדן דינע, שנייענע בלעטלעך...

און די געטלעכע שיינקייט מיט די טויזנטער בינטלעך פענדלעך אין האַנט, שטייט און קוקט צום הימל אַרויף...

— וואָס איז דאָרט אויבן, — פרעג איך, — צווישן הימל און ערד?

— דאָס זענען, — ענטפערט זי — נשמהלעך!

— פאַרוואָס פליען זיי נישט אין הימל אַריין?

— ווייל גאָט שיקט זיי אַראָפּ אויף דער ערד!

— פאַרוואָס דען פאַלן זיי נישט אַראָפּ?

— ווייל זיי ווילן נישט פאַלן... עס שרעקן זיי די שאָטן, וואָס קאָלערן און וואַלגערן זיך אויפן זאַמד, און וואַרטן אויף זיי...

— נאָך וואָס?

— זיך מיט זיי צו פאַראייניקן!... אַ נשמה, מוסטו וויסן, איז אַ

דיינער שטראַל פון הימל. און ערשט פון א שטראַל מיט א שאָטן צוזאַמען, ווערט א מענטש...

— און זיי וועלן נישט אראָפּ?

— זיי מוזן!

אין אירע אויגן באַווייזט זיך א שטאָלערנער בליק...

און אזוי רעדנדיק, וואַרפט זי אין דער הייך אַרויף אַ פענדל... דאָס פענדל פליט אַרויף און איינע, א נשמהלע, כאַפּט עס אונטער און שיסט דערמיט אראָפּ צו דער ערד... זי וואַרפט א צווייט, א דריט פענדל און יעדעס ווערט אויפגעכאַפּט! און וואָס מער פענדלעך עס פליען אַרויף, מער נשמות כאַפּן זיי אויף און שיסן אראָפּ צו דער ערד.

און אַרום יעדע נשמה מיט אַ פענדל, פליען צוזאַמען און שיסן אַראָפּ צענדליקער און הונדערטער קלענערע נשמהלעך... און יעדעס נשמהלע, וואָס קומט אראָפּ, ציט אין זיך אריין א שאָטן!

און עס ווערט וואָס אמאָל ווייניקער שניי־בלעטלעך אין דער הייך און וואָס אמאָל ווייניקער שאָטן אויף דער ערד... די נשמות מיט די פענדלעך און די נשמהלעך, וואָס פליען אַרום זיי, שלינגען איין יעדערע אַ שאָטן פון דער ערד און צעפליען זיך אויף אַלע זייטן פון דער וועלט אַלס פּאַרטייען...

און זי בלייבט מיט לערע הענט אונטער אַ ריין אויסגעשטערנטן הימל, אויפן געל־זאַמדיקן סטעפּ. אַ פיין דינער שמייכל לייגט זיך איר איבער די פיין דינע ליפּן, און פאַרשפּרייט זיך סעקונדנווייז איבערן גאַנצן געזיכט; אין די אויגן באַווייזט זיך א בייזער בליק.

— ווער־זשע ביסטו? פרעג איך דערשראָקן.

— דאָס לעבן! ענטפערט זי.

— וואָס איז דיין טון?

— איך טרייב מיין טעגלעך פורים־שפּיל... ענטפערט זי האַרט און פאַרשווינדט אין דער לופט.

„צום ווידערזען, פאַרנאַכט אויפן מיסט”!... שיקט זי מיר צו פון דער הייך!

. . . .

אזוי, אזוי, ליבע פורים־לייט... דאָס לעבן פירט אויך א פורים־שפּיל.

דאָס לעבן איז אַן אַלטע וועשן; זי וואַשט טאָג־טעגלעך איבער דאָס אַלטוואַרג... דערפון מאַכן זיך נייע פענדלעך, נייע פּאַרטייען... איין נשמה כאַפּט, ווי אויבן איז געשטאַנען, אַ פענדל, אַ שטיקל שמאַטע, אויסגע־וואַשן אין טרערן און בלוט, שלינגט איין אַ שאָטן, און ווערט אַ מענטש, אַ רעדל־פירער! אַנדערע ווייטער שלינגען איין נאָר שאָטן, בלויז שאָטן און ווערן פּאַרטיי־לייט! און דאָס פּורים־שפּיל דויערט אייביק, אייביק...

„עס איז איינע אַלטע געשיכטע, און בלייבט דאָך אימער ניי"...

מיינט נאָר נישט, אַז שמאַטעס אַליין זענען אַלטוואַרג, עס איז פאַ־ראַן אַלטוואַרג פון שטיינער, אייביק אַלטוואַרג, נישט איבערצווואַשן... עס העלפן קיין טרערן, קיין בלוט...

4.

הערט נאָך אַ מעשה! שוין די לעצטע!

אַמאָל איז געווען אַ שטעטל, אַ וואונדערלעך שטעטל, אַן אָפּנס, אַן מויערן, אָן טויערן...

אַ ביסל קליינע ווייסע הייזלעך, צעוואָרפן אויף אַ גרינער לאָנקע, וואָס האָט זיך געבאָדן אין גאָלדענע שטראַלן פון דער זון און ארויסגע־געבן דאָס פיינסטע, גרינסטע גראָז מיט די שענסטע, כאָטש נישט געקינ־סטלסטע, בלומען...

יעדן פאַרנאַכט פלעגט דאָס יונגוואַרג נאָך דער אַרבעט אַרויסגיין אויף דער לאָנקע, אויפן גרין פאַרבלימטן מאַרק, צווישן די הייזלעך, און זינגען, און טאַנצן, און פריי, און פריילעך, און לוסטיק זיין.

די אַלטע פלעגן זיך זעצן אויף די גראָז־בענק פאַר די הייזלעך און צוזען, ווי דאָס יונגוואַרג לעבט, און אין זכרון נאָך אַמאָל איבערלעבן די יונגע יאָרן...

אַזוי האָט זיך געפירט אַ צייט...

וויפל יאָרן, צי וויפל הונדערטער יאָרן, ווייסט מען נישט; ווייל עס איז אַ פאַרוואָרפן ווינקל געווען; אַ ווינקל אָן אַ געשיכטע. מען האָט נאָר געאַרבעט און געפרייט זיך; געאַרבעט און דערנאָך געזונגען און געטאַנצט, און עס איז גאָרנישט געווען וואָס צו פאַרשרייבן! עס איז אין גאַנצן שטעטל קיין קאַלענדאַר נישט געווען, און איך ווייס נישט, צי עמעץ האָט גאָר אַ זייגער געהאַט...

איינמאָל האָט זיך געטראָפן און אין דעם שטעטל איז געבוירן גע־

וואָרן א גניע, אָדער ווי מען זאָגט אויף לשון קדש: א גאון! א מענטש, וואָס האָט געהאט מער פון אלע א לויט הארץ און א קווינט מוח! און, אַז ער איז אויפגעוואַקסן, האָט ער איבערגעמאַכט דאָס גאַנצע לעבן אין שטעטל — ער האָט געזען, אַז מען גראָבט קאַרטאָפל מיט דער האַנט, האָט ער דערפונדן א גראָב-אייזן... צום הילצערנעם אלטן פלוג האָט ער צוגע־מאַכט אַן אייזערן שנייד-מעסער... עס איז שווער געווען אויסצולערנען די קינדער אלף-בית, האָט ער דערפונדן א נייע מעטאָדע אפילו צום טראַף! ער האָט אויך דערפונדן אלערליי ניי עסנוואַרג; נייע זופּן צו די אלטע מאכלים, און רעפאָרמירט אפילו די טענץ... צו דער פּאָעזיע האָט ער צוגעגעבן ריימען, צו דער מוזיק — דעם רעפרען... מיט איין וואָרט — ער האָט אלץ פאַרבעסערט. פאַרפיינערט; דאָס לעבן שענער און לייכטער געמאַכט! נישט אומזיסט איז ער דאָך א גאון געווען...

און אַז דער גאון איז גלייך מיט אלע מענטשן מיט דער צייט גע־שטאָרבן, האָט אים דאָס דאַנקבאַרע שטעטל געוואָלט א דענקמאָל — א גרויסע מצבה — א מאָנומענט, הייסט עס, שטעלן; א מאָנומענט אינ־מיטן גאַס, אַן אייביק געדעכעניש... זאָלן אייביקע דורות וויסן, אַז דאָ איז אמאָל א גאון געווען; זאָלן טראַגעדיקע ווייבער פאַרקוקן זיך און האָבן גאונים! זאָלן לערער און עלטערן טייטן מיט די פינגער אויפן מאָנומענט און זאָגן שילער און קינדער: זעט, גאונים זאָלט איר זיין! וועט מען אייך אויך מאָנומענטן שטעלן! און הויך זאָל זיין דער מאָנומענט... זאָל די וועלט ארום און ארום זען, און נאָכפרעגן זיך און וויסן...

און מען האָט געשטעלט...

מען האָט אויף א צייט מבטל געווען דאָס טאַנצן און זינגען יעדן פאַרנאַכט, און, נאָך דער ארבעט, האָט מען זיך גענומען צום מאָנומענט...

און עס איז מיט דער צייט געוואָרן א מאָנומענט, וואָס האָט מיטן קאָפּ גערעדט שטאָלץ מיט די שטערן פון הימל, און האָט אויף דער ערד פאַרנומען א גרויס שטיק פּלאַץ אויף א פּיעדעסטאַל...

און אַז מען האָט דעם מאָנומענט געענדיקט און געוואָלט צוריק איינפירן דעם מנהג פון זינגען און טאַנצן פאַרנאַכט, האָט מען דעמאָלט ערשט באַמערקט, אַז מען קאָן שוין נישט פריי זיך ארומיאָגן אויף אלע זייטן, אַז מען קאָן נאָר טאַנצן א ראָד א ר ו ם מאָנומענט!

די אלטע האָבן פון זייער זייט באַמערקט, אַז דער מאָנומענט פאַרשטעלט זיי די זון; אַז נישט אויף אלע גראָז-בענק קאָן מען שוין זיצן;

אז פון מאָנומענט ליגט זיך א שאָטן איבער דער שטאָט... אז אונטערן מאָנומענט איז קאַלט פאַר די אַלטע ביינער...

דאָך האָבן אַלע מיטן מאָנומענט שטאָלצירט; מיטן מאָנומענט אליין בכלל און מיט דער לאַנגיאָריקער ארבעט, וואָס מען האָט אין אים פאַר־שטיינערט, בפרט! און אויבוואָל עס האָבן זיך, דורך פּאַרקוקעניש פון טראַגנדיקע ווייבער, ווי פון מוסר זאָגן פון עלטערן און לערער, קיין גאונים נישט געמערט, האָבן זיך דאָך געמערט די מאָנומענטן...

נישט מיט אמאָל, נאָר ביסלעכווייז; שוין נישט אזוינע גרויסע — קלענערע, קליינע און גאָר קליינע, ביז צו איינפאכע מצבות, נאָר אַלץ אין מיטן מארק!...

עס איז מיט דער צייט א מאָנומענטן־קרענק געוואָרן — אן אונ־טערגאנג...

האָט עמעץ דערפונדן א נייע ארט קארטאָפל־שיילן, האָט עמעץ דערפונדן א נייע רעטעניש, ווער שמועסט, אז עמעץ האָט עמעצן א גרע־סערע טובה געטון, א היבשע נדבה געגעבן, אָדער אן אַלט בעט פון פייער ארויסגעשלעפּט, מיט א שטעקן א שלאַנג געטייט, האָט מען אים שוין א מאָנומענט געשטעלט...

רייכע לייט האָבן פאַרן טויט אָפּגעשייט א טייל פון דער ירושה פאַר זיך אויף א מאָנומענט; די, וואָס האָבן קיין גרויסן צוטרויען צו די יורשים נישט געהאַט, האָבן זיך אליין לעבעדיקערהייט מאָנומענטן געשטעלט... מיטלערע לייט האָבן אויף מאָנומענטן די הייזער פאַרקויפט, דאָס בעטגע־וואַנד פאַרזעצט... פאַר אָרעמע קרובים האָט מען נדבות געמאַכט, מצבות צו שטעלן... עס איז געקומען דערצו, אז אַלע האָבן געמוזט האָבן מאָנו־מענטן, און פאַר גאָר געמיינע לייט, וואָס האָבן אפילו קיין רייכע קרובים נישט געהאַט, האָט קהל געגעבן א מאָנומענטל...

אויס גראָז, אויס בלומען, אויס געזאַנג און טענץ — דורכאויס מאָנומענטן, סאַמע מצבות...

און די מענטשן האָבן מער פון טויט און מאָנומענטן געטראַכט ווי פון לעבן... לעבעדיקערהייט האָט זיך יעדערער שוין פאַרגעשטעלט אַלס טויטער, און באַמיט זיך אויסצוזען שטייף און פעסט ביים לעבן ווי דער מאָנומענט נאָך זיין טויט!

און אין די שטייפע, מאָנומענטן־ענלעכע קערפּער, זענען שטייף און פאַרשטיינערט געוואָרן די נשמות...

נישט פּלאַץ צום טאַנצן און זינגען האָט שוין געפעלט; דער חשק דערצו איז שוין אויסגעטריקנט געוואָרן... געלעבט האָט מען נאָר אויף נאָכן טויט!... געהאָפט האָט מען נאָר אויף מאָנומענטן!...

און עס איז געקומען א צייט, ווען די גאַנצע שטאָט איז פול געוואָרן מיט שטיינערנע מאָנומענטן, ווי אויך מיט מאָנומענטן פון פלייש און בלוט, וואָס האָבן גאָר קינסטלעך געמאַכט די שטיינערנע, אז עס איז צווישן זיי נישט געווען צו דערקענען!

און מיט דער צייט האָבן די גרויסאַרטיקע שטיינערנע מצבות ווי געלעבט, און לעבעדיקע מענטשן זענען געוואָרן פאַרשטיינערט ווי טויטע מצבות...

שטאַרק איז דאָך די לוסט צום לעבן אפילו אין הארץ פון פאַרשטיי־נערטע מענטשן! עס וועקט זיך אַלע מאָל שטאַרקער דאָס בענקשאַפט צום פרייען לעבן! צום פרייען זינג און טאַנץ־לעבן!

פאַרבאָרגענערהייט האָבן אַלע געגלוסט און געבענקט נאָך דער אַל־טער צייט, ווען דער פאַרבלומטער מאַרק האָט זיך געבאָדן אין דער ליכ־טיקער זון, ווען דאָס יונגוואַרג האָט געזונגען און געטאַנצט אינמיטן מאַרק, און ווען דאָס אַלטוואַרג איז געזעסן אַרום, אויף די גראָז־בענק, און צו־זעענדיק, נאָך אַמאָל דורכגעלעבט אַ לעבן...

און מען האָט שטילערהייט אַזוי לאַנג געבענקט, ביז מען האָט אַ שטיקל עצה געפונען!

מען האָט צונויפגעקליבן אַלע פונקען פון לעבן און פרייד, וואָס האָבן זיך געוועקט איבער אַ גאַנץ יאָר, און צוזאַמענגעלייגט אויף איין טאָג! דעם טאָג האָבן די לעבעדיקע מאָנומענטן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטייפקייט, די פאַרגליווערטקייט, און געפּרוווט לעבן, ליבן, זינגען און טאַנצן...

דאָס איז געווען — פורים! אַלע ימים־טובים זענען בטל געוואָרן, פורים — נישט!

נישט אַלע דאָך איז געראָטן!

מאַנכע האָבן, ביים בעסטן ווילן, געטון עס אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי אומנאַטירלעך, אַז, קוקנדיק אויף זיי, האָבן אַנדערע געפּלאַצט פאַר געלעכטער, און אַ פרייליכן פורים געהאַט...

איר ווילט לאַכן, ברידער? קוקט אין שפּיגל אַריין; זעט ווי איר זעט אויס, ווי אייער פורים זעט אויס און — פּלאַצט פאַר געלעכטער!

דער שפילער

(אַ פורימדיקע מעשה, נאָכפאַרציילט אייזיק מאיר דיק)

אמאל זענען די דורות נישט אזוי אָפּגעריסן, נישט אזוי פאר־יתומט געווען. א דור איז געווען א רינגעלע אין דער קייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט אָדם וחוה און וועט זיך ענדיקן אין אלף השששי... און האָט, ווען עס איז, איבער וואָס עס איז, א רינגעלע א צאַפּל געטון, האָט אָנגעהויבן ציטערן די גאַנצע קייט, האָבן זיך אַלע רינגען געוועקט: די אָבות, די מאַמע רחל און אנדערע...

אויסער דעם שטענדיק אָפענעם הימל, וואָס מען האָט, אויב מען האָט אים נאָר מיט א קופּערנעם דרייער נישט פארשטעלט, מיטן בלויזן אויג געזען, — אויסער אליהו הנביא, וואָס פלעגט זיין א היימישער מענטש, א בן־בית ביי א ייד: צווישן די אושפיזין אין סוכה, צו „שפוך חמתך" ביים סדר, אויף דער פּאַטער־שטול צו „וכרות", און אויף אַלע ירידים, און יעדעס מאָל, ווען דער חלף האָט זיך געלייגט אויפן האלדז... און אויסער גוטע מלאכים, — האָט מען אייביק טאַטע־מאַמע געהאַט. לעבן זיי — ווער שמועסט פון א כיבוד, און, חס ושלום, נישט — האָט מען א מצבה, אָנצושפּאַרן און אָפּצוקילן א ברענענדיקן קאָפּ, א קבר — צום אויסוויינען דאָס פארביטערטע הארץ, און א שוכן־עפר, וואָס הערט, וואָס זעט און שווייגט נישט, נאָר מיט זיך פאר אייך...

און נישט שטענדיק דארף מען זיי בעטן: נאַכט אויף נאַכט קומען די טויטע אין דער לעבעדיקער שטאָט אַריין. אין שיל אַריין גייען זיי, דאַווענען, לייענען, אָפּריכטן חצות... גייט א בר־מנן א היימישן לאָדן פאַרביי, הערט ער א קרעכץ פון א שווער הארץ ארויס, א זיפץ פון א צעבראָכן געמיט, פארשטייט ער אים: לעבעדיקע און טויטע רעדן איין שפּראַך, דאַווענען פון דעם זעלבן סידור אַרויס... מאַכט זיך דער בר־מנן א קניפּל אין די תכריכים, און, אז ער קומט צוריק אין זיין רו אַריין,

דערמאָנט ער זיך, און מיט זיך, און טוט וואָס ער קען, וואָס מעגלעך איז. און וואָס איז אין יענע געבענטשטע צייטן נישט מעגלעך געווען... גאָר־נישט, אפילו זיך אויסלערנען א פריילעכן „שושנת־יעקב" — ביי א בר־מנן!

איך וויל אָבער נישט כאַפּן די פּיש פאַר דער נעז. דאָס געהער שוין צו דער זאַך — צו דער מעשה פון רב אברהמל שפּילער, א מליץ יושר זאָל ער זיין פאַר מיר און פאַר אַלע, וואָס פאַרציילן פורימדיקע מעשהלעך, אויב נאָר נישט אויסגעטראַכטע...

און געווען איז רב אברהמל א שפּילער, נישט קיין קלעזמער. ער איז געקומען צו דער מדרגה, צו וועלכער, אַלע, פּילייכט, בענקען, אָבער זעלטן, ווער עס זאָל דערגרייכן: ער האָט פון פידעלע קיין פּרנסה נישט געצויגן, דערפון נישט געלעבט...

אז מען האָט נישט קיין גרויסע אויגן, קיין בייזן האלדז און קיין אויפגעריסן מויל, — אז „אבי־וואָס" איז א מאכל, קאַלט וואַסער — א משקה, שינעט און קיטיי — א מלבוש, — האָט אביילע־באַשע א קליטל, איז מען יוצא פאַר עולם־הזה, שפּילט מען לשם מצווה, לשם שמים; איז מען א שפּילער פאַר זיין ליבן נאָמען — פאַר גאָט, און אַזוינער איז רב אברהמל געווען...

מוצאי־שבת שפּילט זיך רב אברהמל זיינע זמירות... זיצט ביילע־באַשע, זיין שפּייזערן, און שעפּט זיך אָן מיט נחת, מיט חיות אויף א גאַנצע וואָך... שטייט אַן עולם אין גאַס און הערט אונטער, און די נשמות זאַפּן זיך מיט זמירות אָן. אָפּט־מאָל ווערט דער ניגון אונטערגעכאַפּט: א גאַס איז פּלוצלינג געהויבן געוואָרן, א שטעטל זינגט א זמר...

און א גאַנצע וואָך — ביילע־באַשע זיצט אין קלייט, דאָס שטעטל איז פאַריאָגט, — און אין שטיבל פון ד' על ד', ביי א קליין טישל, פאַרן קליינעם פענצטערל, זיצט זיך איינער אליין רב אברהמל; מיטן הארץ צום הימל, מיטן אויג צו דוד המלכס תהלימל: שירות ושבחות זינגען די לעפצן און ציטערן פאַר תענוג, און די אויסגעשטרעקטע האַנט קלויבט איבער די סטרונעס פון פידעלע, וואָס ליגט פאַר אים אויפן טיש... קלינגען די סטרונעס פאַר די ווערטער קליינע, ווייסע פלינגעלעך אויס; בליען זיי הויך. און רב אברהמל גלעט זיך מיט דער האַנט די שניי־ווייסע באָרד; זיין איינציקער תענוג...

עפנט זיך נישט דרייסט דאָס קליינע טירל, בייגן חתן־כלה איין די קעפּ, זיי זאָלן זיך נישט אָנשלאָגן, און קומען אריין, און שטעלן זיך אָפּ פאר רב אברהמלען געדייטלט און פארשעמט, און רב אברהמל שמייכלט, ער ווייסט שוין, וואָס מען מיינט: שוין יאָרן פאַרקנסט, אָנגעזאמלט קוים אויף א טלית, די חופּה איז גרייט, נאָר אויף קלעזמער האָט פאַרפעלט... שפּילט שוין רב אברהמל אויף אַן אָרעמער חתונה; האָט ער, נאָך איידער ער קויפט א נייעם לוח, — א סנדקאות, צו דער צייט — א פדיון הבן, ער איז אַ כהן אויך — איין מצווה לויפט נאָך דער צווייטער. נישט אין דעם אָבער גייט עס.

דער עיקר איז ביי רב אברהמלען פורים...

א פּורים־שפּילער איז ער — פאַר אָרעמע לייט...

פאַראַן הייזער, ווו די שיינע יידן מיט די רויטע פּאַטשיילים שמעקן נישט אריין, ווו עס באַווייזט זיך קיין קלעזמער, און קיין פּורים־שפּילער טרעט נישט איבער דער שוועל... ווו די חלה איז אָן זאַפרען, די סעודה אָן פרייד, און אָפּטמאָל אָן חלה...

עפנט זיך די טיר, קומען אריין רחמנותדיקע מענטשן „תומכי עניים", ברענגען זיי צו עסן און צו טרינקען, בענטשן די אָרעמע לייט די ליבע מענטשן פאר די צדקה, און אויך אלע ליבע געסט פון פורים־באַל, וואָס געבן די מעגלעכקייט, צו טון די צדקה, און לויבן זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט גוטע מענטשן באַשאַפן און זעצן זיך עסן און טרינקען... און דאָך — איבער די אָרעמע איינגעפאַלענע באַקן רינען פּליסן טרערן, געזאַל־צענע, ביטערע... נישט זיס איז קצבה־ברויט, נישט געשמאַק איר גע־טראַנק... און ווי לאַנג איז, אז זיי זענען די געבער און אנדערע די נעמער געוועזן? און עס הייבט אָן די טרער צו שטעכן אין אויג, די ביטערקייט — זיך צו זאַמלען אין האַרץ, און א יידענע פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיטן פאַרטוך; אַ ייד וואַרפט דורכן פענצטער צום הימל אַרויף אַ טענה... און ווער יונגער איז כאַפּט און ציט צוזאַמען די האַנט אויף אַ פויסט. קומט אָבער אריין ר' אברהמל מיטן פידעלע. די ליכטלעך ווערן מיט אַמאָל ליכ־טיקער, אויגן לייכטערן זיך, אויף די פּנימער באַווייזט זיך אַ שמייכעלע, פאַרשעמט, פאַריתומט, נאָך פאַרטרערט. רב אברהמל אָבער שפּילט שוין „שושנת יעקב" — גיסט זיך אַ קלינגענדיקער בוימל אין האַרץ אריין — אָרעמקייט איז קיין שאַנד, איין ברודער ביים צווייטן נעמט, דרייען דרייט

זיך דאָס רעדל... און ארום גייט אברהמל מיט פינקעלדיקע אויגן באַגלייט, און קינדערלעך, מיט קרומע פיסעלעך, ווי די רעגנבויגן, און צאַפּלדיק־פלאַמענדיקע אייגעלעך, ווי פלעמלעך כשרע, לויפן אים איבער די גאסן נאָך, פון טיר צו טיר, פון שטוב צו שטוב... און ערשט שפּעט, גאָר שפּעט — אָרעמע לייט, קיין עין ־ הרע, מערן זיך, — אָנגעלאָדן מיט ברכות, מיט א הארץ איבערגעפולט מיט גוטער, שטילער פרייד פון געטוענע מצוות — טרעט נאָך רב אברהמל אָפּ ביים רב מיט דער רביצן, אָן וועלכע אַ מעשה איז גאָר קיין רעכטע מעשה נישט...

און איבער דער צייט זיצט ביילע־באַשע געדולדיק און וואַרט. דאָס הארץ זאָגט איר, און אברהמל לייקנט נישט, אז זי האָט א חלק, א גרויס, חלק אין דער מצווה; אָבער א קליין ביסעלע בענקען איז קיין עוולה נישט...

און ביים קליינעם טישעלע, פאַרן קליינעם פענצטערל זיצט די פאַר־בענקטע אלטיטשקע און שמייכלט... קוקט מיט די אלטע, מאָדנע לאַכנדיק־וויינענדיקע אייגעלעך אין דער טונקעלער גאַס אריין, און פון אונטערן שטערנטיכל קריכן די אויערלעך ארויס און הערן זיך איין... צי איז עס נישט ער דאָרט מיטן פידעלע? נישט פון זיין שושנת יעקב דער צוגעשוווי־מענער קלאַנג?... און די ליפּעלעך רירן זיך קוים־קוים אין שטילן געבעט: זאָל ער זוכה זיין מיטן פידעלע אנטקעגן צו גיין משיחן, שפּילן אים א מאַרש...

דעמאָלט האָט מען אָן משיחן געגלייבט, אויף משיחן, כאָטש ער זוימט זיך, יעדן טאָג געוואַרט.

— אָבער פאַרוואָס זוימט ער זיך אזוי לאַנג? פרעגן די אלטע ליפּן; דאָס מאָל — נישט אויף משיחן: די האַלאַבצעס זענען קאַלט, די ליכטלעך — רייכערן זיך, צאַנקען, גיין אויס און אברהמל איז נישטאָ.

ביילע־באַשע לויפט אין מאַרק אריין. אַ שווייגנדיקע נאַכט. דורך די פאַרהאַמערטע לאָדן רייסט זיך נישט ארויס קיין קלאַנג, קיין שטראַל. דאָס שטעטל שלאָפט.

דער הימל איבער אים וואַכט, מיט טויזנטער, טויזנטער אויגן, אזוינע ריינע, אזוינע קלאָרע, — אָבער ווו איז אברהמל?

— פאַרוואָס פאַרשפּעטיקן זיך די טריט פון אברהמלען?

אזוי פרעגט אויך דער אלטער רב, מיטן צושראָקענעם ציגן־בערדל, און זיין שרעקיג קול וועקט די רביצן פון דרימל און דאָס קליינע קעפּל,

וואָס האָט זיך אין דער לופט, ווי אַן אומרו געוויגט, שטעלט זיך אָפּ. ווו קאָן ער זיין? דער דנאָ פון פלעשל משקה איז ארויסגעשוווּמען, האלבער נאַכט קלינגט דער הייזעריקער אלטער זייגער אוים און אברהמלען זעט מען נישט... כאַפּט אויף זיך די קוטשמע דער רב, די רביצן — די טערקישע שאַל, לאַמטערן גרויסע — די קוים דערוועקטע שמשים, לויפט מען אין גאַס אריין, טרעפט מען ביילע באַשען, רעדט מען נישט אַ וואָרט און מען לויפט ווייטער, אין פענצטער און טירן קלאַפּט מען, נישטאָ ביי אייך רב אברהמל? קומען קינד און קייט פון די שטובן ארוים און מען זוכט אברהמלען...

און אברהמלען האָט, ווירקלעך, אַ סיבה געטראָפן. ווען נישט „שליחי מצוות..." גאָט ווייסט, צי איך וואָלט אייך היינט די מעשה פארציילט; עס וואָלט אַ צו טרויעריקע געשיכטע געוועזן, און טרויעריקע זאכן האָט איר נישט ליב...

אהיים, צו זיין ביילע־באַשען, גייט רב אברהמל. אביסל טאַנצן די פיסלעך אונטער, דאָס אלטע, גראָע קעפל וויגט זיך: פורים, און ער וועט נישט אָפּזאָגן קיין אָרעמאַן, וואָס הייבט אויף צו אים דעם כוס... ער האָט זיך שוין צו ביילע־באַשען פארבענקט, עס פארדריסט אים, וואָס ער קאָן נישט משנה מנהג זיין און מוז, פארבייגייענדיק, אויף אַ ווײַלע אָפּטרעטן ביים רב. וויל ער זיך פארקירצן דעם וועג, גייט ער דעם פּאָליש, פאַר דער שיל אדורך, ווי געזאָגט, — שליחי מצווה. קומט ער אין פּאָליש אריין דערהערט ער קולות פון שיל: געלעכטער, געזאַנג, אַ שאָרען מיט טאַנצענ־דיקע פים. נבהל ווערט ער ונשתומם. נישט אַנדערש, טראַכט ער, נייערט ווילע יונגען האָבן זיך אין שיל אריין פארכאַפּט, כאַפּט אים אָן דער חלול הקודש ביים האַרץ, צינט זיך אָן אין אים דער צאָרן. און אַ כהן איז ער, אברהמל, גיט ער זיך אַ שפּאַר אריין אין טיר, דער אלטער שלאָס גיט אביסל נאָך, אברהמל שפּאַרט זיך מיט אלע קרעפטן אין שפּאַרע אריין און בלייבט — פארשטאַרט פאַר שרעק: מתים זענען עס געוועזן!

און אַ געמורמל ווערט אין שיל: רב אברהמל, רב אברהמל! און אלע אויגן ווענדן זיך, טייל — צו אברהמלען, אנדערע — צו אַ הויכן, הויכן ייד, מיט אַ גרויער, שניי־ווייסער באָרד. און די אויגן, אויף אברהמלען פארקוקט, קוקן לייטזעליק און ליב, און די אנדערע, צום הויכן, הויכן ייד

געוועגדט, ווארטן אַפּ זיין וואָרט, העגגעגדיק אויף זיינע בלויע ליפּן... נישט לאַנג האָבן זיי געוואַרט. מיט שטילע טריט לאָזט ער זיך צו אברהמלען צו, און שטיל ווערט אין שיל, אז מען הערט, ווי די מצה־שמורה ציטערט, פון א ווינטל, דורך אן אויסגעשלאָגענער שויב געוויגט... און אין דער שטילקייט דערהערט זיך דעם הויכן־הויכן יידס קול, ווי ער צע־שפּרייט מיט דער לאַנגער רעכטער האַנט די שניי־ווייסע באָרד, און זאָגט צו אים: פאָרכט דיך נישט, אברהמל! מיר ווען דיר קיין בייז נישט טון; מיר האָבן זיך דאָ, ווי אַלע יאָר, געפרייט, א זמר געזונגען, א טענצל גע־כאַפּט; עס איז דאָך פורים — א יום טוב, וואָס וועט נישט בטל ווערן!

שטייט אברהמל אין שפּארע אריינגעדריקט, און קוקט מיט גרויסע אויגן און טראַכט: מאָרגן וועט מיר קיינער נישט גלויבן, אז איך בין דאָ געוועזן, דאָס געהערט און דאָס געזען. ציטערן די ליפּן און געבן קיין קול נישט אַרויס. לעזט אים דער הויכער־הויכער בר־מנן זיין מיין פון פּנים אַראָפּ, ווינקט ער צו'ן א מאָגערן, און דעריבער — נאָך העכערן ייד, קומט ער, שטילשווייגנדיק, צו.

— מיר וועלן דיר — זאָגט דער רב — פאַר די לעבעדיקע א וואָרט־צייכן געבן, וועלן זיי דיר גלויבן. אָט דער ייד איז דער ערשטער קהלישער חזן פון שטעטל; איך וועל אים בעטן, וועט ער דיך א נייעם „שושנת יעקב" לערנען.

דער מאָגער־הויכער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

— נייערט, — גיט צו דער ערשטער רב פון שטעטל, — נישט מיטן קול וועט ער דיך לערנען. ער האָט זיך, לא עליכם, ביים לעצטן נעילה־קדיש פארקילט, און מיט א שטומער ווידוי אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. מיטן פינגער וועט ער דיך לערנען...

טוט דער ערשטער חזן דעם ווילן פון ערשטן רב, שוועבט זיין פינ־גער אין אוויר און שוועבט. דאָ טאַנצט ער מיט א ברען, דאָ ווערט ער פאַר־ציטערט, און פאַר גרויס דבקות — ווי פארשטאַרט; דאָ רייסט ער זיך אין די עולמות העליונים אריין, מיט טענות פון איוב, מיט צער און צאָרן, און אָט צאַפּלט ער, ווארטנדיק אויף א תשובה פון דער הייך וועגן טויט און לעבן...

אזוינס האָט נאָך רב אברהמל נישט געהערט. ציט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה צום זינגענדיקן פינגער; זאַפּט ער מיט ביידע אויערן דעם

ניגון, ווײל ער אױפֿן פֿידעלע פּרוּװן נאָכשפּילן, כאָטש א טאָן כאַפּן, קאָן ער נישט, אין שפּאַרע פאַרשפּאַרט, אױסשטרעקן די האַנט... און דעם חזנס פֿינגער שוועבט אַלץ און שוועבט, און נגינה גיסט זיך פֿון אים און גיסט...

און אינדערפֿרי, אז דער שמש איז געקומען עפֿענען די שיל, און האָט אים פֿון שפּאַרע באַפֿרײט, איז רב אברהמל אָפּגעשפּרונגען אין מיט פּאָליש אריין, און, נישט ענטפֿערנדיק דעם צושראָקענעם שמש א וואָרט, — מיט פאַרציטערטע הענט צוגעדריקט דאָס פֿידעלע אין דער נאָך ווײ־סער איבער נאַכט געוואָרענער באָרד אריין, און האָט אָנגעהויבן שפּילן! דערהערט בײלע־באַשע, דערהערן רב, רביצן און די אַלע, וואָס האָבן אים אין אַלע הײזער געזוכט, און לױפֿן זיך צונױפֿ; קומען ותיקון דאַווענען, און שטעלן זיך אָפּ, און רב אברהמל שפּילט אַלץ און שפּילט...

עס גייט צו פסח

עס גייט צו פסח, און איך בעט מיך ביי אייך איין צום סדר. קיין סך וועל איך אייך נישט קאָסטן; קניידלעך עס איך נישט! נעמט מיך אויף!

זייט מיך אויך נישט מכבד מיט מרור; מיט דעם בין איך געבוירן!

הייסט מיך אויך נישט ציילן קיין „מכות"; איך האָב די מצריים שוין לאַנג מוחל געווען. און עס איז גלאַט א מין „ברכה לבטלה"; פון געשריבענע אָדער געדרוקטע מכות איז נאָך קיינער נישט קראַנק געוואָרן.

באַפרייט מיך אויך פון „שפוך חמתך"... איך בין נאָך צו יונג, פאַרסמט מיר נישט דאָס בלוט מיט נקמה... איך האָף אויף בעסערע צייטן און וויל אפילו קיין געצנדינער נישט שעלטן.

איך וויל אפילו נישט זאָגן „לשנה הבאה בירושלים!" ווייל „פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן"!

דערווייל וויל איך אייך נאָר ווינטשן, אַז איר זאָלט אויפ'ן יאָר דעם גאַנצן „מה נשתנה" מיטן „עבדים היינו" פאַרגעסן... און —

אַז איר וועט עפענען די טיר און רופן באמת, נישט ווי היינט אויף לבן הארמים לשון: „כל דכפין ייתי ויכול!" — זאָל קיינער נישט אַריינקומען; עס זאָל קיינער נישט דאַרפן אַריינקומען!

מעשות

„היינט וועט זי קומען" — טראַכט ער, שפּאַצירנדיק ביים ברעג פון ווייסל.

און אזוי טראַכטנדיק, קומט אים אַלץ לעבעדיק פאַר:

ער זיצט אויפן בעט אין דער פינצטער און וואַרט, ביי יעדער באַוועגונג אויף די טרעפּ הייבט אים אָן שטאַרקער צו קלאַפּן דאָס האַרץ און ער וווּנדערט זיך: פאַרוואָס? ער האָט זי דען ליב?

אַט, דאָס איז שוין ז י. אירע שוועבעדיק־לייכטע טריט. ער שטייט אויף און צינדט אָן דאָס לעמפּל אויפן טיש. זי האַלט זיך דערווייל א ווײלע אָפּ הינטער דער טיר. אָטעמט אָפּ — שווערע טרעפּ — פאַרריכט זיך די האָר און כאַפּט נאָך א בליק דורכן לאָך פון שלאָס. קוים הערעוודיק, קלאַפּט זי אָן מיטן פינגער אין טיר.

— „פּראָשען" 1) און זי עפנט די טיר און רופט אויף דער שוועל:

— „בענדזשע אָפּאָוויאַדעניע"? 2)

אַניט, גייט זי צוריק.

א י ם ה אָ ט זי נישט ליב, זאָגט זי. פאַר אידן איבערהויפּט שרעקט זי זיך, נאָר זיינע מעשהלעך האָט זי ליב.

באַקענט האָט ער זיך מיט איר צופעליק אין זאַקסישן גאָרטן. אין א שלאַגס־רעגן. זי איז געשטאַנען אונטער א בוים, אָן קאַלאָשן און אין א ווייסע בלוזע. דער בוים האָט זי שוין ווייניק געשיצט פון רעגן און זי האָט געקוקט דורך זיינע לויזע צווייגן אין הימל אריין, דערשראָקן און אָן האָפענונג, עס זאָל זיך געשווינד ענדיקן. ער איז צוגעגאַנגען מיטן רעגן־שירעם און האָט איר פאַרגעלייגט זיין הילף. זי האָט זיך געוויינערט. ער האָט ערנסט און האַרציק געבעטן; זי גיט נאָך און לאָזט זיך אָפּפירן. זי

---

1) ביטע, אַריין.

2) וועט זיין א מעשהלע.

פארענטפערט זיך: פאראן אזוי פיל שלעכטע מענטשן! נאָר זיין שטימע וועקט צוטרויען. אויף דעם צוטרויען געשטיצט האָט ער איר געבאָטן זיין אָרעם, זי האָט צעגערנד אריינגעשטעקט די האנט אין זיינע און געזאָגט איר אדרעס.

אין גאַנג איבער עטלעכע גאַסן — אויף קיין דראָזשקע האָט ער נישט געהאט — איז ער געוואָר געוואָרן, אז זי איז א נייטאָרן (אמת — זי האָט צעשטאָכענע פינגער), און זי, אז ער איז א שרייבער. שרייבט לידער? — ניין, מעשהלעך. אך, מעשהלעך האָט זי זייער ליב. — ער קאָן איר פארציילן. מעג מען זי באַזוכן? ניין. קיין פאָטער האָט זי נישט און די מוטער איז א בייזע. איר שטימע האָט לייכט דערביי געציטערט. זי וואָלט מער נישט געדארפט, עס זאָל קומען א פרעמדער און נאָך דערצו — זי ווארפט אויף'ן אַ זייטיקן בליק, ענדיקט שאַלקהאַפט און רויט ווע־רנדיק: אַ ייד. פון וואַנען ווייסטו, אז איך בין א ייד? — זי דערקענט: די אויגן, די האָר, די אויסשפּראַכע און ענדלעך — די נאָז — כאַ־כאַ־כאַ. איר שטימע קלינגט ריין קינדיש און דאָך איז שוין דער שטערן גערונצלט.

איבערן זומער פלעגן זיי זיך טרעפן אין זאַקסישן גאָרטן. איבערן ווינטער פלעגט זי, אויבוויל זעלטן, ארויפכאַפּן זיך צו אים אויף אַ מעשה־לע. דערפון פלעגט זי אים אינדערפרי שרייבן דורכן סטרוזש. היינט האָט ער אויך אזאַ בריוול דערהאַלטן. זי שרייבט פּויליש „נח מיט זיבן גרייזן", נאָר אזוי קינדיש־הארציק.

— ייד, גרייט אָן א שיין מעשהלע, נאָר א פריילעכס, מיט א בת־מלכה. דאָס לעבן איז אזוי טרויעריק. און אָנרירן זאָלסטו מיך נישט. נישט ד י ך מיין איך. דו ביסט אזוי העסלעך. ווּעסט מיך אָנרירן, וועל איך שרייען און אנטלויפן. הערסט?

דאָך ווייסט ער, ווי אזוי זי ווייכער צו מאכן: דאָס מעשהלע ווערט טרויעריק. דער בן־מלך אָדער די בת־מלכה פאלן אריין אין אַ געפאַר... די ליבהאָבער צעשיידן זיך דורך אַ שרעקלעכער אינטריגע פון פאַלשע מענטשן... וויל ער, ווארפט ער די בת־מלכה אריין אין געפענגעניש, אין א פרעמדער לאנד און דעם בן־מלך פירט ער ערגיץ צו דער תליה. א בלבול. און דעמאָלט פאַלט זי פאַר'ן אויף די קניען, כאַפּט'ן אָן פאַר די הענט, גלעט'ן איבערן פנים און בעט באַרימהערציקייט פאַר די אומגליקלעכע. און פאַר אַ קוש אויף די ליפּן, לאָזט ער פאַרשווינדן די געפאַר און פירט

דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכה מיט פּאַראַד און מוזיק צו דער חופּה.

נאָך וואָס טוט ער דאָס? וואָס טויג אים איר קוש?

עס טוט אים באַנג, און דאָך איז פאַראַן אַזוינס, וואָס פירט זיי צוזאַמען: ביידע בענקען נאָך גליק... ביידע האָבן עס נישט און ווילן זיך וויניקסטנס גענאַרן כאָטש אויף אַ ווײַלע.

צוויי פאַרוואָגלטע נשמות. איינמאָל פרעגט ער זי:

— די מאַמע שלאָגט דיך אַמאָל?

זי איז בלאַס געוואָרן און די אויגן זענען איר פאַרגאַנגען.

— פרעג נישט. פאַרצייל בעסער. ער האָט איר געגלעט די ברוינע האָר, און האָט פאַרציילט.

נאָר היינט וועט ער נישט האָבן, וואָס צו פאַרציילן. די געדאַנקען אין קאָפּ זענען אומקלאָר און צעוויגט, ווי דאָס אומריינע וואַסער, וואָס שלאָגט אויף און אָפּ פון ברעג... און רייסן זיך ווי די לויזע נעפּל אין דער הייך.

וואָס נאָגט אים אַזוי ביים האַרץ?

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט נאָך היינט נישט געגעסן.

אין דער וווינונג איז געווען עפּעס אַ געפּאַרעריי, אַ געטומל, און אַ גאָלדענע זון האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן און ער איז אַרויס פון בעט אין גאַס אַריין אָן טיי. אין די גאַסן איז אויך געווען אַן אומגעוויינלעך גערו־דער. ווייסט דער טייוול, וואָס זיי לויפן אַזוי. איינציקע מאָל האָט ער באַ־קומען אָן דער זייט. ער איז קוים אַראָפּ צו דער ווייסל, וווּ ער שפּאַצירט געוויינלעך פאַרמיטיק. אַצינד איז אים דאָס האַרץ אַוועק. ער טאַפּט זיך ביים וועסטן־טאַש. פאַראַן קליין געלט און ער גייט צום רעסטאָראַן, וווּ ער עסט געוויינלעך נאָכן שפּאַציר, און זעצט זיך ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער ווייסל.

דער רעסטאָראַן איז אין דער צייט לער. די „געלע" זיצט ביים בו־פעט און דרימלט. זיין אָנקומען וועקט זי, פאַרשלאָפן גריסט זי אים; דערלאַנגט אים, וואָס ער באַשטעלט און זעצט זיך צוריק דרימלען. ער עסט און טראַכט, אַז אַ מעשהלע מיט אַ בת־מלכה מוז זיין. ערגיץ אויף אַ באַרג שלאָפן מוז זי. אַ כישוף־מאַכער אָדער אַ כישוף־מאַכערן איבער־וואַכן זי. היינט וועט ער איר נאָך לייגן אַ שלאַנג צופוסנס. שלאָפנדיקע בת־מלכה'ס האָט זי שוין גענוג. די שלאַנג וועט מאַכן אַן איינדרוק. ער קלערט

נאָך צו ליגן די בת־מלכה אויף גאָר א הויכן באַרג. ער האָט נאָך קיין גרויסן באַרג נישט געזען, נאָר ער וועט איר זאָגן: הויך, הויך, הויך... און זי וועט אויפהייבן די פאַרחלומטע אויגן און נאָכיאָגן זיין פינגער אין דער לופט. נידעריקער, דער בת־מלכה צופוסנס, וועט ער ארומציען דעם באַרג מיט א וואָלקן. פאַר שיינקייט וועגן וועט ער דעם וואָלקן הויטלעך ארומזיימען, א זומער־טאָג, א ברענענדיקע ראַנד וועט זיין. אונטן אין טאָל זעט מען קיינמאָל נישט די בת־מלכה, דער וואָלקן פאַרשטעלט זי. א גאַנץ גייענדיק יאָר שטייט ער, דער וואָלקן. דאָס מוז אויך זיין א כישוף. פאַר דאָס איז איבער דער בת־מלכה אַן אייביק קלאָרער הימל; צווישן וואָלקן און הימל ליגט זי, און די שלאַנג היט!

ער האָט אָפגעגעסן. א בן־מלך וועט ער שוין געפינען צוריק־צו־וועגס. מען דאַרף צאָלן. די „געלע" שלאָפט.

ער וויל זי וועקן — אויף זיין געווײַנלעכער אַרט: ער מאַכט קיי־לעכלעך פון ברויט און צילט איר אין דער לאַנגער נאָז אריין. איינמאָל אויף צוואַנציק טרעפט ער און זי וועקט זיך יעדעס מאָל דערשראָקן. „דער פאָן טרייבט שטענדיק קאַטאָוועס" זאָגט זי פאַרדראָסן. „וואָס האָט ער געהאַט?" ער שמייכלט גיטיק. זאָגט איר און צאָלט.

היינט אָבער גייט אים נישט. ער וואַרפט און וואַרפט און טרעפט נישט. צילנדיק, זוכט ער דערוויל א בן־מלך:

ער קנייפט אוים א ניי שטיק ברויט און קנעט, מאַכט קיילעכלעך, און פאַרגעסט צו צילן. דער בן־מלך גייט. וואַלד־אויס, וואַלד־איין גייט ער. א קראָ, וואָס ער האָט אמאָל געראַטעוועט פון א זיכערן טויט, האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד פון דער בת־מלכה... און זי פליט פאַר אים, און ווייזט אים דעם וועג. אָבער נישט אַזוי געשווינד וועט ער אים צולאָזן צום ציל. באַלד נאָכן מעשהלע אַנטלויפט זי, און ער בלייבט אַליין, אַליין מיט די צעוויגטע נערוון און אָפגעריסענע געדאַנקען... ער וועט אויפ'ן אָנשיקן א וואָלף — דעם וואָלף וועט ער טייטן. דערנאָך — א וואַסער, וועט ער אויסרייסן א בוים, אריינוואַרפן און אריבערשווימען. דערנאָך וועט זיך אים שטעלן אויפן וועג א באַרג, וועט'ן די קראָ נעמען אויף אירע פליגל... ניין, אַן אָדלער — דער קראָס א פעטער — וועט עס טון. דערנאָך וועט ער פשוט הונגעריק ווערן. דאָס באַנאַלע מוז שטענדיק אריינקומען אין דער מיט... א בן־מלך אויפן וועג קען זייער לייכט פאַר־

הונגערן. די קראָ פליט פאַר אים נאָך עסן. עס איז אָבער זייער ווייט צום נאָענטסטן ישוב. זי זוימט זיך. די זון ברענט; אויפן פרייען פעלד איז עס. ער פאַרשמאַכט. וואָלט ווייניקסטנס ווייץ אָדער קאָרן געוואַקסן, וואָלט ער זיך, אויבוויל א בן־מלך, אָפּגעריסן עטלעכע זאַנגען. וואַקסן אָבער דורכויס ביטערע קרייטעכצער, און אָנגעזאָגט האָט אים פאַרן אוועקפליען די קראָ: ריר נישט! די קרייטעכצער זענען סם. די כישוף־מאַכער האָבן עקסטראַ פאַרזייעט דעם סם, כדי די, וואָס וועלן זוכן דאָ די בת־מלכּה — וואָרום דער באַרג, ווו זי ליגט, איז נישט ווייט — זאָלן זיך אָפּסמען, וואָס עס האָט שוין כמה וכמה געטראָפן...

און שווער, זייער שווער איז אים צו וואַרטן אויף דער קראָ. ער פאַרגייט פאַר הונגער. די אויגן ברענען. דערוויילע גייט דורך א פּויערטע מיט א לעבל ברויט אין דער האַנט. פריש ברויט, דער געשמאַק שלאָגט דעם בן־מלך אין דער נאָז אריין...

— פּויערטע — רופט ער מיט א שוואַכער שטימע — גיב מיר א שטיקל ברויט.

— באַצאָל! — ענטפערט די פּויערטע קורץ.

— איך האָב נישט מיט וואָס...

— אז מען האָט נישט, עסט מען נישט.

— איך בין א בן־מלך, אז איך וועל אהיימקומען, וועל איך דיך אָפּגילטן!

— זוך דעם ווינט אויפן פעלד... א חוב פאַרשריבן אויפן וואַסער.

— איך שטאַרב פאַר הונגער!

— א נייעס! בעסערע פאַר דיר טרעפט עס!

זי גייט אָפּ עטלעכע טריט און קומט צוריק.

— ווייסטו וואָס! דו געפעלסט מיר! האָב מיט מיר חתונה, וועל איך דיר געבן ברויט!

— איך קען נישט. איך בין שוין פאַרליבט אין דער בת־מלכּה!

— און ווילסט עסן?

— איך בין הונגעריק!

— האָב חתונה מיט מיר, וועסטו זיין זאַט!

די פּויערטע האָט זיך איינגעשפּאַרט, דער הונגער מאַטערט און ער האָט געמוזט נאָכגעבן. ער האָט איר צוגעשווירן אייביקע טרייע. דורכ־

געלאָפן א האָז, האָט ער'ן גענומען פאַר אן עדות. געכאַפּט א שטיק ברויט און איז איר נאָכגעגאַנגען אין דאָרף אריין.

די „געלע" עפנט־אויף איין אויג און מאַכט עס צוריק צו, און דאָס מעשהלע וועבט זיך ווייטער:

אז די קראָ איז צוריקגעקומען, האָט זי שוין דעם בן־מלך נישט גע־טראָפן. דאָס פרישע ברויט האָט אים געשאַדט און ער ליגט קראַנק אין דאָרף. דערנאָך איז ער געזונט געוואָרן און חתונה געהאַט מיט דער פּויער־טע. און ווייל ער האָט נישט געקאָנט נישט אַקערן, נישט זייען, נישט שניידן, נאָר פאַר דאָס לעזן און שרייבן, איז ער געוואָרן א דאָרפס־לערער. שלום־בית איז געווען... די פּויערטע פלעגט'ן רופן מיט ליבשאַפט: „שוטה מיינער" און ער פלעגט נאַריש שמייכלען. דאָך די בת־מלכה האָט ער באַהאַלטן אין האַרץ. א קשיא אויף א מעשה, די פּויערטע אַרבעט ביים פּריצם שנייד־מאַשין, עס קען זיך איר אַן אומגליק טרעפן... וועט ער גיין זוכן... נאַטירלעך, איבער די ליפּן ברענגט ער עס נישט... און פיליכט האָט ער גאָר נישט געוווסט פון גדאַנק. שטילערהייט ערגיץ אין א פינצטער ווינקעלע פון האַרץ איז דאָך געלעגן די האָפענונג און ער האָט באַהאַלטן דעם סוד פאַר זיך.

דער פּויערטע האָט אָבער קיין אומגליק נישט געטראָפן. פאַרקערט: מיט יעדן טאָג איז זי געזונטער און שטאַרקער געוואָרן; ער אָבער — נישט. פון שלעכטע פּויערשע קעסט, צי פון בענקעניש האָט ער זיך פרי געעלטערט, און אז ער האָט באַמערקט, אז די באָרד איז אים גרוי גע־וואָרן און די אויגן לעשן זיך, און דער שטערן רונצלט זיך, האָט ער מיט א וויינענדיקער שטימע איבערגעגעבן די שילער דעם סוד פון דער בת־מלכה. זיי האָבן זיך צעלאַכט: דער לערער איז פון זינען אַראָפּ! אוי־סער — — —

ער באַמערקט אַן ענדערונג אין דער באַלייכטונג: עס איז טונקל גע־וואָרן. ער וואַרפט א בליק אין פענצטער אריין: דאָס וועטער האָט זיך דערווייל געענצלעך געטוישט. א נאַסער שניי פאַלט. עס גיט א נאָג ביים האַרץ. געשווינד כאַפּט ער נאָך א קיילעכל־ברויט, צילט און טרעפט. די „געלע" כאַפּט זיך אויף.

— קום אהער, געלע, איך וועל דיר א מעשהלע פאַרציילן..

— מניע פּאַצאַ? 3)

— א שיין מעשהלע — מיט פויערשע יינגלעך, וואָס זוכן א בת־מלכה...

— גלופּסטוואַ! 4)

— עס איז נישט קיין נארישקייט. די בת־מלכה שלאָפט אויף א בלומען־בייט אויף א שפּיץ־באַרג. דער דאָרפס־לערער האָט זיי געהייסן זוכן...

— וואַרטאַ! 5)

אוודאי כדאי. די בת־מלכה איז א שיינע, א גוטע, א קלוגע.

— גענוג געשפּעט, צאָלט בעסער און גייט!

— געוויס, געוויס... נאָר די קינדער האָבן זיך געמאַכט הילצערנע שווערדן, מיט הילצערנע שפּיזן —

די געלע געגעצט.

— ביסט מיד, געלע?

— אזא וועטער!—

— ווען עס פאַלט א יידישער יום־טוב, מוז זיין א שלעכט וועטער.

און בייז גיט זי צו:

— וואָס פאר א יום־טוב איז היינט?

— ז י י ע ר ווייעלקאַנאָץ...

דאָס איז געווען דאָס גערודער אין דער וווינונג, דאָס געלויפעריי אין גאַס?!

ער צאָלט און לויפט ארויס.

אין גאַס צעלאַכט ער זיך.

אין דער נשמה ליגט ערגיץ ביי אים א גלגול פון א זיידן. צי אַן עלטער־זיידן! דאָס בענקעניש, וואָס האָט׳ן אָנגעכאַפּט! יעדער מענטש גייט ארום מיט גלגולים אין האַרץ.

דאָס ערשטע יאָר, אז ער איז נאָר אוועק פון דער היים, איז ער

---

3) צו וואָס זאָל עס מיר?

4) נאַריש.

5) כדאי.

צום „סדר" שיר־נישט פון זינען אראָפּ פאַר בענקשאַפט. די פאַמיליע, ביי וועלכער ער האָט געוווינט, איז אויף יום־טוב ערגעץ אוועקגעפאָרן צו גאַסט, און ער איז געבליבן איינער אליין אין אלע צימערן. ער האָט זיך פרי געלייגט, נישט האָבנדיק וווּ אַהין צו גיין, נאָר ער האָט פאַרגעסן אראָפּצולאָזן די רולעטן און די לבנה האָט'ן געוועקט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט האַרץ־קלאַפּן. לאַנג איז ער געלעגן און נישט געוווּסט פאַר וואָס. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט. פּלוצלינג איז ער אויפגעשפּרונגען, ארויסגעריסן דאָס לײַלעך פון בעט, אָנגעטון עס, ווי א קיטל, און איז ארומגעלאָפן אין שטוב און געבריליט אויסנווייניק די הגדה. דאָס צווייטע יאָר האָט ער, פאַר שרעק פאַר דער בענקשאַפט, א ראָק פאַרקויפט און איז אַהיים געפאָרן אויף פּסח. איבערן וועג האָט ער זיך געחזרט, אַז ער וועט זיך אונטערגעבן, גאָר איינגאַנצן אונטערגעבן. און ווירקלעך, ער איז געגאַנגען מיטן פאָטער דאַווענען, געלאָזט זיך אונטערבעטן צום סדר מיט א קישן, געפרעגט „מה נשתנה"... נאָר אַז ער איז געקומען צו „דצ"ך עד"ש באח"ב", איז ער אַרויס פון די כלים. ער האָט נישט געוואָלט שפּרענגען פון כוס. די מוטער האָט'ן מיט טרערן קוים איינגעשטילט... ביי די „מכות" זאָגן האָט ער נאָך מער אויפגעפלאַמט... דעם ערשטן טאָג חוה"מ איז ער אוועקגעפאָרן אומגעזעגנט מיט'ן פאָטער. די מוטער האָט געוואָרט אויפ'ן הינטער דער שטאָט.

ער הייבט זיך אויף די שטיינערנע טרעפּלעך.

עס טוט אים באַנג.

נאָך וואָס האָט ער זיי געקרענקט?

דעמאָלט האָט ער געזאָגט: צוליב דעם אמת, איז דען פאַראַן אמת?

— מיר יונגע — טראַכט ער — דאַרפן ליידן, אונזער צער איז שעפעריש, ער טרייבט אונז צו נייער ארבעט, צום באַשאַפן נייע פאָרמען. דער צער פון אלטע איז אומפּרוכטבאַר און צעגיסט זיך אין אומזיסטיקע טרערן, אויב ער ווערט נישט פאַרשטיינערט אין האַרץ.

ער גייט דורך קראַשינסקים גאָרטן. די מילך־אַנשטאַלט איז לער. דורכן גאָרטן יאָגן זיך אַהיים פאַרשפּעטיקטע. ער קומט צו צום קליינעם בערגל, וואָס קוקט ארוים אויף די נאַלעווקעס. ער פילט זיך מיד, אַהיים־צוגיין איז נאָך פרי. זי וועט ערשט קומען אין א שטונדע ארום. ער זעצט זיך פאַרן בערגל אויף א באַנק.

אונטן איז דאָס בערגל גאָל, ווי ארומגעשיילט. העכער — גראָז און וואו־נישט־וואו דערנדלעך... אויף זיי וועלן שפּעטער קליינע בלומען וואַקסן... זאָל זיך מיר דאַכטן — אַ ביימל אָן דער זייט — אַ בוים — פיל ביימער — אין זייערע צווייגן קענען פייגל זינגען. זי האָט זייער ליב פייגל־געזאַנג. אַז זי הערט, זאָגט זי, פייגל־געזאַנג — אַ פּאָר מאָל האָט זי געניִיט אין דאָרף — קען זי זיך נישט איינהאַלטן פון טרערן... עפּעס די נשמה וויינט, און אַזוי זיס.

טיילמאָל רעדט זי עפּעס אַזוי וווּנדערלעך... ציפּט די נעגל פון די ווייסע, לאַנגע, פון דער נאָדל־צעשטאָכענע פינגער און די נאָך ווייסערע ציין, און האָט אַזוינע אויסדריקן... „נשמה־טרערן"... ווי קומט עס צו איר? זי איז אפשר אויך אַ פאַרבאָרגענע בת־מלכּה? די מוטער — די וועשן ביי דער באַליע — איז נישט קיין מוטער, נאָר אַ כּישוף־מאַכערן, וואָס היט זי, עס זאָל קיין פרעמדער בן־מלך נישט קומען און זי נישט אויפוועקן...

נאָר ער וועט עס זאָ־ווי־זאָ נישט זיין. ריין פון זינד מוז זיין דער בן־מלך...

אַ באָנע מיט פיר יינגלעך איילן זיך פאַרביי. די יינגלעך לויפן־צו צום בערגל. יינגלעך באַוואָפנטע מיט שווערדן און שפּיזן, „זיי שטייגן אויפן באַרג". די באָנע בייזערט זיך: עס איז צייט אַהיים. די עלטערן וועלן זיין אומרואיק. היינט איז יום־טובֿ... די קינדער הערן נישט און שטייגן. „צו דער בת־מלכּה".

„די פיר שילער פון דאָרפס־לערער"...
די זון גייט אונטער.
אין גאָרטן הערט זיך דער גרעגער. נאָך צייט.

ער מאַכט די אויגן צו און זעט, ווי די האַלץ־באַוואָפנטע שילער שטייגן אַרויף נאָך דער בת־מלכּה... אַ וואָלקן הענגט צווישן די „דער־גרייכער" און דער בת־מלכּה. זיי זעען זי נישט, נאָר זיי גלויבן אָן איר. זאָל ער זיי צולאָזן?

אָט רייסט זי דורך דעם וואָלקן, די מכשפה, און רייט זיי אַקעגן אויף אַ בעזעם.

זי כאַפּט איינעם אָן ביי דער האַנט.

— וווּ אַהין גייסטו, יינגעלע?

— צו דער בת־מלכה!

— וואָס האָסטו צו דער בת־מלכה?

— איך וויל זי וועקן!

— נאָך וואָס?

— איך וויל מיט איר חתונה האָבן!

— פאַר וואָס ווילסטו מיט איר חתונה האָבן?

— זי איז אַ גוטע — האָט דער לערער געזאָגט — אַ קלוגע און אַ זיסע. דער לערער ווייסט!

— אַוודאי! און דו, דאַכט זיך, האָסט ליב גוטע און זיסע זאַכן?

— געוויס האָב איך ליב! די מאַמע רופט מיך „נאַשער".

— אויב אַזוי, מיין קינד, נאָך וואָס זאָלסטו קריכן אומזיסט אויפן באַרג און מיד ווערן, דו ביסט דאָך אַן איידל קינד — —

— וואָס גייט עס דיך אָן?

— איך בין דאָך דיין מומע, נאַרעלע, קענסט מיך נישט? איך וועל דיר געבן סאַמע גוטע זאַכן.

און זי גיט אַ מאַך איר „האָקוס פּאָקוס" און דעם יינגל צופוסנס פאַלט ווי פון הימל אַראָפּ אַ קיישל מיט סאַמע גוטע און זיסע זאַכן: מאַנדלען אין די געלע העמדלעך, געפּרעסטע פייגן, שטרענגעלעך־ראָזשינקעס, רויט־פּלאָמענדיקע פּאָמעראַנצן, שאָקאָלאַדע און אַזוינע זאַכן, וואָס דאָס יינגל האָט אפילו נישט געוווּסט, ווי מען רופט זיי. און ער האָט אויסגעשריען פאַר פרייד און געלאָזט זיך אויף די קניען פאַרן זיסן קיישל.

יענע דריי זענען דערווייל ווייטער געגאַנגען. קומט זיי אַקעגן דער כישוף־מאַכער, אַן אַלטער מאַן מיט ווייסע ברעמען און אַ ווייסע באָרד, מיט אַ גרויסע בלאָע פּאָרברילן איבער די אויגן —

עס הערט זיך אַ סקריפּ פון גאָרטן־טויער. ער עפנט די אויגן, די באַנק מיט די קינדער זענען שוין פאַרשוווּנדן. ער לויפט געשווינד אַרויס. און אויף די כמעט לערע „גאַלעווקעס" וועבט זיך דאָס מעשהלע ווייטער.

דער אַלטער שטעלט איינעם פון די דריי אָפּ.

— וווּ אַהין, יינגעלע?

— די בת־מלכה וועקן. איך וויל מיט איר חתונה האָבן!

— נאָך וואָס?

— דער לערער לויבט זי; זי איז אַזוי קלוג.

— ווילסט פון איר קלוג ווערן?

— ווי דען? אַ מענטש דאַרף זיין קלוג. אז מען איז קלוג, האָט מען כבוד און געלט.

— אַזוי? נו אביסל קלוג ביסטו שוין, נאָר אויב דו ווילסט, וועסטו קלוג ווערן אָן דער בת־מלכה.

— ווי אַזוי?

גאַנץ איינפאַך, נאַ!

און דער אַלטער נעמט אַרויס פון בוזעם־טאַש און דערלאַנגט דעם שוין כמעט־קלוגן קינד אַ פיין ביכל, איינגעבונדן אין ווייסע לעדער מיט אַ גאָלדענעם שניט, אינעווייניק מיט בילדער.

— נאַ, זאָגט ער, זעץ דיך און לייען! וועסט דורכלעזן איין זייטל, וועסטו זיין קליגער פאַר טאַטע־מאַמע, צוויי — וועסטו קליגער ווערן פאַרן גאַנצן דאָרף, און קומסט אין דער מיט אַריין, וועסטו קלוג זיין, ווי דריי פּראָפעסאָרן!

דאָס יינגל כאַפּט דאָס ביכל און זעצט זיך לעזן.

יענע צוויי זענען דערווייל ווייטער געגאַנגען. פאַרשטעלט זיי די שלאַנג דעם וועג. איינער אַנטלויפט, דער צווייטער בלייבט אויפן אָרט פאַר שרעק.

זי גיט אים אָבער אַ גלעט איבער ס'מיילעכל און פרעגט'ן מיט אַ שלאַנגען־האַרציקער שטימע:

ווו אַהין, יינגעלע?

ער גייט צו דער בת־מלכה, ער וויל זי אויפוועקן און מיט איר חתונה האָבן, ווייל דער לערער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַזוי שיין!

— האָסט ליב „שיין״?

— אַוודאי!

— נו, קום מיט מיר. זעסטו, אין דער זייט שטייט אַ קריסטאָלענער פּאַלאַץ און אינעם קריסטאָלענעם פּאַלאַץ וווינען סאַמע טאָכלעך. סאַמע־טענע קליידער טראָגן זיי און ווייס־זיידענע פאַנטאָפעלעך... קירשן־רויטע ליפּעלעך האָבן זיי און בריליאַנטענע אייגעלעך... וועסט דיר אויסקלויבן וועלכע דו ווילסט, און עס איז גאָר נאָענט און אַ גלייכער וועג...

און ער גייט נאָך דער שלאַנג...

— אָבער מיטן פערטן וואָס טוט מען? לאָזן אים ד ע ר ג ר י י כ ן?

א שאָד! ער וועט זיין דער אומגליקלעכסטער... ער וועט אפילו נישט האָבן, וואָס עס זאָל אים באַנג טון, וואָס זיך פאַרצוואָרפן!

איר צוליב מוז ער עס דאָך טון...

ער וועט גיין, ער וועט אויפוועקן... און דערנאָך?

דערנאָך — א חופה... מוזיק, טענץ... א האָכצייטס־רייזע... א שפּאַציר אין הענגל־גערטנער אין דער לופט...

זי וועט די אויגן פאַרמאַכן פאַר גרוים נחת... שטאַרק גערירט וועט זי זיך לאָזן צוציען און ער וועט זי נעמען צו זיך אויף די קניען און וועט זיך וווּנדערן, נאָך וואָס ער טוט עס. זי וועט צוליינן אירע הייסע בעקלעך צו זיינע — ער וועט פילן איר ריינעם אָטעם און ער וועט זי קושן, און פאַרוואָרפן זיך: „שוויין". זי וועט דערווייל אויפשפּרינגען בלאַס, צעשראָקן, מיט א פאַרציטערט געוויין, און ער וועט זיך איר וואַרפן צו די פיס און איבערבעטן — אין האַרץ וועט ער זיך רופן „פּאַיאַץ" — און זי וועט זיך קוים לאָזן איבערבעטן און וועט שווין א לאַנגע צייט נישט קומען... ער באַקומט פון עמעצן א שטויס און גליטשט זיך שיר־נישט אוים אויפן נאַסן טראָטואַר.

אויף די טרעפּ איז פינצטערלעך. איין נאַפט־לעמפּל אויף צוויי שטאָק. קיין צינד־העלצלעך האָט ער ביי זיך נישט. זיין שכן גייט דעריבער מיט אַן עלעקטריש לעמפּל — דעם איז ער אָבער נישט מקנא: ער האָט א העסלעך ווייב. ווען ער גייט דורך פאַר זיין טיר, ציטערט ער, אז זי זאָל אים נישט אקעגן קומען. די גרעסטע זינד איז העסלעכקייט. און אז די באַלעבאָסטע איז מיאוס, איז די דינסט נאָך העסלעכער. ברר . . . פאַר איבל און קעלט צוזאַמען. ער האָט פאַרגעסן, אז די קאַמאַשן זענען צעריסן און איז געגאַנגען אויף דער נעץ. ביינאַכט וועט ער הוסטן און אפשר היץ באַקומען. דער דאָקטאָר וועט'ן ווייטער שרעקן מיט אַן אָפּצערונג. „מיין כפּרה" — זאָל זיין אַן אָפּצערונג, אבי עס זאָל עפּעס געשען.

ער בלייבט שטיין דערשראָקן:

אין טרעפּן־ווינקל באַווייזט זיך אים א בילד פון בלאַסן שיין געוועבט.

א סדר־טיש, — א שניי־ווייס טישטעך, — רויט־געמאָלטע כוסות — בלאַנקע טעלער — בליצנדיק, כאָטש אַלט, זילבערן געשיר, ליכט אין דריי פּאָר הויכע זילבערנע, אַלטע, דראָט־אַרבעטענע לייכטער... די מוטער

שטייט און בענטשט ליכט... פון הינטען זעט ער זי... אירע דאַרע אקסלען ציטערן... זי וויינט — אויף אים וויינט זי! ווו איז ער אצינד?

— „עס הייבט זיך שוין אָן" — ווערט ער בייז אויף זיך און שפּרינגט אַרויף עטלעכע טרעפּ מיט אַמאָל. און באַלד פאַרדריסט אים, וואָס ער איז אַנטלאָפן, די מוטער וואָלט זיך אויסגעדרייט צו אים... ווי זעט זי אצינד אויס? זי שרייבט, אַז זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט... פיר פּאָר שקאַרפּעט־קעס האָט זי אים לעצטנס געשיקט. „זע, האַלט וואַרעם די פיס"...

מיט אַ ציטעריקער האַנט עפנט ער זיין טיר.

— עט, — שאָקלט ער זיך אָפּ — אַ מענטש דאַרף זיין אַ מענטש.

מיט פעסטע טריט גייט ער אין צימער אַריין; מיט אַ פעסטער האַנט מאַכט ער ליכט. פאַר דער פּינקטלעכקייט האָט ער דאָך אַביסל אַנגסט. „ווי אָרעם" — באַטראַכט ער די שטוב. שפּינוועבס, פאַר דאָס (מיט אַ ביי־טערן שמייכל) אָן אַ צייכן פון חמץ. מאָרגן וועט שוין עמעץ פאַרבעטן... ער וועט זיך דרייען אַרום דער דייטשער שיל... אַ באַקאַנטער לערער...

ער זעצט זיך אויפן בעט. דאָס לעמפּל פּילירט אַביסל, ער וויל אויפ־שטיין און פאַריכטן, און פאַרגעסט זיך. נאָך וואָס האָט ער זיך אונטער־געהויבן? ער לאָזט זיך צוריק אַראָפּ. ציט איין די פיס. זיין בליק פאַלט אויפן שטיקל שפּיגעלע אויף דער וואַנט. ער נעמט עס אַראָפּ, שפּיגלט זיך.

— איך בין גאָרנישט אַזוי העסלעך, ווי זי זאָגט! שמייכלט ער, און הענגט דאָס שפּיגעלע צוריק אויף. אַביסל שוואַרץ, ווי אַ טאַטער, אָבער אויגן...

אויף זיינע אויגן איז ער שטאָלץ. זעלטן אַ פּרויענצימער זאָל אויס־האַלטן זיין בליק... ווערט ער מיט איינער אינטים, קושט זי אים די אויגן. ליפּן האָט ער צו פּלײשיקע... זיי קושן צו האַסטיק, זיי זענען צו געפּעפּער־לעך... נאָך אין דער היים —

דער געדאַנק רייסט זיך אָפּ: וואָס טוט זיך אצינד אין דער היים? דער טאַטע איז שוין געקומען?

ער הערט דעם טאַטנס „גוט־יום־טוב" — דער מאַמעס ענטפער. עס קלינגט נישט פריילעך. אומשטיינס געזאָגט, איין קינד, און עס איז נישט אין שטוב.

ער וויל איבערטראָגן די גערדאנקען אויף עפּעס אנדערש; עס נעמט נישט. דער „סדר" לאָזט זיך נישט אָפּרוקן. שוין דאָס פינפטע יאָר!

ער הייבט זיך אויף און גייט צו צום פענצטער. איבערן נאסן הויף שפּיגלען זיך ציטעריק די יום־טובדיקע פלעמלעך פון די פענצטער, פאַרשפּעטיקטע לויפן דורך. צו די פענצטער וויל ער די אויגן נישט אויפהייבן. ער מוז עס אָבער. לאַנגזאַם הייבט ער זיי אויף. אויפן וועג אין דער לופט בלייבן זיי שטאַר. ווייטער א בילד:

א סדר־טיש — קריסטאָלן און גאָלדן געשיר — איז עס איין פאַמיליע? ניין. עס מוז זיין א פאַרזאַמלונג פון אייניקע פאַמיליען. מאָדנע געקליידטע פרויען — א זייער אַלטע טראַכט! מענער אין ווייסע, ברייט־געשטיקטע קרעגן אונטער די קיטלען... גאָלדענע עטרות... גאָלדענע יאַרמולקעס — ביי וואָס האַלט מען? א שטילער רעציטאַטיוו...

פלוצלינג, מען קלאַפּט פון דרויסן.

פאַרציטערט ווערן די מענער, די פרויען — פאַרגליווערט פאַר שרעק. א יונג מיידל פאַלט ארונטער אין אָנמאַכט — א יונגע פרוי פאַלט מיט א פאַרשטיקט געוויין דעם מאַן אויפן האַלדז... וואָס קאָן עס זיין?

— עפנט אין נאָמען פון געזעץ! שרייט מען פון דרויסן.

א בילבול־דם! געוויים!

— געשווינד, זוכט אונטערן טיש! — רופט דער עלטסטער. מען בייגט זיך ארונטער — א שרעק — א קליין טויט קינד! אַלע ווערן פאַרשטאַרט.

די טיר פון פאָדער־הויז פּלאַצט.

און דער עלטסטער שטייט אויף און קאָמאַנדעוועט האסטיק מיט א פאַרשטיקטער נאָר פעסטער שטימע:

— נעמט און צעשניידט.

עס געשעעט. — די טיר פון פאָדער־הויז איז אויפגעבראָכן אין גאַנצן. שווערע טריט — וואָפן־געקלאַנג.

— נעמט יעדערער אויף זיין טעלער א שטיק.

מעי טוט אזוי. מען קלאַפּט שוין אין צימער־טיר.

— עסט!

דאָס טויטע קינד איז אויפגעגעסן. די טיר אויפגעבראָכן — פּאָלי־

צוויי און מיליטער — מען זוכט — אומזיסט — זיי גייען פאַרדראָסן אַרויס, און אַ ווילד צאַרניק געשריי הערט זיך פון אַלע אין שטוב:

— שפוך חמתך על הגוים, אשר לא ידעוך...

עס הייבט אָן טריפן א רעגנדל. דאָס בילד צעשווימט.

— נישט פאר מיר — טראַכט ער — עס דאַרף אַ שטאַרקערע פעדער.

ער ציט זיך בעסער אויס אויפן בעט און מאַכט די אויגן צו.

— פאַרלאָרן די קראַפט... געשניגלט שטימונגען...

פאַראַן דאָך לייכטערע בילדער:

דער סדר ביים בעל־שם... ניין, נישט ביים בעל־שם. דער סדר ביי א ייד א גביר, צו וועלכן דער בעל־שם איז פלוצלינג געקומען צו גאַסט. דער גביר איז א מתנגד געוועזן, און דער בעל־שם האָט זיך צו אים קוים איינגעבעטן צום סדר. אין בית־המדרש נאָכן דאַווענען איז עס געוועזן.

— איך וועל אייך צונויף קומען... — האָט ער געזאָגט.

און דער גביר האָט געפרעגט דעם רב, צי מעג מען א חסיד צורופן צום סדר... מצרף זיין צום בענטשן... דער רב האָט נישט געהייסן מבייש זיין.

און דער בעל־שם זיצט ביים סדר... אַריבער מה נשתנה — עבדים היינו — פלוצלינג הייסט דער בעל־שם ברענגען נאָך אַן הגדה, מיט א קיטל, מיט א גאַרטעלע און אַ יאַרמולקע. לאַכט מען. גיט ער אַ רוף: איך הייס! פריער האָט ער זיך קוים איינגעבעטן, און אַצינד הייסט ער! דער גביר קוקט — דעם בעל־שמס אויגן פלאַמען, קריגט ער פלוצלינג פחד, ברענגט מען, און מען לייגט פאַרן בעל־שם, וואָס ער האָט געהייסן. גיט דער בעל־שם א קאַפּ מיטן פוס אונטערן טיש און גיט א זאָג: יאַנטעק, שטיי אויף! און פון אונטערן טיש הייבט זיך אויף און קריכט אַפּער אַ בלאַסער שייגעץ, אָן א טראָפּן בלוט אין צורה, א בר־מנן מיט פאַרמאַכטע אויגן — און ביים האַלדז — א שניט! אַלע שטאַרן פאַר שרעק.

— יאַנטעק, עפן די אויגן אויף!

יאַנטעק טוט עס.

— יאַנטעק, טוט אָן דעם קיטל, גאַרטל דיך אַרום, נעם די יאַרמולקע אויפן קאָפּ!

יאַנטעק פאָלגט.

— דערלאַנגט אים אַ שטול. — יאַנטעק, זעץ זיך!

יאַנטעק זעצט זיך אין קיטל און אין דער יאַרמולקע.

— עפן די הגדה און זאָג!.. עולם, זאָגט!

און דער עולם ציטערט און זאָגט, און יאַנטעק זאָגט מיט...

און פּלוצלינג ווערט אויפגעבראָכן די טיר — מען איז געקומען גע־פינען דעם אונטערגעוואָרפענעם פּגר... זוך היינט, זוך מאָרגן, מען גייט אוועק פאַרשעמט...

און דער בעל־שם ווענדט זיך דערנאָך צום אויפגעלעבטן מת:

— יאַנטעק, מאַך צוריק די אויגן צו און גיי אויפן בית־הקברות און באַגראָב זיך אַליין. נאָר ווייל דו האָסט זוכה געווען צו גיין אין אַ קיטל און צו זאָגן אַ יידיש וואָרט, באַגראָב זיך אויפן יידישן בית־עלמין... און אז דו וועסט טרעפן אברהם אבינו, זאָג אים — — —

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר.

— אריין.

— אַ מעשהלע פאַראַן?

— אַלערליי, אַלערליי...

ל״ג בעומר

א יום־טוב פאַר קינדער!

וואָס אייגנטלעך ל״ג־בעומר איז, אסור אויב איך ווייס! אין חדר, געדענק איך, פלעגט דער רבי צו דערציילן פון א מגיפה צווישן רבי עקיבאס 24.000 תלמידים... אויך פון „הלולא דר׳ שמעון בן יוחאי״ און פון בוימל גיסן אויף זיין קבר! נאָר איך האָב ווייניק וואָס געהערט; מיר איז עפּעס אַנדערש געלעגן אין קאָפּ: עס זענען שוין אריבער די טרויעריקע ספירה־טעג, ל״ג־בעומר הייבט מען זיך אָן באָדן, און דאָס וואסער דאַרף אַ מענטש, מוז מען עס אָפּנאַרן מיט א קאץ!

„נער הייתי וגם זקנתי״ און אַצינד זעט מיר דאָס אלעס אוים אזוי פּראָסט, אזוי נאַטירלעך! מגיפות האָבן פּארצייטן אויך נישט געפעלט, עס זענען נאָר אַנדערע קמיעות, אַנדערע רפואות און אַנדערע דאָקטוירים געווען! אַז עס איז אַ מגיפה געווען, און זי האָט ל״ג־בעומר אויפגעהערט — איז אויך ריכטיק, יעדע מגיפה מוז אַמאָל אויפהערן; אַנטיסעמיטיזם, פּאַנאַטיזם, ספּיריטיזם זענען אויך מגיפות און וועלן אויך אמאָל אויפהערן... און יענע מגיפה האָט נישט געקאָנט וויסן, אַז עס איז ל״ג־בעומר, זי זאָל, גאָט ווייס ווען צו להכעים, דווקא אויפהערן אַ טאָג פריער אָדער שפּעטער! און ר׳ עקיבא, אויב ער האָט געהאט אזוינע ענגע, דושנע און ברודיקע חדרים, ווי אונזערע קינדער האָבן היינט, איז לייכט צו פארשטיין, פאר וואָס די מגיפה האָט זיך אין זיינע תלמידים געהאלטן!

הלולא דר׳ שמעון בן יוחאי איז אויך צו דערליידן. „הלולא״ איז אייגנטלעך א חתונה און דאָ מיינט מען גאָר א יאָר־צייט, נאָר עס מאכט נישט אוים. סאַפיר זאָגט, אַז איבער דעם האָט א חופּה פיר שטאַנגען, ווייל זי איז מערסטנטיילס א טאָפּלטע מטה! און מרדכי חב״ד זאָגט, אז דעריבער באַדעקט מען די כלה, זי זאָל נישט זען ווי מען קוילעט זי. אַז די, וואָס ווילן נישט קיין אילומינאַציע אויף די חשמונאימס נצחון קעגן די

גריכן, נאָר דווקא הייליקע חנוכה־ליכט לזכר פון נס, אַז פון איין פּאַרציע בוימל האָט זיך אויסגעמאָסטן אכט, כאָטש דאָס מאכט היינט אַ ליאַדע סוחרטע, אַז די לייט, וואָס האָבן ליב און לעבן פון נסים אויף דער מאָס און וואָג, גיסן בוימל דווקא אויף ר׳ שמעון בן יוחאים קבר, איז אויך נישט חוץ לדרך הטבע; זיי גלויבן פעסט, אַז ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געמאַכט דעם זוהר, דער זוהר — די קבלה, די קבלה — חסידים, און אונ־דזערע חסידימלעך (און דאָס איז טאַקע אמת) האָבן מתקן געווען נאָסן און דאָך ברענענדיקן תקון, וואָס מאכט דעם גאָרגל פייכט, דאָס לעבן זיס און דעם קאָפּ אַזוי לויטער... ממש ווי זוהר־לשון!

עס איז מיר אפילו היינט קיין ווונדער נישט, אַז וואָסער לאָזט זיך אָפּנאַרן און נעמט צו אַ קאַץ פּאַר אַ מענטש! טוען מיר דען אנדערש? גייט ארום אויפן הייליקן אָרט, עפּנט אויף דאָרט די קברים, אויב איר וועט נישט געפינען 90 פּראָצענט קעץ! עפּנט אַ בלאָט געשיכטע און באַ־טראַכט גוט, וועט איר זען, אַז מ׳רעדט מכלומרשט פון מענטשן און פון צווישן די שורות קוקן ארויס פרומע קעציקע בלאָע אייגעלעך, אַז עס איז אַ מחיה! עס טרעפט זיך, אַז בערן פירן דאָס רעדל, ביינער קנאַקן אונ־טער די ציין, בלוט פליסט פון פּיסק אַראָפּ ארום די לאַפּעס... עס טרעפט, אַז פוקסן כאַפּן די לייצן אין די הענט אריין און פאַרפאָרן גלייך צו דער הינער־שטאַל, און פעדערן פליען עד לב השמים, נאָר על־פּי־רוב — דרייט אונדז דעם שטריק ארום דעם האַלדז אַ פּראָסטע ווייסע אָדער שוואַרצע, נאָר — זכרונה לברכה — אַ קאַץ! ...

איך וואָלט אַ סך גערעדט פון טויטע קעץ, איך זאָל קיין מורא נישט האָבן פאַר די לעבעדיקע... אָך, זיי דראַפּען און — ערגער נאָך — זיי מסרן!

נאָר ווי עס איז, פון וואַנען ל״ג־בעומר קומט ארויס, זאָל זיין פון דער קאַץ אַליין, אַבי צום לעבן! אַבי אונדזערע אָרעמע קינדער כאַפּן זיך כאָטש איינמאָל אין יאָר ארויס פון תפיסה, פון פינצטערן חדר. דער „סמאָטריטעל״ אַליין — דער בייזער מלמד, עפּנט אַליין אויף די טיר און פירט זיי אין וועלדל אריין! אָ, לאַכט נישט אויס איין טאָג אין פרישן, פרייען וואַלד!

דאָס קינד גיט זיך קיין רעכנשאַפט דערפון נישט אָפּ, נאָר עס דער־פילט פּאַרט, אַז אין חדר איז ד אָ ך נישט ווי עס דאַרף צו זיין! דער הימל איז דאָ נישט אַזוי קליין, נישט אַזאַ שמאַטקעלע, ווי צווישן דעם

רבינס פענצטער מיטן שכנס דאך! די סאָסנע שיסט גלייך ארויף צום הימל, נישט געקרימט, נישט געבויגן, גלייך, אָן קונצן, אָן פּשטלעך, נישט פאַר־קניפּט און נישט פארבונדן!

דאָס קינד קלערט זיך: ד אָ וווינט גאָט, און ד אָ ר ט — דער רבי... פרישע לופט, פרייער אָטעם, געזאַנג פון פייגל, גערויש פון בלע־טער, פארשידנפארביקע בלומען, גאָלדענע און זילבערנע זומער־פייגעלעך — זענען גאָטס, און די בלאָטע, דאָס מושב, דאָס ענגעניש, דער ברוד און די געדרייטע, פארקניפּטע, פארכישופטע פּשטלעך — זענען טאקע דעם רבינס!

עס לאָזט מיך נישט שרייבן, אזא גערודער ווערט אין גאַס! איך לויף צו צום פענצטער!

די נאַלעווקעס רוישן ווי א ים, די פראַנציסקאַנער זשומט און יאָגט, און פון דעם מבול מענטשן שווימט אלע מאָל ארויס א נייער אָמניבוס, אָנגעפּאקט פול און פול מיט קינדער! אָך! ווי זיי זעען אויס, די קינדער!

בלאַסע, גרינע, געלע און איינגעריסטע פּנימלעך... זאָלטן א געזונט בעקעלע, זאָלטן א פריש פּנימל! נאָר אלע זענען רירעווודיס, אומגעדולדיק, און אלע אייגעלעך ברענען ווי די ליכט!

פאָרט, קינדערלעך, פאָרט. איך ווינטש אייך...

נאָר ניין, נישט אלע ווינטש איך! נישט א ל ע ! זאָגט מיר, קינ־דערלעך, פריער, וואָס פון אייך וועט ארויס, וועל איך אייך זאָגן, וואָס איך ווינטש אייך! אָט ווייזט מיר נאָר, ווער פון אייך וועט האנדלען מיט ווערמאָנטס סחורה, אָדער גלאָט אזוי — מיט פרעמדן שוויים און בלוט; ווער עס וועט בויען זיין הויז אויף יענעמס חורבה; ווער עס וועט אויס־וואקסן ווי א צווייגל פון אן אנדערנס מצבה — אָ! זאָגט מיר ווער, דעם וועל איך אָן רחמנות ארויסשלעפּן פון דער בויד און ווארפן אונטער די רעדער!

נאָר זאָגט מיר אויך, ווער פון אייך וועט ארויסוואקסן אן ערלעכער ארבעטער, וואָס וועט לעבן פון אייגן שוויים און בלוט; זאָגט מיר, ווער פון אייך וועט לעבן אויף זיין אייגענעם חשבון, נישט זיין קיין לויז אויף א פרעמדן קאָפּ, נישט אריינשטעקן ווי א וואָרעם די זויג־נעפּ אין א פרעמדן מאָגן — זאָגט מיר ווער, און דעם וועל איך געבן עטלעכע גוטע, פיינע ביכלעך צו לעזן, וואָס וועלן אים זיכער צונויץ קומען!

זאָגט מיר אויך, ווער פון אייך וועט זיך מאַכן פון דער תורה א סחורה, און וועט זי פאַרקויפן אויפן קווינט און אויפן לויט, אויפן גלעזל, ווי בראָנפן אין שענק... ווער פון אייך וועט מאַכן מאַנאָפּאָלן אויף כשרן וויין, האַנדלען מיט הכשרים אויף מעל, ארײַנשטעקן דאָס גאַנצע יידישקייט אין אַ חליצה־שוך, אָדער צומאַכן נאָך דאָס קלענסטע חומראָ׳לע, צוווארפן נאָך איין דראָבנע שטויבעלע צו דער גלות־טאַטשקע — זאָגט מיר ווער, וועל איך אים ארויסשלעפּן אָן רחמנות פון בויד און ווארפן די פערד אונטער די פיס, ווייל נאָר פערדס פּאַדקאָוועס קאָנען ארויסשלאָגן א פונק פון אזוינע פינצטערע קערפּער!

נאָר זאָגט מיר אויך — ווער פון אייך וועט ארויסוואַקסן א מענטש מיט א שטאָלצן שטערן, פרייע אויגן, א קלאָרן מוח און א ברייט, אָפן הארץ... אָ, זאָגט מיר, ווער פון אייך וועט זען ווייטער אַלס אײַן מי־נוט, און וועלכער עס פאַרזינקט דאָס גראָבע עם־ארצישע לעבן; וועמענס בליק וועט זען ווייטער ווי די דלת אמות, וואָס דער פּרוש האָט פאַרן נארישן אינדיק ארומגעקרייט — אָ, זאָגט מיר ווער, וועל איך אים אראָפּנעמען פון בויד, אויסקושן יעדעס אבר און מיטנעמען מיט מיר אין וואלד אריין...

דאָרט, אין פרישן, גרינעם וואלד, וועלן מיר זיך זעצן אונטער אן אלטן, קלוגן בוים מיט ווייט־פאַרשפּרייטע צווייגן, מיט מיליאָנען פרישע, גרינע בלעטער, וואָס זאָגן־צו מיליאָנען פרישע, נאָר נייע בליטען... דאָרט וועלן מיר זיך זעצן, דאָרט... אינעם שטילן אָרט, ווו מען הערט נישט די עם־ארצים שרייען, די אָקסן בלעקן און די הינט בילן... דאָרט וועל איך אים פאַרטייטשן, וואָס פרילינג באַטייט, וואָס פריש לעבן הייסט; איך וועל אים דערציילן, וואָס עס סודען זיך די בלעטער, וואָס עס רוישט דאָס יאָגענדיקע וואסער און וואָס עס בלאָזט אין די אויערן אריין דער פרישער ווינט...

אָך! איך וועל אים נאָך א פּאָר שיינע מעשהלעך פאַרציילן און שענקען — עס איז דאָך ל״ג־בעומר — אָן אמתן, גוטן פייל־און־בויגן...

צום עולם התוהו

פון דער פּראָווינץ פליט א קנויל פון נשמות אין הימל אריין.

עס זענען פ ר י ש ע נשמהלעך, ערשט נעכטן, אסרו־חג־שבועות, פון „געפענגעניש" ארויס...

צום הימל איז ווייט, און אויבוואָל זיי האָבן פליגל ווי מלאכים, און טראָגן שוין נישט די לאסט פון אומגעלומפּערטן קערפּער, קאָנען זיי דאָך די טויערן פון הימל מיט איינמאָל נישט דערגרייכן.

עס קומט דערפון, וואָס די געוווינהייט איז די צווייטע נאַטור. און אונדזערע נשמות האָבן אין זיך נאָך פיל געוווינהייטן פון יענער וועלט, ווו „מנוחה" האָט געהייסן „גליק", ווו גיין מיט אמאָל און ווייט האָט מען נישט געקאָנט און נישט געטאָרט; ווו מען פלעגט זאָגן: „פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס", „פון נישט גיין און נישט פאָרן האָט מען קיין חרטה נישט" און — „שטילער פאָרן, ווייטער קומען!"... פאַראַן, זאָגט מען, אַדלער, וואָס שיסן גלייך און מיט אמאָל ארויף צו דער זון. זענען זיי אָבער, ערשטנס, מ ע נ ט ש ן , נישט קיין אַדלער געווען, און אפילו אן אַדלער פליט אויך נישט מיט אמאָל און גאַרנישט צו דער זון, מאלע וואָס מען פאַרציילט...

נאָר לאָמיר צוריקגיין צו דער זאַך.

ביים ערשטן בעסטן וואָלקן האָט זיך דער „קנויל" אָפּגעשטעלט.

— האָט נישט ווער אביסל בראָנפן? — פאַרגעסט א נשמה, ווו זי האַלט אין דער וועלט.

— אוּף! — סאפּעט אָפּ די צווייטע; אויבוואָל דער טייל, וואָס קאָן און דאַרף מיד ווערן, ווערט דאָרט אונטן אויף א מטה צוגעטראָגן צום אָפענעם קבר.

— ווי די זון ברענט און בלענט! — קלאָגט זיך א דריטע, אויך אויס לויטער געוווינהייט, פאַרגעסנדיק, אז זי ליגט שוין נישט אינעם פינצטערן „עפר ואפר"־שטיבעלע, קוקט שוין נישט ארויס דורך צוויי קאַרגע

שפּאַלטן מיט ברעמען פאַרשטעלט, אַז די זון מיט איר גאַנצן פייער קאָן איר די אויגן, וואָס זי האָט נישט, נישט אויסברענען.

איינע וויל הערן עפּעס נייעס; אַן אַנדערע וואָלט גערן געוווּסט, ווי האַלט מיט קאָרן אָדער מיט פּאָליטיק.

— אינטערעסאַנט צו וויסן, — זאָגט עמעץ, — צי איז ס א נ י ן ווירקלעך א טאַלאַנט —

אין דער רגע איז אָבער דורכגעפלויגן א ליכטיקער מלאך.

זיינע זילבערנע פליגל רווישן אין דער לופט שטיל און זיס. דער אָפּגלאַנץ פון זיינע אויגן זיימט די לייכטע אַלבאַסטער-נעפּל מיט גאָלד און שאַפיר. באַגריסט פון די שטערן, שמייכלט ער זיי צו, און פון שמייכל צעפליסן זיך נייע שטרייפן ליכט איבערן הימל.

ער דערהערט פון וואָס נשמות רעדן, און אויף זיין ליכטיק-הייליק פּנים לייגט זיך א שאָטן פון טרויער אויס... פון די ליכטיקע אויגן פאַלט א טרער פון רחמנות. אונטן ערגעץ וועט זי פאַלן אויף א לעבעדיקע נשמה, און זי וועט שוין אין בענקשאַפט פאַרגיין...

ער גיט א מאַך מיט א פליגל! „מיט וואָס דער טאַפּ האָט זיך אָנגע־קאָכט!...” הייסט עס, און פליט ווייטער זיין וועגס.

די פאַרשעמטע נשמות לאָזן אַראָפּ די קעפּלעך.

— פון וואָס דען רעדט מען? — קלערן זיי טרויעריק, נישט אָנהייבנ־דיק צו באַמערקן, אַז זיי פליען שוין לאַנג נישט פריי אויף א יי ג ע נ ע פליגל... נאָר דער וואָלקן, וואָס ווערט נאָכן מלאכס אוועקפליען אַלץ טונ־קעלער און טונקעלער, טראָגט זיי ערגעץ אַוועק אין א זייט.

פון וואָס רעדט מען דאָ?

אויף יענער וועלט איז געווען אַזוי פיל צו רעדן! עס זענען אַזוי פיל פראַגן געווען, אַז דער מענטש, האָט זיך נישט געטרויט אויף אַלע זיך אַליין צו ענטפערן. זיך האָט ער נאָר איבערגעלאָזט די „שאלת-פּרנסה”, דאָס פאַרזאָרגן דעם מאָגן; מיט אַנדערע האָט ער זיך געווענדעט צו וועמען עס איז... צו אַלטע ספרים, אַלטע קברים, רביים, טאַטערס, כישוף־מאַכער, גורל־וואַרפער... און דעריבער, אויסער ברויט, קרויט, און א שטיקל פלייש און פיש, האָט ער אויף אַלעם געקוקט מיט פ ר ע מ ד ע אויגן, געהערט מיט פ ר ע מ ד ע אויערן... און דאָך איז דאָס מויל קיין רגע נישט גע־

שטאנען, עס האָט שטענדיק געמאָלן, און דאָס געהירן איז שטענדיק פול געווען. און דאָ... אויפן וואָלקן, פילן זיי זיך אַזוי לעער...

פון דער ווייטנס פליט די קויל, אויף וועלכער זיי האָבן געלעבט. איינגעהילט אין א שווארצן וואָלקן פליט זי. אונטער דעם וואָלקן זענען געבליבן זייערע געדאנקען, זייערע פראגן, זייערע אינטערעסן צו רעדן. און זיי איז געבליבן נאָר א שוואכער אָפּגלאַנץ פון ברויט מיט קרויט... איז אָבער דאָס דעם מלאך נישט געפעלן.

— מען וואָלט גענדארפט רעדן פון גוטע זאכן, — מיינט א נשמה.

— פון פרומע! — פארבעסערט א צווייטע.

— כאָטש א וואָרט תורה! — ראָט א דריטע.

די צונג אָבער לייגט זיך נישט.

דאָ אויפן וואָלקן, אין דער הייך, האָט אלץ גאָר אן אנדער פנים. עמעץ דערמאָנט זיך פון עפּעס „גוטס" פון דאָרט, שטעלט זיך אים פאר די אויגן א שענער עפּעל, געררייטלט ווי א פארשעמטע בתולה, מיט א גרינעם וואָרעם, וואָס קוקט פון עפּל ארויס. דאָס שלעכטע פון דאָרט זעט אויך גאנץ אנדערש אויס... ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ריצן, די זאך איז נישט שיין, מיאוס, אָבער פון די ריצן שטראַלט עפּעס ארויס... מערסטנטייל שטראַלט עפּעס ארויס... האָט מען מורא דערפון צו רעדן...

און פרומקייט? ווער ווייסט, וועלכער נוסח עס איז נוהג אין הימל: ספרד צי אשכנז, אָדער אפשר זענען גערעכט גאָר די דייטשן און די נאציאָנאליסטן? נאָך וואָס „באליידיקן די געפילן" — ווענן פרנסה גייט עס, וואָס?

עס רעדט זיך אַפילו קיין תורה נישט.

די „בני־תורה" צווישן די נשמות זענען געוווינט צו נעפּלדיקע שלש־סעודות־תורה, באַגלייט מיט לאַנג־געצויגענע, מאָנאָטאָנע מעלאָדיען, און צווישן „אנשי שלומנו", נאָך א קאָפּ און נאָך א קאָפּ... גיי זאָג אויפן וואָלקן א גמטריא, פליט פאַרביי א ליטווישער מלמד און רעכנט נאָך!

— אַ, — דערמאָנט זיך פּלוצלינג א נשמה: — שבועות! — האָט איר אייך געפרייט מיט קבלת התורה?

עטלעכע רוקן זיך אָפּ אין א זייט — זיי זענען דאָרט „קאַזיאָנע"

רבנים געווען! זיי מאכן זיך א באזונדער רעדל און רעדן, און פרעגן זיך: וואָס מען וועט זאָגן אויף יענער וועלט אויף דער טאקסע פאר נפטרים ונולדים?

דער גרעסערער קראַנץ נשמות האָט זיך טאקע אָנגעכאַפּט אָן שבועות, אָן דער שאלה: ווער און ווי אזוי עס האָט זיך געפרייט מיט קבלת התורה.

— „אָביאזאטעלנאַ”, — שפּרינגט ארויס א ליטווישער בעל־טאקסע, — געפרייט זיך, ווי דען! איך וואָלט שוין לייט געווען אָנעם תורהלע! עס וואָלט אפילו קיין „סוויעטשנאַי סבאָר” נישט געווען! „נאַקאַנוניע” אסרו־חג האָב איך „וו'ציעסט” דעם תורהלע א „וועטשער” געמאכט, א קאַקזשע, מיין דאָריטשקע האָט געשפּילט, „זינקא סדיעלאַלא פּוראָר” — די וועלט אָפּגענומען! מאַיסעי אַנדרעיעוויטש איז פון דער „שקורא” גע־שפּרונגען. ער וואָלט זיך „אָביאסניאיעט”, נאָר ביים „אוזשין” האָב איך איינגעשלונגען א ביין, און אָט — בין איך דאָ!

— און איך — רופט זיך אָן א מלוה — האָב מיך נוהג געווען, ווי אבות־אבותינו. שאוועך, תקון שבועות מיט פּוטער־געבעקס — מער דאַרף מען נישט! גאָט וויל נישט מער! מיטן תורהלע האָב איך מיך אוודאי געפרייט. „לנכרי תשיך”, מיט היתר עסקא אונטערגעשלאָגן, — מיין פּרנסה! האָט אָבער מיין ביילא־גיטל, וואָס איך האָב איר א סאמע־טענעם מאנטל אין מיין אייגענעם לאָמבארד געקויפט, פאר גרוים פרייד אָפּגעבאַקן צו פיל, צו פיל גוטע זאַכן און — „איידער גאָטס גאָב זאָל קאליע ווערן — —”

— האָט דיך דאָס פּוטער־געבעקס ארויסגעשיקט! — פאַלט אים א רביל אין די רייד אריין. און אן אמת רביל, מען פילט פונעם מקוה־וואַסער!

— געפרייט זיך מיט קבלת התורה — פארציילט ער — האָב איך! אביסל — זאָגט ער — שפּירט אויף פּאַמעראַנצן־שאָלן — האָט די רביצין אָנגעגאָסן; באַלעבאַטים האָבן אויך געשיקט — דער א פלאַש וויין, יענער — א לעקעך, א חתיכהלע טאָרט... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? טעם גן־עדן! טאקע א שמחה געווען! ווירקלעך זיך מיטן תורהלע געפרייט... וואָרום — וואָס וואָלט איך אָנעם תורהלע געטון? א „לא יצלח”, א גולם, וואָס? איין פוס נאָך א לענגערער, א הייטל אויף אן אויג און, רחמנא ליצלן, נישט פאר אייך געדאַכט...

אין אָנהויב האָט דאָס רבנות נישט געטראָגן... מיט דער צייט — מאכן זיך הכשרים. יין־קדוש צאָלט, פּ ס ח ד י ק ע ר בראָנפן צי וויין — אן אוצר! קצבים צאָלן, ווי דען! און אז א חברה סטודענטן ווילן מתיר זיין שמטה אין ארץ ישראל — א פינף־און־צוואנציקער! ווי דען! דער חליצה־שוך וועט אויך זיין א געשעפט; מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן דערפון!

— געשטאָרבן בין איך, — גיט צו דאָס רביל, — איך וויים אליין נישט אויף וואָס; עפּעס פּלוצלינג... אז מען האָט מיך „אראָפּגענומען", האָט מען געזאָגט, אז דאָס הארץ האָט מיר געפּלאצט, ווייל אפּיקורסים ווילן מבטל זיין חליצה... זאָל זיין אזוי! ליגנט איז עס — ווער הערט זיי?

— און איך — פאלט אריין א מלמד — האָב מיך אויך געפּרייט; איך האָב דאָך יאָ פּרנסה פון תורהלע...

— בטלן! — האַקט איבער אן אנדערע נשמה. און, ווענדנדיק זיך צום רביל, מאכט זי:

— איר דערקענט מיך נישט? דאָס האָב איך דאָך אייך דעם פינף־און־צוואנציקער דערלאנגט!

און צום „עולם" געווענדעט:

— קיינער קען מיך נישט?

— איך געדענק נישט, — מאכט דער רב. — האָסט געמוזט אנ־דערש אויסזען...

— אביסל פרומער, — ענטפערט די נשמה. — מיר האָבן זיך אזוי אָפּגעשמועסט...

—נו, שלום עליכם! — מאכט דער רב, און באמערקט ערשט, אז ער האָט קיין האנט נישט צו דערלאנגען.

— עליכם שלום! א ווונדערלעכע זאך, דאָרט האָבן מיר זיך דאָך אלע געקענט!

— איך היים — אך! — כאַפּט ער זיך צוריק — איך האָב גאָר פארגעסן, אז איך האָב מיין נאָמען דעם עפּר־ואפר — דעם גולם פארן מלאך דומה איבערגעלאָזט... און האָב פארגעסן, ווי איך היים. גאָר „קאָכער־לעפל" האָט מען מיך גערופן; אנדערע, פאר קנאה, האָבן מיך „טעלער־לעקער" גערופן, נאָר ווער מאכט זיך דערפון!

אָבער א שבועות האָבן מיר געמאכט — נאָר אויפן גרויסן אופן!

פארשטייט איר, מיר אליין זענען נישט־גלייביקע... אמאל האבן מיר געזוינגן דעם דגל־מחנה־יהודה קיין מזרח... און אלץ ווייטער און ווייטער אין מזרח... אבער, אז דער ווינט האט זיך איבערגעדרייט, האבן מיר זיך אויך איבערגעדרייט, און געבלאזן: צוריק! איך פלעג זיך אנעמען פול מיט לופט און ארבעטן ווי א מיעך!... פארן המון האבן מיר א שבועות געמאכט! דעם המון מוז מען האלטן... א נישט... איר פארשטייט שוין, אז אזוינע גראבע יונגען...

— געוואלט! — הערט זיך פלוצלינג א געשריי פון צווייטן קרענצל — געוואלט! מיר זענען דאך א ו נ ט ע ר דער ערד!

— פון וואנען ווייסטו?

— וואס הייסט? איך קאן נישט קיין געאגראפיע? איך בין דאך עפעם ארוים פון צ וו יי ט ן קלאס! — ענטפערט א „קאזיאנני".

— את, את האט איר די ערד פון אויבן! — האט נאך א רב א משכיל געוויזן מיט א שפיץ פון א נשמה־פליגל!

און אלע דערזען, ווי די ערד פליט איבער זיי, און דער וואלקן נעמט זיך אלץ טיפער און נידריקער און — עפעם גאר אין א זייט...

מאנכע רייסן זיך אפ פון וואלקן און שיסן ארויף אין דער הייך: זיי ווילן די ערד דעריאגן און א י ב ע ר איר צום הימל דערגרייכן. אנדערע לאכן זיך אויס: „אויף אייגענע פליגל פארלאזן!" „זיצסט אויף א וואלקן, צאלסט נישט קיין פור אדער באן־געלט, פאר!"

אבער אויך די נשמות, וואס זענען ארויסגעפלויגן, האבן זיך באלד צוריק אראפגעלאזט.

— א שרעק, — פארציילן זיי, — ווי ווייט יענע וועלט איז פון אונדז אפגעפלויגן, און גאר אין א זייט... מיר וועלן זי שוין נישט דעריאגן!

זיי דערציילן נאך, אז נענטער זעט אצינד די ערד גאר אנדערש אויס; זי איז עפעם רויטלעך און גאלדן־ליכטיק.

זיי פארמישן זיך צוריק אינעם קרענצל, רעדן פון יענער וועלט, און באמערקן נישט, אז עס ווערט וואס אמאל נעפלדיקער, פינצטערער, אויפן וואלקן לעשן זיך די גאלדענע רענדער, די זון ווערט ערגעץ פארפאלן און קיין לבנה און קיין שטערן באוויזן זיך נישט... וואס אמאל לייגן זיך דיקערע און געדיכטערע שאטן, און וואס טונקעלער עס ווערט דער וואלקן,

העלער און ליכטיקער ווערט די קויל — די ערד, און זי פליט וואָס אמאָל העכער און ווייטער, און ערגעץ אין א זייט...

עס ווערט אומרואיק אין קרענצל.

— וואָס טוט מען? וווהין פליען מיר?

— „בידך אפקיד רוחי"! — לייענט קריאת־שמע דאָס רביל און הייבט אָן שנאָרכען.

אנדערע באַמערקן עס:

— אזוי! מען קאָן דאָ אויך שלאָפן! מהיכי תיתא!

און לוסטיק, לעבעדיק צוליגן זיי זיך אויפן וואָלקן־רוקן און שלאָפן איין.

די ערד ווערט אַלץ ליכטיקער און יאָגט זיך אַלץ העכער און ווייטער אויף איר וועג, און די שנאָרכנדיקע נשמות פליען אויפן שווארצן וואָלקן — צום עולם התוהו. —

די פאַרשטויסענע

א גאנצן מאי — רעגן און קעלט.
עס האָט זיך געדראכט, עס וועט שוין קיין רעכטער זומער נישט זיין; עס וועט שוין אזוי פרירן און נעצן א גאנצע צייט.
פּלוצלינג, ערב שבועות באַווייזט זיך די זון.

— תורה איז ליכט! האָט דער טאַטע מיט א שטאָלצן נחת געזאָגט, און גענומען זיך אויסזוכן דעם תיקון שבועות אויף ביינאַכט.

— לכבוד דעם הייליקן יום־טוב: פאַרטייטשט די מאמע מיט פרייד און נעמט זיך צום פּוטער־געבעקס.

— געלע חלה וועל איך אייך באַקן! — האָט זי אונדז צוגעוואָרפן א בשורה.

און באלד האָט דער אויסגעמישטער געשמאַק פון פרישע טייג, זאפּערן, צימרינג און נעגעלעך, פון פאַרצוקערט־זויערלעכן קעז און צעלאָזטער פּוטער פאַרפולט די שטוב.

מיין יונגערע שוועסטער חנה האָט געשוויגן. זי זיצט זיך ביים פענצ־טער איבער א ראָמאַן, זי לעזט אָבער נישט און קוקט עפּעס אומרואיק אין גאַס אַריין. אזוי איז זי שוין.

די מאמע רופט זי עטלעכע מאָל צו הילף, זי ענטפערט נישט. אַרום די ליפּעלעך שפּילט אן איראָנישער שמייכל. זי שווייגט.

— פוילע זאך! ברומט די מאמע. ביכער־שמיכער... וואָס ווייס זי פון א יום־טוב!

דער טאַטע מישט זיך נישט... אין שטוב זאכן מישט ער זיך קיינמאָל נישט אריין... ער האָט דערווייל געפונען און אָפּגעשטויבט דעם תקון שבועות און האָט זיך פאַרן באַד צוגעלייגט שלאָפן, מען וועט דאָך אויפ־זיין ביינאַכט. און די מאמע הערט דעריבער אויף צו ברומען; זי וויל דעם טאַטן נישט וועקן.

זי האָט מיך מיט א ווונק צוגערופן, דערלאנגט א פּאָר גראָשן, און געהייסן ארויסגיין קויפן שאווער (גרינס) אויף דער פּאָדלאָגע, און קאָלירט פּאפּיר, אויסצושניידן רייזעלעך צו די פענצטער...

איין גאָט ווייסט: עס איז מיר א שאָד געווען איבערצולאָזן די שטוב מיט דער שיסל סמעטענע, דעם פארצוקערטן קעז און די שקארמיצלעך מיט ראָזינקעס, אָבער אליין קויפן, אליין אויסדינגען און באצאָלן פאר גרינס און פּאפּיר, איז מ ע ר יצר־הרע, — און איך בין ארויסגעלאָפן פון שטוב.

און נאָך דער פרייד — א שרעקלעכע שבועות־נאכט...

חנה, מיין שוועסטער, איז אוועק...

מיר, איך מיטן טאטן, זענען מיר געגאנגען דאווענען, די מאמע האָט זיך פאר ליכט־בענטשן צוגעליינט... איינגעדרימלט.

אין דרימל האָט זי עפּעס א פייף געהערט, נישט געמאכט זיך דערפון — און דאָס איז פאר דער שוועסטער חנה א צייכן געווען — זי איז אוועק! צו אונדזער פיינט אוועק...

און אויסגעקליבן האָט זי שבועות, זמן מתן תורתנו...

אלץ גייט פארביי...

אויפן ערט בלייבט גליק און אומגליק, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע...

מיר אָבער גיין ווייטער און ווייטער צום ערט, ווו אלץ ווערט פארגעסן, און פילייכט אויפסניי דערמאָנט... אלץ, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט, בלייבט ליגן הינטער אונדז ווי שטיינער אויפן איבערגעגאנגענעם וועג... ווי מצבות, אונטער וועלכע מיר האָבן איינעם גאנג אונדזערע גוטע און שלעכטע פריינט באגראָבן...

אָבער חנהן קאָן איך נישט פארגעסן...

דאָס לעבן, צו וועלכן זי איז געלאָפן, האָט זי צוריק געשטויסן, פון זיך ארויסגעוואָרפן. געשווינד האָט איר דאָס געהאפטע גליק פארבליט און פארוועלקט. פון די אויסגעחלומטע בלומען זענען ברענענדיקע דערנער געוואָרן.

צוריקומען האָט זי נישט געקאָנט...

אויפֿן וועג איז געשטאַנען דאָס געזעץ, ווי אויך — צוויי קברים... דעם טאַטנס און דער מאַמענס קבר...

ווו איז זי?

יעדן שבועות־אָוונט באַווייזט זי זיך מיר...

זי באַווייזט זיך פֿון גאַס, שטעלט זיך ביים פֿענצטער... זי האָט מורא, אָדער זי האָט קיין שליטה נישט אין א יידישע שטוב אריינצוקומען.

מיט ווייט אויפֿגעריסענע אויגן קוקט זי דורכן פֿענצטער אין שטוב אריין און זעט מיך איינעם אליין...

דערזעט מיך און קוקט אויף מיר מיט שרעק, געבעט, און צאָרן...

איך פֿארשטיי זי:

— ווו זענען זיי? פֿרעגט זי מיט שרעק.

— פֿארצייעט! איז איר געבעט.

— און שולדיק — זאָגט זי צאָרניק — זייט א י ר!

— וואָס האָב איך געוווסט פֿון אייער בלוטיקן קאַמף מיט יענע?

— דו האָסט עס געוווסט; אין חדר געלערנט. מ יי נ ע ב י כ ע ר האָבן מיר דערפֿון קיין וואָרט נישט געזאָגט...

— ביי אייך אין שטוב האָב איך א פֿרעמד לעבן געלעבט; א פֿרעמד שיין־אויסגעטרוימט לעבן, א לעבן פֿון ביכער ארויס...

האָב איך עפּעס פֿאַראַטן, אָן עפּעס געפֿעלשט?

איך האָב נאָר געלע חלה מיט זאַפֿרען אויף אנדער זיס־געבעקס פֿארביטן... מעשהלעך פֿון „צאינה וראינה" — אויף ביכער... תחינות — אויף ראָמאַנען!

אביסל גרינס אויף א פּאָדלאָגע — אויף פֿריי, פֿריש גרינעם וואלד און פֿעלד!...

דאָס ענגע, דושנע, פֿארהאַמערטע לעבן — אויף זון און בלומען, אויף פֿרייד און ליבע... און איז עס נאָר א חלום געווען, האָב איך געליטן!

אָבער א יי ך האָב איך נישט פֿאַראַטן; איך האָב אייך נישט ג ע־ ק ע נ ט; פֿון אייערע שמערצן נישט געוווסט, איר האָט מיר פֿון זיך קיין וואָרט נישט פֿארציילט... צו אייערע סודות נישט צוגעלאָזט...

פֿאַרוואָס האָט איר מיר פֿון א יי ע ר ליבע נישט דערציילט, — פֿון אייער ליבע, וואָס נערט זיך פֿון אייער בלוט? פֿארוואָס האָט איר מיט

מיר פון אייער שיינקייט, פון אייער אייביקער בלוטיקער שיינקייט נישט געדערט?

דאָס שיינע, דאָס ליבע, דאָס הויכע, דאָס שרעקלעך הויכע האָט איר אין זיך פארשלאָסן, פאר אייך מענער באהאלטן...

פון מיר, פון אונדז, וואָס האָבן זיך מיטן גאנצן פלייש און בלוט, מיט דער גאנצער יוגנט־קראפט צום לעבן געריסן, פון אונדז האָט איר פארלאנגט — פוטער־געבעקס, געלע חלה מיט זאפערן!

— אונדז האָט איר פארשטויסן.

אזוי בייזערט זי זיך.

זאָל זי משפטן דער, וואָס איז איבער די פעלקער און זייערע פארוויקלטע, בלוטיקע שטרייטן.

אויף דער גרענעץ

ביי דער גרענעץ, צווישן יאָ און ניין, זיין און נישט זיין, האָט זיך באַגעגנט דער *אוועקגייענדיקער* זומער מיטן *קומענדיקן* ווינטער.

— וואָס זעסטו עס אַזוי שלעכט אויס? — קריגט דער ווינטער רחמנות אויף זיין קעגנער, וואָס שטייט פאַר אים מיט געבויגענע פּיס, מאַטע, האַלב-פאַרלאָשענע אויגן און אַ פאַרמעטן פּנים.

— דו וועסט אויך נישט בעסער אויסזען! — ענטפערט דער זומער מיט אַ זיפץ.

— אַלץ האָט זיין ענדע, — פילאָזאָפירט דער ווינטער.

— דאָס רעדל דרייט זיך, — שטימט דער זומער צו.

זיי שווייגן אַ ווײַלע, דערנאָך פרעגט דער ווינטער:

— און דאָרט וואָס הערט זיך?

— נישט רואיק — ענטפערט דער זומער — נישט רואיק...

די ביימער?

— זיי אויך! דער שוואַרץ יאָר ווייסט זיי, וואָס זיי סודען זיך! טאָג און נעכט נאָר געשאָקלט זיך, געשושקעט. דאָס פלאַטערן פון די לייכטזיניקע בלעטער געפעלט מיר אויך נישט; נאָר, די ווערן אויך געפערלעך, יד-אחת, אַ פּנים! אויך אין איין רודערן זיך...

— פוילן זאָלן זיי! — רופט דער ווינטער.

און עס הייבט זיך אויף אַ ווינט און יאָגט איבער דער וועלט... פון זיין אָטעם ווערן די בלעטער טרוקן, פויל, און פאַלן מיד אַראָפּ פון די צווייגן... אויך דינע צווייגלעך פאַלן. עס קנאַקט, אַ שוואַכע צווייג רייסט זיך אָפּ פון בוים, פאַלט אַרונטער און וואַלגערט זיך אַרום אויף דער ערד מיט די פוילע בלעטער צוזאַמען.

— און די טייכן? — פרעגט דער ווינטער.

— האַלטן מיט! רוישן און מורמלען... זיי איז אויך ענג אויף דער

וועלט... איין פאַליע שטופּט אונטער די צווייטע, איין וואַל ברומט צו צום צווייטן: רירט אייך, רירט אייך! אַרום אויפן זאַמד, אויפן פרייען זאַמד, צום פרישן גרינעם גראָז... ווער גרענעץ, וואָס גרענעץ!

משוגעים... אַ פּאַליע וויל גאָר אַרויף אין דער הייך! מען שטופּט זיי אונטער, מען הייבט זיי אויף די אַקסל... זע וואָס דאָרט איז און דערציילט... טיילמאָל זידט עס און קאָכט ווי אַ גיהנום...

— קיימן! — גיט דער ווינטער אַ באַפעל... און געשמידט ווערן די פרייע טייכן... פריער ציט זיך איבער זיי אַ דינע, קאַלטע הויט, נאָר זי וואַקסט, די הויט, ווערט דיקער און האַרטער, דריקט אַלץ צו, דערשטיקט אַלץ... שטיל ווערט אַרום... מען הערט שוין קיין רוישן, קיין מורמלען... רואיק, שטייף, טויט...

פייגל פליען אַוועק פאַר שרעק, עס ווערט נאָך שטילער, טרויעריקער.

און די אַלטע מכשפה וואָס מאַכט? די ערד?

— זי לעבט... פּוצט זיך... מאַכט חנדלעך, רייסט אָפּ מענטשן־אויגן פון הימל, זיי זאָלן בעסער קוקן אויף איר שיינקייט, אויף איר חן...

— תכריכים! באַפעלט דער ווינטער, און די ערד ווערט פאַרדעקט מיט ווייסע, ווייסע תכריכים און שטאַרבט אין זיי.

זי שטאַרבט אָפּ — אויף אַ צייט.

אויף אַ זומער־וווינונג

מ קיים צו זיין דעם דאָקטאָרס באַפעל, פאַרברענג איך אַ גאַנצן חודש אויף אַ זומער־וווינונג...

נאָר אינגאַנצן ארוים אויפן דאָרף האָט מיך דאָס האַרץ נישט געלאָזט און די פּאָליציי נישט געראָטן, ווען איך מיר אין אַן עק פון אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון וואַלד און טייך. אַ שטוב האָב איך אָפּגע־דונגען ביי אַ געוויסן אַברהמל סוחר.

גאַנץ יידישלעך — שטרענג כשר און דאָך פּאָעטיש. איך שפּאַציר אין וואַלד און קלויב שוואָמען; באַרג דאָס קאַנדל ביים פישער און לאָז מיך איבערן טייך, אָדער זעץ מיך אויפן ברעג און כאַפּ פיש... יעדן פאַר־נאַכט הער איך די נאַכטיגאַל, מיט איין וואָרט — אַ גן־עדן.

איינמאָל, — דעם צווייטן, צי דעם דריטן טאָג נאָך מיין אָנקומען, — איך גיי צוריק פון פרימאָרגנדיקן וואַלד־שפּאַציר, און דערזע ווי ר׳ אַברהמל לויפט מיר אנטקעגן.

אַ בשורה טובה: תנאים שרייבט ער.

איך רעכן, ער וויל אויף היינט מיינער פּטור ווערן.

— זאָל אייך זיין צו מזל, — ענטפער איך אים מיט אַ שמייכל — איך וועל אייך נישט שטערן; איך וועל מיך שטיל אריינכאַפּן אין מיין צימער, איבערטון און גיין, עפּעס אין מויל אריינכאַפּן, אין שטעטל אריין.

— ניין, ניין! — האָט ר׳ אַברהמל זיך חשק צו באַליידיקן.

— עסן מוז איך צוזאַמען מיט אַלע, נאָך די תנאים... עס וועט זיין פיש און פלייש... דערווייל אָבער איז מיין שטוב פאַרנומען.

די מחותנתטע מיט דער כלה איז דאָרט. ער האָט מיך געזוכט, גע־וואָלט נעמען דערויף רשות, און נישט געפונען...

— עס וועט נישט לאַנג דויערן, — טרייסט ער מיך, — זיי טוען זיך שוין אָן.

— שאט אויך נישט, — בארואיק איך אים, — איך וועל מיך דאָ אָפּרוען... פאַרן הויז אויף דער באַנק.

— א שיינעם דאנק! — זאָגט ער און לויפט צוריק אין שטוב אריין.

איך זעץ מיך אונטער די פענצטער, אויף דער גראָז־באַנק, וואָס לויפט איבער דער גאנצער לענג פון הויז.

געטראָפן האָב איך פונקט צום פענצטער פון דער גרויסער מיטל־שטוב; פון פענצטער רייסן זיך ארוים ווילדע קולות מיט זלזולים.

איך ווער באַלד געוואָר אין וואָס עס גייט.

שדכנים קריגן זיך, מחותנים לייגן זיך אריין אין שלום, ווילן מאַכן א פשר, און עס גייט נישט.

יעדער צד שרייט: כלו שלי! יעדערער רעכנט זיך פאַרן אמתן שדכן; ע ר האָט אָנגעהויבן, ע ר האָט אויסגעפירט...

איך רוק מיך אָפּ צום צווייטן פענצטער, צו מיין אייגן פענצטער.

— א גאָלד, טאַכטערשי, א גאָלד! — דערהער איך א צעגאָסן קול, אָנגעטרענקט מיט אויפגעשוואָלן נחת.

עס איז חנהס, ר׳ אברהמלס ווייבס, קול.

עס הערט זיך א געררויש פון זיידן־צייג.

— דו ביסט א גאָלד... דאָס קליידל איז א גאָלד...

ווייטער א גערויש פון זיידן־צייג.

— טאָכטערשי, ווו זענען מיינע אויגן געוועזן! איך בין דאָך גאָר אויף דיר קיין מבינה נישט געווען! א פאַרנעמעניש, א פאַרבלענדעניש... עס זאָל דיר קיין עין־הרע נישט שאטן!

און אביסל רואיקער מאַכט זי:

— הערסט, טאָכטער! — אָסור זאָל מיר זיין, — איך פאַרגין גאָר־נישט דעם מחותן אזא שנור! וואָס איז, פאַרדינט האָט ער עס? זיינע אבות האָבן זיך געמיט? און די מחותנת — זי וועט דאָך גאָר די כפּרה ווערן פאַר דיר!

— מאַמעשי, — בעט זיך די כלה, — מען הערט דאָך יעדעס וואָרט.

אן אנדער קול האָט זי היינט די כלה, ווייך און אזוי פיין־קלינגענדיק.

— האָב איך א פּאַק! וואָס זאָל איך מיך שעמען? נאָר ד אָ ס ,

הערסטו, זאָג איך דיר: זאָל ער זיך אונטערגאַרטלען, דער מחותן, פאַרן חתן מלבושים מוז ער געבן — כיד המלכות!

פון אונטער דער חופּה נעם איך דיך אפיר!

עס קומען אַרוים ביידע מחותנים.

ר׳ אברהמל מיטן שפּיציקן בערדל און שאַרפע אייגעלעך, און אַן אָפּגעלאָזענער, באַלעבאַטישער ייד מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד און לאַנגע, געלבלעכע ברעמען.

— זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, די עקשנים, — מאַכט ר׳ אברהמל, — זאָלן זיי זיך די קעפּ אָפּרייסן, — מיר וועלן דערוויילי מגביל זיין זמן החתונה.

— מיינעט וועגן...

— די חתונה... ציט ר׳ אברהמל.

— קאָן זיין למזל... העלפט פּויל אונטער דער מחותן.

— ולשעה מוצלחת —

— ווייסט איר וואָס, ר׳ אברהמל — דערמאָנט זיך דער מחותן, — איך האָב אייך געוואָלט... אייגנטלעך, געוואָלט פרעגן...

נאָר ער ענדיקט אויך נישט. עס קומט אַרוים די מחותנת, אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן: אַ גלאַנצנדיק פּנים, פליענדיקע בענדער, טאַנצנדיקע, לאַנג־געקייטלטע אוירינגלעך אין אַ שרייענדיק העל קלייד מיט אומרואיקע קאָנטראַפּאַלדן, וואָס וואַרפן זיך רעכטס און לינקס ביי יעדן טריט...

— ר׳ מחותן, — ווענדט זי זיך צו ר׳ אברהמלען, — וואָס האָט מען עפּעס פאַרשפּאַרט חתן־כלה אין די שטיבער... וואָס איז? פאַרצייטנס איז עס? זיי מעגן זיך אביסל דורכגיין פאַרן הויז...

— ווים איך? — שמייכלט ר׳ אברהמל — אין מיינע צייטן האָט מען זיך נ י ש ט אַזוי נוהג געווען... מיין רחלען האָב איך אַ חודש נאָך דער חתונה אין פּנים אַריין נישט געקאָנט קוקן... ווי מיינט איר, מחותן?

און אַז דער מחותן לאָזט אַרוים פון זיך אַ מרוק, נישט אַהין, נישט אַהער, ענדיקט ר׳ אברהמל:

— נו מילא... אַז די מחותנת וויל...

— אויף מיר די עבירה, מחותן!

זי פאַרשווינדט, און עס באַווייזן זיך חתן־כלה. זיי גייען פאַרביי,

אָפּגערוקט איינס פון צווייטן... זי קוקט פאַר זיך, אין דער לופט אריין, ער קוקט אויף די פיס און שטאָלפּערט איבער יעדער שטרוי.

איך באַמערק ערשט רעכט די כלה. יונג איז זי און פריש: אייגנט־לעך, צו פריש און צו יונג... נאָך א פארשלאָסענע רויז, עס שלאָפט נאָך אין איר די פרוי... נאָר מען זעט שוין בחוש, אז עס איז גענוג איין קוש (נאַטירלעך, נישט פון דער מוטער) זי זאָל אויפוואכן, די רויז זאָל זיך אויסוויקלען, צעפלאַקערן, און די יונגע, קוים געהויבענע ברוסט זאָל שטור־רעמען, דאָס יונגע בלוט זאָל אויפלעבן און שלאָגן אין די אָדערן... און דאָך, חוהס טאָכטער: רואיק קוקט זי זיך צו, ווי אינעווייניק אין איר הויבט אָן עפּעס נייעס צו שפּראָצן, צו בליען עפּעס גאָר נייעס!... נייגעריק קוקט זי, דאָך נישט דערשראָקן.

דערשראָקן איז ער; יינגלעך אנטוויקלען זיך לאַנגזאמער, ער זעט פיל קינדישער, יינגלישער אוים.

ביי די שלייפן, אונטער דער בלאַסלעכער, פיין־געררייטלטער הויט, שפּרינגען עטלעכע דינע, בלויע פעדעם... דער בליק איז ווילד־פארוואונ־דערט, דערשראָקן.

דער פארשטייט שוין נישט, וואָס עס געשעט אין אים, וואָס עס וועט אין אים געבוירן... וואָס עס רייסט זיך, יאָכצט און קלאַפּט אזוי טיף אין יונגן הארץ.

און איך קריג זיי ביידע ליב; אזוי ניי, אזוי פריש, אזוי ערנסט און דערביי אזוי קינדיש...

„פארן הויז" האָט מען געזאָגט, און דאָך פארשווינדן זיי רעכטס אונטערן וואלד...

— הינער־פרעסער... כל־בו־ניק... מגושם... עוכר־ישראל... האָבן מיר איבער די געדאנקען, די קולות פון די שדכנים.

איך רוק מיך נענטער צו די מחותנים, וואָס ווילן אַלץ ענדיקן דאָס פריער אָנגעהויבענעם שמועס.

— הכלל? — פרעגט אַביסל אומגעדולדיק ר' אברהמל.

— יאָ, — וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, — האָקט איבער דער מחותן... עיקר שכחתי...

— וואָס, מחותן?

— איך האָב אייך געוואָלט פרעגן, געוואָלט האָב איך...

— וועגן וואָס? פרעגט אומרואיק ר' אברהמל.

— וועגן נדן... א י ך האָב געבראַכט מזומן...

— אָ!

— און איר?

— איך, — שטאַמלט ר' אברהמל — כמעט... נ י ש ט איינגאַנצן.

— דאָס הייסט?

— צוויי הונדערט מזומן...

— דער מחותן פאַרקרימט זיך!

— אויף דער רעשט, — ענדיקט ר' אברהמל — אַ וועקסל; איך קאָן צוגעבן אַ חרם־קוויטל.

— אַ וועקסל, — ענטפערט קאַלט דער מחותן, — איז נישט קיין מזומן... אין די ראשי פרקים שטייט: במזומנים, במ־זו־מ־נים...

— אמת... איז ר' אברהמל מודה, — נאָר איר ווייסט דאָך... סוחריש געלט... צעשפּרייט... צעזייט... איידער מען נעמט צוזאַמען...

דיקע טראָפּן שוויס באַווייזן זיך אים אויף די איינגעפאַלענע באַקן.

— פיר חדשים נאָך ראשי פרקים...

— איז פיר — —

—קיין וועקסל נעם איך נישט, — שנייט אָפּ דער מחותן נאָך קעלטער און וויל זיך אויפהייבן פון באַנק.

— אברהמל פאַרהאַלט אים ביי דער פּאָלע.

— מחותן, — זאָגט ער מיט אַ הייסן אָטעם — מאַכט נישט ליטן געלעכטער... איר ווייסט, איך בין אַ בטוח... איר ווייסט, אַז איך בין, ברוך השם, אַן עושר...

— וועקסל איז נישט קיין מזומן.

— ווילט איר, הייסט עס, איך זאָל אַצינד גיין אין שטעטל אַריין... וואָס? תוך כדי דבור גיין אין שטעטל אַריין שאַפן זיך געלט! וואָס? קרינגן, דאַכט זיך, וועל איך, ברוך השם! —

— אוודאי וויל איך... שמייכלט דער מחותן.

— נו, אַז א י ר ווילט, וויל איך נישט!

— להכעיס?

— להכעיס!

אצינד ווערט דער מחותן בייז! ער שפּרינגט אויף ווי געביסן, בלאַס, מיט ברענענדיקע אויגן, און רופט:

— שמואל!

און, אז קיינער ענטפערט נישט, שרייט ער נאָך העכער:

— שמואל, שמו־אל!

עס הערט זיך א ציטעריק קול פון דער רעכטער זייט וואלד:

— וואָס, טאַטעשי?

דער כעס ביים מחותן וואַקסט.

— אהער זאָלסטו גיין, שייגעץ איינער, אז א טאַטע רופט! די מינוט, הערסט?

שמואל באַווייזט זיך.

ער לויפט אָן אָטעם; די כלה לויפט אים נאָך פאַרוווּנדערט, דער־שראָקן, מיט ברייט געעפנטע אויגן.

— מיט א פרעמד מיידל — שפּאַצירט מען נישט! הערסט? עס איז שוין נישט דיין כלה! די מינוט גיי אהיים... טו אויס די שבתדיקע קאַפּאָטע, נעם די וואָכעדיקע און היידא — אין בית־המדרש אריין...

— ווו ביסטו — רופט ער צו דער שטוב, — שפּרינצע!

פאַרשטיינערט שטייט דער חתן, די כלה לאָזט ארויס א געוויין...

דערשלאָגן, פאַרלאָרן שטייט ר' אברהמל...

— — — — — — — — — — — —

אויפן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאָטן פון וואלד.

בלוטיק איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערן בלאַס איז אויסגע־שוווּמען די לבנה...

אין קריסטאַלענעם וואַסער־שפּיגל שלאָגט זיך אָפּ דער הימל... און דער אָפּגעשפּיגלטער זעט מיר אויס שענער, פיינער און עכטער... א שאָד וואָס ער צערייסט זיך אָפּט! א שטיל ווינטל טרייבט, דער וואַסער־שפּיגל ריצט זיך, רונצלט, שרומפּט איין...

שטיל רוישן די בלעטער, שטיל ציטערן די וואַסער־רעדלעך אויפן טייך... שטיל גיסן אויס די בלומען זייער אָטעם, שטיל... פון וויטן, טרילערט עפּעס א פויגל...

איך זיץ ווי פאַרכישופט... איך אָטעם אויף א נייער וועלט, אין אן

אנדערער, ריינער, הייליקער לופט. פריש איז דאָ אַלץ און ניי, ווי ערשט פון באַשעפערס הענט אַרויס...

עס בענקט זיך דאָ אַזוי זיס... מען קריגט דאָ אַלץ אַזוי ווייכהאַר־ציק ליב, עס גיסט זיך אַזוי אַלץ צוזאַמען מיט דער נשמה...

אַ שוואַרצער פלעק באַווייזט זיך אויפן טייכל פון ווייטן... אַ קליינער פישער־קאַן... דאָס וואַסער רוישט עס ליבלעך אַרום, עס באַוואַרפט עס מיטן שוים ווי מיט ווייסע, דראָבנע בלימלעך, און די פאַליע לעבצט און קושט עס אויס אַלע גלידער...

מיין באַקאַנטער וואַסיל, אַ יונגער שטאַרקער פישער, רודערט און זינגט:

מיין הימל, מיין הימל — דיין פּנים,
די אויגן דיינע — די שטערן.
דער ריינסטער קלאַנג פון גן־עדן
לאָזט אין דיין שטימע זיך הערן...

דו ביסט מיין ליב', מיין נשמה.
צי וואָלט איך אָן דיר דען געלעבט?
פון דיינע, די ליכטיקע שטראַלן
איז זי, מיין נשמה, געוועבט!

דו ביסט מיין ליב' און מיין ליידן!
פון האַרפע דער גאָלדנסטער קלאַנג!
פון די ליפּן, פון דיינע דער כישוף —
דאָס איז מיין איינציק געזאַנג!

ער זינגט שוין נישט און דאָס ליד ציטערט מיר נאָך אין די אויערן...

דאָס זעלבע איז מיטן טייך, מיטן וואַלד... יעדעס בלאַט, יעדעס רעדל איבערן וואַסער זינגט עס... דאָס זעלבע טרילערט פון ווייטן די שטילע, זיסע נאַכטיגאַל; מיט דעמזעלבן אָטעם יעדע בלום... אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן אין אַ יי ן פאַרלאַנגען, איין בענקעניש, איין נשמה...

דאָס שיפל גלייכט זיך אויס מיט מיר, אַ ניי לידל קלינגט; שאַמיסאָס באַקאַנט לידל:

גערענקסטו די נאַכט, ווען פאַרכישופט
מיר זענען בייזאַמען געזעסן;
אויסער אין הימל די שטערן
פון אַלע, פון אַלע פאַרגעסן!

די שטערן, די וועלן ניש׳ דערציילן!
מיר האָבן זיך לענגער פאַרווײַלט...
פאַלט פונקט פון הימל אַ שטערן,
און האָט עס די וועלן פאַרציילט...

עס טאַנצן די לוסטיקע וועלן,
גאָט האָט זיי אַ מעשה באַשערט!
זיי טאַנצן פאַר שמחה און קלאַטשען,
דער רודער האָט אונטערגעהערט!

דער רודער, דער פרומאַק, דער רודער,
עס סקריפּעט פאַר כעס, פאַר פאַרדראָס!
דער רודער, ער לײַדט נישט קיין עוולות,
אַ ל ץ זאָגט ער אויס דעם מאַטראָס!

דער מאַכט שוין דערפון זיך אַ לידל,
באַלד ווערט דאָס לידל פאַרשפרייט!
געווען איז אַמאָל אַ געהיימניס,
הײַנט זינגען עס קינד שוין און קייט!

ער פאַרשווייגט... דיקער און הייסער ווערט די לופט, דיקער און דעמפיקער דאָס בלוט ביי מיר אין די אָדערן... איך בין ווי באַרוישט, און אַזוי, דאַכט זיך מיר, איז אַלץ אַרום מיר...

באַלד פּלאַצט דאָך דער כישוף; אַפּגעשווומען אַ ווײַלע שטיל, הייבט וואַסיל אָן אַ דריט ליד, אַ פאָלקס־ליד, אַ פרײַלעכס:

קוש מיך, מײַן טייערע, האַלדז מיך!
קוק נישט אויף מענטשן גערייד!

די ליבשאפט איז איבערן לעבן
ווי'ן גאָלדענער שלייער פאַרשפרייט!

— „אָ, לעבן מיינס, לעבן, איך שרעק מיך!
די מאמע, זי טוט מיר אָן לייד!
פארוואָס איך שפּאציר אַלץ באַזונדער,
די חברטעס פארוואָס איך מייד?

אָ, קוש מיך און האלדז מיך, מיין ליבע!
דער מאמען זאָג: כ'האָב זיי נישט האָלד!
צעשוויבערט און מיאוס זענען אַלע,
איך איינע — א מיידל — א גאָלד!

— „איך שרעק מיך, איך שרעק, מיין לעבן!
דער טאטע, דער טוט מיר אָן לייד;
פארוואָס איך בין ווילד ווי א סארנע,
ב ח ו ר י ם פארוואָס איך מייד?"

האלדז מיך, אָ, לעבן מיינס, קוש מיך!
זאָג אים: ווייל קיינער געפעלט!
פויערן־פאָלק זענען זיי אַלע,
איך וויל א פישער — א העלד.

— „איך שרעק מיך, מיין לעבן, איך ציטער!
די באָבע, זי טוט מיר אָן לייד!
זי זאָגט, איך ווער אלע מאָל דיקער;
עס פּלאצט אויפן לייב מיר דאָס קלייד!

— אוי, ס'איז ווי בוימל אויף וואסער!
שוין נישט צו באהאלטן אצינד!
אָך א קוש גיב מיר, מיין לעבן
און זיי מיר אויף אייביק געזונט...

עס בלייבט ווייטער שטיל, און אלץ בלייבט שטיל, דאָס האַרץ מיינס אויך...

— כא, כא, כא!

קלינגט פּלוצלינג אויף אַ געלעכטער... ווער לאַכט? איך, צי אַלץ אַרום מיר?

אַלץ לאַכט, דער שעלמישער טייך, די בליצנדיקע שטערנדלעך... די אַלטע לבנה לאַכט... די בלומען אַרום מיר קיכערן: וואָס דען האָסטו גע־מיינט?... אַזוי איז עס... כא, כא, כא,

די נאַכטיגאַל ענדערט אויך דעם טאָן... ווי זי קנאַקט אַצינד... ווי פאַרשייט, ווי פרעך! —

מיך וועקט פּלוצלינג ר' אַברהמלס קול.

— וווּ זענט איר, ווו? איך האָב מיר שוין די פיס צעבראָכן אייך זוכנדיק...

און אַז ער דערזעט מיך —

— געענדיקט צום מזל... שוין טעלער געבראָכן...

ער פאַרבעט מיך צו דער סעודה.

צוריק־צוריק!

(אַן איבערזעצונג פון שוואַלבן־לשון)

עס איז געווען ענדע זומער, באַלד נאָכן שפּינוועבס, און צווישן שוואַלבן, ערגעץ אין אַ וואַלד...

אין אַ וואַלד, וואָס האָט אויפגעצויגן אַזויפיל בייז און קריכנדיקס לעבן אָבער אַביסל הויך און געפליגלט לעבן אויך...

און צווישן דעם אומרואיקן שוואַלבן־פאָלק, וואָס האָט געוואָלט אַמאָל דאָס בית־המקדש ראַטן, מיטן אייגענעם בלוט דאָס פייער פאַרלעשן, און האָט נישט געקאָנט, און איז דעריבער פון דער געשיכטע אַרויס, ווייל זי רעדט נאָר פון ג ל י ק ל ע כ ע פעלקער און ג ע ר אָ ט ע נ ע זאַכן...

און דער זומער, וואָס האַלט איצט צו ענדע, איז אַן אומרואיקער זומער געווען: מאַסן שוואַלבן־נעסטן האָבן שלאַגס־רעגן פאַרפלייצט: אונטער מאַסן נעסטן האָט זיך די לעבנס־צווייג געבראָכן; זיי זענען אַראָפּגעפאַלן, און דאָס יונגוואַרג איז צעשמעטערט געוואָרן...

גאַנץ אָפט איז דער זיסער שוואַלב־שלאָף ביינאַכט געוואַלטיק איבערגעריסן געוואָרן. עס האָבן זיך יעגער באַוויזן, עס האָט געקנאַלט... און אין שטילן פרימאָרגן האָבן זיך אויף צווייגן בלוטיקע פלעקן באַוויזן, איבער וועלכע עס האָבן, מיט אַן עק צוגעקלעפּט, פעדערלעך געפלאַטערט... כאָטש מען האָט די שוואַלבן נישט געמיינט.

און דאָס מאָרגן־לויב, דאָס געפליגלטע ליכט געדאַנק פון שוואַלבן־מתנות אונטערן בלויען הימל, איז אויך גאַנץ אָפט פאַרשטומט געוואָרן...

קנאַל־קנאַל! עטלעכע פון זיין ליבן־נאָמענס זינגערלעך זענען אין דער לופט פאַרציטערט געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן, צווישן גראָז אַראָפּגעפאַלן, יאַגד־הינט האָבן זיי אויפגעזוכט, און ווו מען דאַרף אָפּגעטראָגן,

גוססענדיקע צווישן די ציין... און די יעגער האָבן זיי נישט אָנגענומען... נישט די שוואַלבן האָט מען געמיינט, מען האָט זיך שיסן געלערנט, די הינט אויסגעפּרוווט...

און דאָס הזכרת־נשמות־געבעט פון שוואַלבן־פאָלק איז איבערן זו־מער, געוואַקסן און געוואַקסן...

— איין קרעכץ נאָר פאַר א טויטע שוואַלב; פון די קרעכצן אָבער איז איבערן זומער, א קלאָג־ליד געוואָרן! א קלאָג־ליד ווי דאָס גלות לאַנג...

דערפאַר האָבן זיך אויך די נסים געמערט; זייער פיל שוואַלבן האָבן נסים געהאַט... מן־הסתם זכות אבות:

אַראָפּגעפאַלענע האָבען נאָר די פיסלעך צעבראָכן, א גליד נאָר אויסגעלענקט... טייל האָט מען נישט ריכטיק געטראָפן און נאָר די פליגל אונטערגעשאָסן; פאַרוואונדעטע האָבן נאָר די קראַפט און די ליבע צו לעבן פאַרלאָרן, אָבער נישט דאָס לעבן אליין...

און די צאָל פון על־הנסימניקעס איז איבערן זומער געוואַקסן, און מיט זיי צוזאַמען — די צאָל פון גם־זו׳ס אויך!

— אבי מיר לעבן! פאַרלאָזן מיר נישט די צווייג; זיצן מיר איבער־אנאַנד... און מאי כולו האי? מיר האָבן פאַרלוירן די הייך, שפּרינגען מיר נאָר צווישן גראָז... לעבן מיר ווי די פעלד־מייז... ווי די קליי־ניקע פעלד־מייזעלעך; אויך גאָטס באַשעפעניש...

— דאָס זענען פרומע! — האָבן די שוואַלבן אויף זיי געזאָגט. מאַנ־כע האָבן געענטפערט: הייליקע! און מען האָט זיי געשפּייזט אויף קהלשן חשבון...

נאָר אָט איז ענדע זומער!...

דער „ציריק־ציריק" הערט זיך טרויעריק און באַנג.

דאָס הייסט אויף אונזער לשון: עס ווערט וואָס א ווײַלע אַלץ קילער...

קילער ווערן די טעג, לענגער די אומרואיקע נעכט, די קאַלטע...

און דער הימל ווערט וואָס אמאָל מער גראָלעך ווי בלאָלעך; און די זון איז קיין עכטע זון נישט; מער שפּיגל ווי זון...

און פאַרגליווערטע שטיקער ציען, מאַרמאָר־שטיקער, און אפשר גאָר ווײַסע בערן... זיי שווייגן אונטערן הימל, און זיי זוכן אייך, און

באהעפטן זיך איינער צום צווייטן און פארשטעלן וואָס אמאָל מער הימל און ליכט...

און עס ווערט שוין אַ דערשראָקן גערופעריי: ציריק־ציריק! ציריק־ציריק!

דאָס הייסט: די פרנסה און די לופט ווערן קנאַפּער, וואָס אמאָל קנאַפּער... די בלעטער קריגן גאָלדענע רעמלעך, נאָר זיי ווערן שוואַכער; זיי קאָנען שוין די לייכטסטע שוואַלב אויף זיך נישט דערהאַלטן... און דינע צווייגעלעך דאַרן און פּלאָגן און ברעכן זיך...

און עס טראָגט זיך דאָס גערופעריי פון צווייג צו צווייג, פון בוים צו בוים, פון איין עק וואַלד צום צווייטן: מען דאַרף זיך אַן עצה האַלטן... הייבט אייך אויף!

און עס ווערט אַ גערויש פון הונדערטער און טויזנטער ציטער־פליגעלעך; פון צווייגן און ביימער הייבט זיך דאָס גערויש... און די אסיפה פון שוואַלבן שווימט שוין אין דער הייך... און הייבט זיך אַלץ העכער און העכער — מען זעט זיי שוין נישט, נאָר טויזנטער געלע פלעקן שווימען אונטערן גראָען הימל...

און פון דער הייך זעט זיך אַ ווייטע, ווייטע וועלט.

און נאָך אַ ווײַלע לאָזט זיך די מחנה אַראָפּ מיט אַ פריילעך געררו־פעריי: ציריק־ציריק!

דאָס הייסט: מען דאַרף אַוועק, אַוועק פון דאַנען! ווייט, ווייט אַוועק!

מען מוז אָפּטרעטן דער קעלט, אָפּטרעטן דעם שניי; מיר דאַרפן וואַ־רעמקייט און ליכט!

נאָר אַז די אסיפה איז, פאַרן אַוועקפליען, דאָס לעצטע מאָל צוריק אויף די ביימער אַראָפּ, האָבן זיי געמוזט אויסהערן אַביסל מוסר...

אַ שטראָף־רעדע האָט מען זיי געהאַלטן...

די פאַרוווּנדעטע און אונטערגעשאָסענע האָבן גערעדט:

— „וווּהין ווילט איר פליען? קאָן מען דען אַנטלויפן פאַרן טויט? אין גאָטס האַנט איז ער! זעט, צי טראָגט אייך נישט דער שלעכטער גע־דאַנק; צי פליט איר נישט אויף די פליגל פון יצר־הרע?

„דאָ איז אייער היים! דאָ אין וואַלד, וואָס האָט אייך די אויגן גע־

עפנט, די פליגל צעשפרייט, זינגען געלערנט, און ווו איר האָט פאר יונגע נעסטן געבויט, אלטע באַטרויערט און טויטע באוויינט... די ביימער האָבן מיט אייערע לידער געבליט, אין דער לופט הענגט נאָך אייער מאָרגן־און אָוונט־געזאַנג...

„לייכטזיניקע פייגל זענט איר, מיט נשמות און פליגל און פיס, נאָר נישט אין הארץ!

„און לאָזט איר אונדז איבער, ווער וועט אייך אין דער הפקרדיקער הייך מוסר זאָגן, שטראָפן און שטראָף־רייד רעדן?"

געזונטע דאָך הערן נישט און פליען...

דער סימן

מיט שטאָלצע גרינע ביימער־קעפּ און לוסטיק־פאַרביקע בלומען־אויגן קוקט דער רייך־אויפגעבליטער גאָרטן צום אָפּפאַלן־בלאָען הימל ארויף.

און אפשר גאָר צו די ווייסע זילבער־ווייסע טויבן, וואָס **שווימען** **אונטער** אים.

צו די זילבער־ווייסע טויבן, וואָס וויגן און הייבן זיך אונטערן בלאָען, טיפן הימל, אויף די ציטערדיקע ליכט־כוואַליעס אין דער לופט.

און אז די טויבן הייבן זיך העכער, שלאָגן זיי זיך פון דער ליכט־אָנגעזאַפּטער לופט נישט אָפּ, פאַרשווימען זיי אין איר און פאַרשווינדן, גלייך ווי דער בלאָער הימל האָט זיי צו זיך געצויגן, ארויפגענומען צו זיך...

זיי בלייבן אין דער הייך נישט לאַנג...

זיי פאַרבענקען זיך און פליען צוריק אַראָפּ צו די שטאָלצע גרינע ביימער־קעפּ, צו די לוסטיק־פאַרביקע בלומען־אויגן פון רייך־אויפגעבליטן גאָרטן... און לאָזן זיך אַראָפּ, און עס בליצן די זילבערנע פליגל און זיי רוישן אַזוי ווייך, אַזוי ווייך...

און דריי מענער שפּאַצירן אין גאָרטן, אין גרין־גאָלדענעם ליכט, אויפן געל־גאָלדענעם זאַמד פון אַ לאַנגער אַלעע.

שוואַרצע שפּאַצירן זיי און מיד שלעפּן זיי זייערע שוואַרצע שאָטנס הינטער זיך.

און איינער מיט זיין שאָטן שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ און פרעגט:

— ווער שטאַרבט פון אונז פריִער?

— וואָס פאַלט דיר איין? — וווּנדערט זיך דער צווייטער.

און דער דריטער ענטפערט:

— איך!

— יונגערהייט — דערציילט ער — האָב איך אַ האַרץ־פעלער באַ־

קומען. דאָקטוירים האָבן געהיילט, אָבער נישט אויסגעהיילט. איר קוקט מיך אָן? אויפן פנים געזונט און פריש! אינעווייניק אין הארץ שפּאַצירט ארום דער טויט...

דער צווייטער לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און מיינט, אז דער ע ר ש ט ע ר וועט ער זיין!

— אָן עלנט־נאַריש לעבן געלעבט — פארטיטשט ער — אויס־געוועבט פון ווייטיק און פינצטער מזל. מיין נשמה מוז זיין אַ שווארצע, אַ שווארצע ווי אַ קראָ... פליגל האָט זי אפשר, נאָר שווארצע, קיין איינציקער ליכטיקער בליק פון ליבע, געטרייע אויגן איז אויף איר נישט געפאַלן... אַזאַ לעבן האקט זיך איבער, ווי אַ פאָדעם... אַזאַ נשמה בענקט אין דער אייביק־פינצטערער נאכט אריין — — —

— און דאָך — רופט זיך אָן דער ערשטער — וועל איך גיין פאר אייך! צעריטלטע נערוון... פארשלאָפענע טעג, פארוואָגלטע נעכט...

זיי טרעפן אַ באַנק און זעצן זיך.

זיי זעצן זיך, בלייבן שטיל און קוקן אויף די טויבן, אויף די ווייס־זילבערנע טויבן, וואָס לאָזן זיך פון בלאָען הימל אראָפּ און שווימען אין דער ליכטיקער לופט.

— לאָמיר זיך מאכן אַ סימן! — מאכט איינער פון די דריי.

— ווי אַזוי?

— זעט, די טויבן פליען, וואָס אַמאָל נענטער צו אונדז. פאָרויס שווימט איינע, אַ גרויסע, אַן עכט־זילבערנע טויב... אַ ווייסע אָן אַ שווארצן פלעק, אָן אַ שווארץ פינטעלע — נישט באַפלעקט, ריין...

— אַלזאָ?

— שטעלט אייך פאָר: זי איז דער טויט! דער ריינער, ווייסער טויט! און פאָרוואָס זאָל דער טויט נישט זיין אַזוי ווייס, אַזוי בליצנדיק־ריין?

זי פליט צו אונדז. און איר צערוקט אייך.

איך בלייב אין דער מיט, און איר רוקט אייך אָפּ ביז צו די עקן פון דער באַנק.

און איבער וועמענס קאָפּ עס וועט דורכשווימען די ערשטע, די ווייסע, די אומבאפלעקטע טויב — — דער טויט, דער — דער, הייסט עס, האָט דער ערשטער דעם צייכן באַקומען — צום גיין...

און די טויבן־שאַר שווימט וואָס אַמאָל נענטער.

זי הייבט זיך און צעפליסט זיך אין דער ליכט־אָנגעזאַפּטער לופט —

און זיי פאַרבענקען זיך צום רייך־אויפגעבליטן גאָרטן, צו זיינע שטאָלצע ביימער־קעפּ, צו זיינע פיל־פאַרביקע בלומען־אויגן און לאָזן זיך אראָפּ.

זיי הייבן זיך אויף און אָפּ און שווימען אַלץ נענטער, אַלץ נענטער צו די דריי שוואַרצע שאָטנס אין ליכטיק־פאַרביקן לעבן...

און די איינע, די גאָר־ווייסע, די גאָר ריינע — דער זילבערן־בלי־צנדיקער טויט, שווימט פאָרויס...

און וואָס נענטער זי קומט צו די דריי שאָטנס, שטילער בלייבן זייערע הערצער, מיט שטאַרע בליקן קוקן זיי איר נאָך...

און די טויבן קומען פון דעם בלאָען הימל, און שווימען נאָך נענטער, נאָך נענטער; דער ענטפער, דער טויט — די ווייס־זילבערנע טויב, שווימט פאָרויס!

און אַז די טויב קומט נאָך נענטער צו, ווערן די דריי שאָטנס פאַר־ציטערט, שפּרינגען די דריי מענער אויף און צעלויפן זיך אין גאָרטן.

דער בעל־עגלה

.1

— וואָס פּאָרט איר נישט, ייד?
— „דער וועג איז שלעכט,
די בלאָטע — געדעכט,
דאָס פערדל מיד!"

. . . .

„עס ארבייט מיט די זייטן,
מיין בידנינקע פערד!
נישט דאָס וואָס פארצייטן —
אַלץ איז אין דר'ערד!"

„הויט און ביין ס'פערדל,
און גלייבט מיר, באַלעבאָס,
אפילו דער מענטש
איז אויך שוין נישט דאָס!"

.2

עס שלאָפט דאָס פערדל
אין בלאָטע און שלאָפט,
דער הימל האלט אונטער
און קאַפּעט און קאַפּעט...

עס נעצט דורך די ביינער,
עס שווידערט די קעלט...
דאָס נעפּל פאלט טיפער
אראָפּ אויפן פעלד!

און אויבן, און אונטן,
אַלץ גראָלעך, און שיטער...
ער זיפצט אַלץ־אין־איינעם:
„די צייט איז גאָר ביטער!"
שוואַך איז זיין שטימע
און טרויעריק אָן א שיער...
איך ווייס נישט, צי רעדט ער
צו זיך, צי צו מיר?...

.3

— „ווו נעמט מען די אַלטע...
ווו נעמט מען די יאָרן,
מ'פּלעגט דאָך מיט פערדלעך
ווי לייבן צו פאָרן!
„פון גאָט א פּרנסה, —
ס'איז גאָר נישט פאַראַנגען...
אויבוויל אין מיין וויג
איז קיין בייטש נישט געשטאַנגען...
„געלערנט אין א ח ד ר...
נאָר — זעט איר שוין — פּטור!
אבי א פּ ר נ ס ה,
און גאָט איז א פאָטער!
„געוועזן דאָך א תענוג,
איר מעגט עס מיר גלייבן...
א פּייף, און עס פליען
די פערדלעך ווי לייבן...
„די בייטש נאָר פאר גאווה...

קנאַקט אָבער, און אָבער...
קנאַקט אין דער לופטן;
עס פעלט נישט קיין האָבער!

4.

„אוי, ס'איז געווען
גאָר אנדערע צייטן;
א מענטש האָט געלעבט
ווי עס לעבט זיך ביי לייטן!

„זאָט דאָס פערדל,
דער בעל־עגלה...
געשפּאַנט שוין די בריקע
באַלד נאָך הבדלה...

„מע'ארבעט — אַן אייזל,
עס פלעגט דאָך צו לוינען...
אהין גייט די בריקע
מיט קנאַפּ גאָר פאַרשווינען...

„נאָר טויזנטער רובל
געטרויט מען א יידל!...
מע'זיצט אויף דער קעלניע,
מע'זינגט זיך א לידל!

„זדראָווע די פערדלעך,
קיין זאָלע, קיין סאַפּ...
נאָר: העיטאָ און ווישטאָ...
נישט זעלטן — א קאַפּ...

„און דאָס איז געווען,
כ'בין מודה, א זינד...

און אפשר באַצאָלט מען
דערפאַר אונדז אַצינד!...

„וואָרן (פאַרשטייט איר)
„אַ קאַפּ" איז די טייטש:
אַן איבעריקע קללה,
אומזיסטיקע בייטש.

„אַ בעל־עגלהס
אַ קונצידיק מאיען,
מ'האָט נישט געקוקט שוין
אויף צער בעלי־חיים...

מע'האקט אין די זייטן
מע'מאכט זיי שיער בלינד...
ווו נעמט מען די פערדלעך,
ווו נעמט מען זיי צינד!

„ווו נעמט מען די פערדלעך,
איך וואָלט זיי געקושט!"
ער האָט זיך בגנבה
די אויגן געווישט...

.5

— „עס אַרן די פערדלעך
קיין שניי און קיין רעגן,
פרייטיק פאַר צוועלפן,
צוריק שוין די וועגן!

„פאַרשפּייזט דאָס שטעטל,
די קרעמער אַ רעדל...

ס׳כאפּט יעדער זיין פּעקל...
איך זיץ שוין אין בעדל.

„און גאָר אויף „ע ל י ו נ י ם“,
און קום אהיים פּרוש...
דער שמייסער שיט האָבער,
און פריידל קאָכט פיש!

„און איך בעל־עגלה
בין רייכער ווי קורח,
און נעם מיר אהיים נאָך
אויף שבת אַן אורח...

6.

„אַ שילכל האָב־מיר
געהאַט גאָר באַזונדער;
אַ קליינטשיקס, אַ פּיצלס,
נאָר שיין גאָר אַ וואונדער!

„געמאָלט — אַ מחיה —
די טישן, די בענק...
פון יעדן וועג ברענגט מען
דער שיל אַ געשענק!

„גייט אייזן — נו ברענגט מען
אַ שלאָס צו דער טיר;
גייט קופּער — אַ צאַפּן
אַ נייעם צום כיור.

„אַ שייבל צום „מזרח“
טרעפט זיך, אַז גלאָז...

און אזוי פירט זיך;
דער יענץ און דער דאָס!

„מע׳קלאפּט נאָך צוזאמען,
צו גראָשן כמעט,
און ס׳קריגט שוין די תורה
א כתר, א יד.

„עס קלינגען די גלעקלעך...
איך פיל מיך באַלעבאָס...
דער עונג פון שבת,
איז אויך שוין נישט דאָס!

.7

„געווען גוטע יאָרן,
וואָס פרעגט איר א קשיא!
א קוגל... א דרימל...
און חומש מיט רשי״י...

„מיר האלטן א רבין...
דאָס תורהלע ציט...
א שאָד — ר׳איז געשטאָרבן...
א כשרער ייד...

„אים האָב איך טאקע
אין חדר געגעבן
צו די דריי יאָר
מיין נטע׳ל זאָל לעבן;

„עס ווייזט זיך מיין נטע׳ל,
א קעפּל — נישט קשה!...

צום פערטן יאָר — חומש...
א שמחה, א דרשה!

„דערנאָכדעם — בר־מצווה —
עס פליען די יאָרן.
דער רבי זאָגט: ממש —
א ווילדער זכרון..."

.8

„און ער איז געראָטן
אריין אין דער מאמען;
די אייגעלעך ברענען,
די בעקעלעך פלאמען...

„דערצו נאָך א דימענט,
א שטילער, א מתון,
און גאָט האָט געהאָלפן —
ער ווערט שוין א חתן...

„איך פאָר דאָך און פאָר
און זע א שטיק וועלט;
איך זוך נישט קיין יחוס,
חלילה, קיין געלט...

„איך טו מיט א שוסטער...
איר האָט געמוזט הערן
אמאָל פון עקיבאן...
דער עיקר — דאָס קרן.

„נאָר טאקע אן אוצר,
א מיידל — א רויז...

עס פרייט זיך מיין פריידל,
די שמחה גאָר גרויס!...

„פאַרזאָרגט איר בן־יחיד...
ווי גאָט האָט באַשערט!
זי כאַפּט אַלע כלים
און טראַסקעט אָן דר'ערד..."

.9

געווים שוין די מעשה
נישט איינמאָל געהערט,
עס ווירקט דאָך דאָס „טראַסקען" —
זעט אוים — אויפן פערד;

עס הייבט אויף די פּיסלעך
עס גייט שוין געשווינדער.
— „אוי — קרעכצט דער אַלטער —
דאָס נחת פון קינדער!

און אז פון דער חופּה
מיר גייען צוריק...
ווער'מיר שיער ביידע
משוגע פאַר גליק...

צעבעטשעט זיך פריידל
און טאַנצט מיטן קוכן...
און מיך אַזש צעזעצט עס,
און הייב אָן צו פלוכן!..."

.10

— „אַ מענטש וויל זיך נאַרן,
וויל אַלץ פאַרזאָרגן;

ה י י נ ט איז אים ווייניק,
אלץ שפעטער, אלץ מאָרגן...

א זון? נאָך אן אַנעק...
מ'האַפּט אויף משיחן,
ווינדעלעך, שנירן,
פון ליילעכער ציכן!

און ס'איז געוועזן,
וואָס קלערט איר, „ליהודים"!!
איך שלאָף אויף דער קעלניע,
און טייל די כיבודים!

און פיר אין דער בריקע
א וויג, א פלאַש וויין!...
א בראָך זאָל געשען נאָר
דער הינטישער באַן!"

.11

„אוים בריקעם — וואַגאָנען!
עס פייפט שוין און קנאַקט!
טויט בעל־עגלהס,
באַוואַקסן דער טראַקט...

עס פליט אין א זייט גאָר,
עס פייפט און עס לויפט!...
איינס נאָכן צווייטן
די פערדלעך פארקויפט...

דאָך נישט ווי עס רעדט זיך,
נישט אזוי באלד;

יאָרן לאנג פאלט מען...
מע'פאלט און מע'פאלט...

עס וויל זיך נישט גלייבן...
מע'ווינט נישט אין פעלד.
עס גייט קיין רציחות...
א וועלט איז א וועלט!

ביז ס'איז געוואָרן
פון הייזל א חורבן...
פארפוילט שוין די בריקע...
מיין פריידל — געשטאָרבן..."

.12

— „ז'איז נעבעך געגאנגען
פאר נויט פון דער וועלט...
און קיין מצבה
עד היום געשטעלט..."

„ביים שכל געשטאָרבן...
זי זאָגט אזוי גלייך:
„איך וועל מיך מיען
אין הימל פאר אייך.

כ'וועל מאכן קולות,
זיין רחמים זאָל זידן!
און זאָל נישט פארלאָזן
אַן עדה מיט יידן

זאָל שטארבן פאר הונגער!
דאָס איז נישט קיין קונץ..." —

א זאַגערן איז זי
גענוועזן ביי אונז

אין עזרת נשים...
געקאָנט האָט זי זאָגן!
נאָר ווער ווייסט צי וועט זי
זיך דאָרט דערשלאָגן.

דאָרט איז מער ספּראווּעס,
ווי דאָ, מן הסתם...
א וועלטל מיט יידלעך;
און כחול הים! —

פאַר איר איז דאָך גלייכער
אז ז'האָט נישט געזען...
די שפּעטערע זאַכן...
איז ניי'ס נאָך געשען!..."

.13

זיין שטימע ווערט שוואַכער
און רייסט זיך אים אָפּ.
עס גייט שוין געשווינדער
דאָס פּערדל באַרג־אָפּ.

בלאָס שווימט די בלאַסע
לבנה אין דער הייך,
ער דרייט זיך איבער
צו מיר אזוי בלייך

און טרויריק, און זאָגט:
„עס לעבט זיך נישט גרינג...

עס שלעפּן זיך צרות,
א רינג נאָך א רינג.

א קייט אויפן האַלדז!...
אנטלויפט מיר דער זון,
אנטלויפט דער בן־יחיד...
גאָט ווייסט ווו אהין...

לאָזט־איבער א טאַטן...
לאָזט איבער א ווייבל...
א פרומע נשמה,
א שטילע — א טייבל.

זי וויינט נישט, זי רעדט נישט.
זיצט איבערגעבויגן,
איבער דעם וויגל,
עס רעדן דאָך ד׳אויגן...

און שלעפט זי דאָס קינד איין,
(א קול האָט זי — צוקער...)
וואָס זאָל איך אייך זאָגן —
עס פאַלט פון מיר שטיקער!״

.14

— „אָט, אָן עגונה,
פאַרהאַקט און פאַרשניטן...
פּרי׳ר, כאָטש א סמיכה!...
סטייטש... דער מחותן...

ער האָט דאָך א מחיה,
באַרימט איז עקיבאַס

װאַרשטאַט אין שטעטל,
ארום די סביבות.

פון זיינס אַ פּאָר שטיװל,
פלעגט מען דאָך קװעלן...
עס זיצן ביי טישלעך
אַ צענדליק געזעלן.

און נישט צו געניגן —
עס פעלן נאָך יונגען...
עד לב השמים —
דאָס קלאַפּן, דאָס זינגען...

און שיק פּאַרן שטעטל,
און שטיװל פאַר פּויערן,
פאַר פּריצים — קאַמאַשן...
שטאַרק! עס זאָל דויערן!

פון איינענע לעדער...
איך פלעג זי ברענגען,
ער פלעגט זי שניידן,
אויף ברייטן, אויף לענגען!

מע׳האָט אים אויף כמה
וכמה געשאַצט...
מאַכט זיך דאָס באַנדל...
עקיבאַ׳לע פלאַצט...

װאַרשע פאַרפּלייצט שוין...
קאָן בעסער די תורה!
און בחצי חנם...
פון גנבישע סחורה!

און ס'זעצט אָן עקיבא
מיין בידנינקער שנור
די קעסט מיטן גדן,
צינד איז זי ביי מיר...

אַלץ בעסער ווי דאָרטן...
גאָט זאָל באַשיצן...
ער מאכט די כוסע...
דריי מיידן נאָך — זיצן!...

15

— „און נישט נאָר מירביידע! —
אַלע גייען טאַנצן!
עס זינקט, גאָט זאָל היטן,
דאָס שטעטל אין גאַנצן:

אויס בעל־מלאכהס,
דעם קרעמער נישט גרינגער,
סוחרים און מעקלער
שטאַרבן פאַר הונגער...

געמאכט אָן א חורבה,
זאָל זי נאָר קרענקען!
עס זיצן באַלעבאַטים,
פאַר טריפהנע שענקען...

ווער האָט אויף פּאַטענטן?...
מען האנדלט מיט גנבות!...
פריער זיצן זכרים,
דערנאָך די נקבות

און ס'שטעלט זיך ביים קווערטל

א דינסט, א משרת...
און — אל־מלך יושב...
וואָס קלערט איר? ס'איז צרות!

עס וואַקסט נאָר דער וואָכער...
ער האָט זיך פאַרלייגט
אויף אונזערע קברים,
און נאָגט נאָך, און זייגט..."

.16

— „און מיך פלעגט מען שעלטן
און זידלען און פלוכן...
ווו נעמט די באַן שווין...
מען האָפט אויף משיחן!

איך בין דאָס גלות,
די באַן איז משיח,
עס זאָל איר אין טאטנס
טאַטן א רוח!...

צינד קריכן פאַרשווינען
ווי קופּעלעך ביינער;
און מעסטן די בלאָטע,
און ציילן די שטיינער...

דער פּריץ ווייסט דאַנציק;
ער קאָן שווין די תורה!
מען דאַרף שווין קיין סקלאַדעס,
קיין לאַגער אויף סחורה...

מע'קויפט אלץ אין וואַרשע,
א ראָס און א שטיוול...

מע'דארף גאָר נישט פאָרן;
מע'שרייבט נאָר א בריוול...

און דאָ גייט מען לוידיק;
און פוסטע און פאָס...
עס פאַלן באַלעבאָטים
פאר הונגער אין גאַס!"

.17

„מע'קריגט זיך פאר צרות!
דער שעכט און דער אסרט,
און שלעג, און חרמות,
מע'ברענט און מע'מסרט,

א העק פונעם שטעטל,
אַלץ אויפן פנים...
און פירערליי שוחטים,
און פערצן רבנים:

א חלול־השם
זייט עטלעכע יאָרן...
צוויי פירט מען עטאַפּאָם,
דריי קומען צופאָרן!"

.18

אָט ווייטער א טאָל,
דער וועג איז שוין שווער!
עס רייסט זיך דאָס פערדל
אהין און אהער!

און ליימיס, און גריביס,

טייל ערטער געפרוירן,
עס שפּרינגט שוין דער כאָמאָנט
דעם פערד איבער ד'אויערן.

עס סאָפּעט און רייסט זיך,
אָט, דאַכט זיך, עס פּאַלט...
עס שווימט ארוים פּלוצלינג,
פון נעפּל א וואַלד...

איך הער שוין דאָס רוישן,
דאָס סודען, דאָס זשומען,
— „דער וועג וועט זיין בעסער,
נאָר מען טאָר נישט „דזימען"!

אין וואַלד איז נישט רואיק,
עס גייט היינט א געגל:
יעקב צום קווערטל,
עשו צום דרענגל".

.19

— „אוי, גוטע צייטן!
וואָס זאָל איך אייך זאָגן...
א גאַנצע וואָך גאָר נישט...
א מענטש איז דערשלאָגן!

דאָ גייט א רעצעפּטל...
א ברייטל גאָר נייטיק...
קומט שבת־קודש —
א שרעקלעכער ווייטיק!

אוים בעלי־עגלות!
צעזייעט, צעשפּרייט...

גאָט זאָל נישט שטראָפן
מיך פאר די רייד...

עס איז שוין אין קלייזל
אויך גאָר חלשות,
איך איינער — אַן אַלטער,
פול פנים חדשות...

אוים באַלעבאטים...
ס'וויל קיינער נישט שוינען...
גאָר נישט, נישט זייער...
ס'איז שיינע פארשווינען!...

אַלצדינג איז ברודיק,
פארמושבט, פארפעצט...
די „יד" איז פאַר'ישב'עט,
דער כתר — פאַרזעצט...

זיי הייסן דאָך לומדים!...
אַלץ איז פאַרדאָרבן!...
און פונקט ווי אין קלייזל —
אין שטעטל א חורבן!"

.20

— „עס איז געוואָרן
פון שטעטל א העק!
די כוחות די יונגע
אנטלויפן אוועק —

ווער קיין אַמעריקע,
גאָט ווייסט ווי סגייט'ן...

און לאָזט זיך דאָך מאָלן
מיט גאָלדענע קייטן...

עס ווערן פארשוואונדן
צו צען מיטאמאָל...
טייל, זאָגט מען נאָך, פאָרן
קיין ארץ ישראל...

ווייס איך צו זאָגן,
וואָס גלייך איז, וואָס קרום?
איך האַלט מיך ביי מיינעם:
גאָטס וועלט אומעטום...

איך פלעג מיט פארשויינען,
ביי בעסערע יאָרן,
קיין לעמבערג, קיין קראָקע,
קיין פרייסן צו פאָרן...

איך זע נישט קיין צייכן...
איך זע א זשאנדאר...
ער זאָגט מיר: גראניצא,
נו, גלייב איך דעם האר!"

.21

— „איך וועל דאָ בלייבן...
אַן אַלטער... אַ שארבן;
דאָ בין איך געבוירן,
דאָ וועל איך שוין שטארבן!

איך ווייס נישט, עס ציט דאָך,
דער הימל, דער וואלד...

וואָלט נאָר נישט געווען
נאַס אַזוי, קאַלט...

עס ציט מיך מיין הייזל,
עס איז דאָך אַ ווייטיק!...
כאָטש עס פאַלט כורעים...
אַ שינדל־דאַך — נייטיק.

עס דאַרף אין די זייטן
אי קאַלעך, אי ליים...
איך פיל דאָך מיך אינ׳עם
ביי מיר אין דערהיים!

און ווייטער די מענטשן,
אַ דאגה — די שכנים,
כאָטש כ׳האָב קיין נחת,
קיין כבוד פון קיינעם...

א ב ע ל־ע ג ל ה...
אַ שלעפּער... נו, טאקע...
וואָס בין איך? וואָס טייטש איך?
עס ציט דאָך — די מכּה!

עס דאכט זיך, מיין שורש
ליגט דאָ אין דער ערד...
ווייס איך? מיר דאכט זיך!
און ווידער פאַרקערט:

האַלט מען ביי פאָרן...
דאכט זיך מיר פאָרט,
איז ארץ ישראל
דאָס איינציקע אָרט...

כ׳וויל זען, למשל,
אָט, רחלס א קבר...
אויך ס׳בית־המדרש
פון שם און פון עבר...

דאָ ליגט א מלך...
אַ כהן... א נביא...
און היינט־זשע, די כותל,
די כותל מערבי...

און טויזנטער, טויזנטער
אנדערע זאכן...
מע׳זאָל נאָר עגונות
פון ווייבער נישט מאכן!

איך גיב אויך צו־שטייער!...
נאָר, עולם, געלאַסן,
עס איז דאָך אַ ווייטיק
די ליידיקע גאַסן...

ס׳זענען דאָ יידעלעך
אַלערליי סאָרטן...
עס וועט אייך נישט פעלן,
נישט דאָ, און נישט דאָרטן...

שבת ערשט זע איך...
אַז נישט נאָר מיין נטע׳ל —
ווי זאַלץ אין אַ וואַסער
צעגייט זיך דאָס שטעטל..."

.22

— „עט, וואָס איז לעבן?
א רגע, א חלום!...

אַט פֿאַר'מיר פֿון וועלדל
ארוים שוין בשלום!...

נאָך א שטיק בלאָטע
און נאָך א שטיק ליים...
אַלץ נענטער ווי ווייטער,
שוין באַלד אין דער היים...

איך שעם מיך פאר פריידלען,
איך כאַפּ מיך בגנבה
אדורך דעם בית-עלמין...
נאָך אָן א מצבה...

אויך דאָרט קיין מנוחה!...
אַט קוק איך אַצינד...
די אָרעמע שנור...
דאָס אָרעמע קינד...

גאָט וועט נישט שענקען...
ער וועט פארגעלטן...
מיך האָט זי באַשוואָרן,
איך זאָל אים נישט שעלטן..."

.23

— „זי בעט נאָך פאַר'עם,
דאָס אָרעמע טייבל...
און צי געדענקט ער
אַמאָל כאָטש דאָס ווייבל?

דערמאנט ער דאָס קינד זיך?...
אוי, דער נישט-גוטער!

זאָגט ער כאָטש קדיש
אַמאָל נאָך דער מוטער?...

צי וועל איך אים זען נאָך,
דאָ אָדער דאָרט?
זעט איר, איך האַלט מיך
און שעלט נישט אַ וואָרט!...

האַלט ס'מויל!

דער הימל איז באַדעקט מיט אַ בלייערן־בלויען וואָלקן. דער ווינט בלאָזט און שאָקלט מיט די בלויזע ביימער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאַנגען די שאַרפע קאָסע און איבערגעלאָזט נאָר עטלעכע דערנער. די ערד איז גאָל און וויסט... דער קאַלטער ווינטער גייט!

ערשט דעמאָלט האָט זיך מישב געווען אַ ר ו י ז, און האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן איינע אַליין אויף אַ קרושאַק, אויפן פרייען פעלד!

און שאַרלאַך־רויט איז זי געווען, געציטערט און געצאַפּלט שוין פאַר קעלט. זי האָט מיט אַלע כוחות אויסגעצויגן אירע לאַנגע, שוואַכע בלעטלעך צו כאַפּן נאָך אַ וואַרעמען, נאָך אַ ליכטיקן שטראַל.

אומזיסט! צו שפּעט!

ערגעץ אַנדערש איז אַצינד זומער! ערגעץ אַנדערש דערוואַכט ערשט דאָס נייע לעבן; נייע האָפענונגען, נייע פרייד, נייע לוסט! ערגעץ אַנדערש בליִען נייע, פרישע רויזן — אָבער דאָ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבן...

דער ווינטער, דער מלאך־המות גייט! זיין אָטעם איז פראָסט, זיין הויך איז שניי...

— „אַך, גאָט! — וויינט די רויז — האָב רחמנות אויף מיר! איך בין אַזוי יונג, איך וויל אַזוי לעבן! פאַרוואָס באַהאַלט זיך פאַר מיר די זון? פאַרוואָס זאָל מיך פאַר דער צייט אונטערשניידן דער פראָסט, פאַרשיטן דער שניי? וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין צו שפּעט גערופן, צו שפּעט געקומען? פאַרוואָס זאָל איך שטאַרבן גאָר אומגעלעבט? פאַרוואָס זאָל איך אַוועקגיין פון דיין וועלט אָן אַ שטראַל פון דער זון, אָן אַ וואַרעמע, גוטע רגע?"

— „האַלט ס'מויל!" — האָט אַ פייף געגעבן דער בייזער ווינט, און האָט פאַרשיט די וויינענדיקע בלום מיט שטויב און פוילע בלעטער...

לעבעדיקערהייט האָט ער זי באַגראָבן! —

דאָס אָרעמע ייִנגל

(א מעשה, פאַרציילט דורך אַ „מענטש" פון א „קאָמיטעט")

— גיט מיר אַכט גראָשן אויף אַ נאָצלעג 1)

„ניין!" — ענטפער איך האַרט און גיי אַוועק.

ער לויפט מיר נאָך מיט א הינטישער בקשה אין די ברענענדיקע אייגלעך, ער קושט מיר דעם אַרבל, — עס העלפט נישט! „מיינע הכנסות טראָגן נישט אויף אַזוינע נדבות יעדן טאָג!"

„אָרעמע לייט — טראַכט איך, אַרויסגייענדיק פון דער „אָרעמער קיך", ווו איך בין מיך אַזוי האַרט באַגאַנגען מיטן בעטלערישן ייִנגל, — אָרעמע לייט עסן זיך געשווינד צו".

דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב דערזען דאָס אויסגעדאַרט־ברודיקע, יונגע פּנימל, מיט די טיף־איינגעפּאַלענע, שוואַרץ־ברענענדיק־טרויעריקע נאָר קלוגע אייגעלעך, האָט עס מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. איידער איך האָב זיין בקשה אויסגעהערט, האָט עס מיר שוין געגעבן א ב ר י, און א צענערל איז „אַרויסגעפלויגן" פון מיין טאַש אין זיינע דאַרע הענטלעך אַריין.

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז די האַנט מיינע האָט עס א ל יי ן געטון. זי האָט נישט געפרעגט דאָס האַרץ, צי עס האָט רחמנות, נישט דעם רואה־חשבון — דעם מוח, — צי ביי א פּענסיע פון 41 רובל מיט 66 קאָפּיקעס א חודש, קאָן מען געבן פינף קאָפּיקעס צדקה.

זיין בקשה איז געוועזן אַן עלעקטרישער פונק, ער האָט דערשיטערט יעדעס אבר אין מיר, יעדעס קעמערל אין יעדן אבר, און מיין רואה־חשבון, דער מוח, האָט ערשט שפּעטער געקריגן א „ידיעה" פון דער נייער

---

1) אַ הויז פאַר אָרעמע לייט צום איבערנעכטיקן.

הוצאה; ערשט שפּעטער, ווען דאָס ייִנגל איז שוין, אונטערשפּרינגענדיק פֿאַר שׂמחה, אַרויס פֿון „טאַניאַק" 2)

פֿאַריאָגט אין אייגענע און אין פֿרעמדע געשעפֿטן, האָב איך באַלד אינעם ייִנגל פֿאַרגעסן. נאָר, אַ פּנים, נישט אינגאַנצן. נישט ווייסנדיק דער־פֿון, האָט דאָך אין מיר ערגעץ געמוזט זיין אַן „אספּה" פֿון פּראַקטישע מחשבות. וואָרום באַלד דעם צווייטן אָוונט, אַז דאָס ייִנגל האָט מיך ווייטער אָפּגעשטעלט, אַז דאָס אייגענע ייִנגל, מיטן ציטערדיק־אָפּגעריסענעם קול, האָט מיך ווייטער געבעטן אויף אַ „נאַצלעג" — זענען מיר שוין אַרויסגעשוווּמען, פֿון ערגעץ און מיר, ג ר י י ט ע מחשבות: אַ 7—8 יאָריקער ייִנגל דאַרף נישט בעטלען... נישט האַלטן זיך אין קיך... דאָס עסן אין קיך פֿאַרן צוזאַמענעמען די כּלים, מאַכט אים נאָר פֿאַר אַ לײדיק־גייער, פֿאַר אַ בעטלער; אַזוי־ערנאָך וועט פֿון אים קיינמאָל קיין לייט נישט זיין...

די האַנט מיינע האָט זיך ווייטער גערוקט אין קעשענע אַריין, נאָר א י ך האָב זי דאָרט דערטאַפּט און פֿאַרהאַלטן. וואָלט איך פֿרום געווען, וואָלט איך אפשר אַזוי געקלערט: צי די מצווה איז ווערט די אַכט גראָשן? צי וואָלט איך נישט יוצא געווען אויף דעם אָרט מיט מנחה־דאַווענען? אָדער מיט אַ הייסערן קרעכץ ביים דאַווענען? נ י ש ט פֿרום, האָב איך דעם ייִנגלס טובֿה געהאַט אין זינען; מיט מיינע אַכט גראָשן וועל איך אים נאָך אַ ר ע ה ט ו ן ! אַן אייביקן בעטלער פֿונעם מאַכן!

און דאָך האָב איך אים דעמאָלט געגעבן! די האַנט האָט זיך געריסן פֿון קעשענע אַרויס און איך האָב זי לענגער נ י ש ט פֿאַרהאַלטן; עפּעס האָט מיר אַרום האַרץ ווײ־געטאָן, די אויגן זענען מיר פֿייכט געוואָרן. ער איז ווייטער אַרויס פֿון קיך מיט אַ שׂמחה, און איך האָב געפֿילט, אַז מיר איז גרינגער און לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרץ, איך האָב דערפֿילט אַ שמייכל אויף מיין פּנים.

דאָס דריטע מאָל האָט שוין לענגער, אַ סך לענגער געדויערט. איך האָב שוין באַרעכנט, אַז מיין פּענסיע דערלויבט מיר נישט אויסצוגעבן 8 גראָשן אַ טאָג; עס איז טאַקע אַ פֿאַרגעניגן צו זען דאָס פֿאַרווײנטע, נישט־דרייסטע ייִנגל אונטערטאַנצן פֿאַר שׂמחה, צו זען, ווי עס צינדן זיך

2) אַ קיך פֿאַר אָרעמע לייט.

די ליכטלעך אין זיינע יונגע אויגן אָן, צו ווייסן, אַז פֿאַר דיינע אַכט גראָשן וועט ער נישט נעכטיקן אין גאַס, נאָר אין „נאַצלעג”, ווו עס וועט אים וואַרעם זיין און ער וועט נאָך אינדערפֿרי קריגן אַ גלאָז טיי מיט אַ זעמל — דאָס אַלעס איז אַ פֿאַרגעניגן, נאָר איך, ביי מיינע הכנסות, טאָר מיר נישט דערלויבן אויף אַזוינע „שמחות”! — קיינעם וועגס!

נאַטירלעך האָב איך דאָס אַלעס דעם יינגל נישט געזאָגט! איך האָב אים בעסער געמוסרט, ווי דען!

איך האָב אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיטן בעטלען פֿירט ער זיך איבער... אַז יעדער מענטש, און פֿון אים דאַרף אויך אַרויסוואַקסן אַ מענטש, דאַרף, איז מחויב צו אַרבעטן... אַרבעט איז אַ הייליקע זאַך! און — אַז מען זוכט אַרבעט, געפֿינט מען זי! און דערגלייכן געלעזענע גוטע זאַכן, וואָס האָבן דעם יינגל נישט געקאָנט פֿאַרטרעטן דעם „נאַצלעג” נישט דינען אַפֿילו פֿאַר אַ געליענעם שירם, געשיצט צו זיין איבער נאַכט פֿאַרן רעגן אָדער שניי...

ער איז אַלץ געשטאַנען און געקושט מיר דעם אַרבל... און אַלץ אויפֿגעהויבן די אויגן צו מיינע צו זען, אויב עס ווייזט זיך נישט אין זיי אַ פֿונק רחמנות, אויב זיינע ווערטער פֿאַלן נישט ווי אַרבעס אויף דער וואַנט! און איך האָב געפֿילט, אַז ער האָפֿט נישט אומזיסט, אַז מיינע קאַלטע מחשבות ווערן וואַרעם, אַז זיינע הינטיש-בעטנדיקע אויגן האָבן אויף מיר אַ פּעולה, אַז איך מיט מיין גאַנצער באַטעריע פֿון חשבונות און מוסר וועל מיך, אין קורצן אונטערגעבן... און איך האָב אַ ישוב געהאַט: איך וועל אים געבן, נאָר אָנזאָגן איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, ער זאָל שוין מער נישט בעטלען. אָנזאָגן האַרט און שאַרף, ער זאָל געדענקען! איך האָב קלענער געלט פֿאַר פֿינף-קאָפּיקן-שטיק נישט געהאַט, איך האָב אַ מטבע אויסגעטוישט און געגעבן אים אַכט גראָשן.

— נאַ! נאָר מער, הערסטו, זאָלסטו ביי מיר נישט בעטלען!

פֿון וואַנען האָט זיך דער „ביי מיר” גענומען? איך האָב אים, דאַכט זיך, נישט אין זינען געהאַט; על כל פּנים, האָב איך די צוויי ווערטער נישט געוואָלט זאָגן; איך וואָלט זיי גערנוויליק פֿאַר וועלכע קאָפּיקע צוריק איינגעשלונגען? עס איז מיר אַביסל קיל געוואָרן אויף דער נשמה, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב איר פֿון ערגעץ אַן אָרט אַ לאַפּן אָפּגעריסן,

און דאָס וואָרט איז נאַקעט געבליבן! נאָר דאָס איז דורך ווי א בליץ; מיין שטרענג פנים, מיין שארף־מעטאלן קול, מיין אויסגעשטרעקטע רעכטע האנט און ארויסגעשטעלטער לינקער פוס, האָבן זייערס געטון! איך האָב א שטארקע פעולה געהאט אויפן יינגל! שטייענדיק, ווי אויף ברענענדיקע קוילן, ווילנדיק זיך אויסרייסן פון קיך כדי פרי צו קומען צום „גאַצלעג", איז ער דאָך פון מיינע ווערטער בלאס און בלאסער געוואָרן, א טרער האָט אָנגעהויבן ציטערן אין דער יונגער ברעם...

— נאָר נישט מער בעטלען, האָב איך מיין מוסר געענדיקט, הערסט! דאָס לעצטע מאָל!

דאָס יינגל האָט אָפּגעטעמט און אַנטלאָפן!

היינט — היינט האָב איך אים שוין טאקע נ י ש ט געגעבן! מיין וו אָ ר ט וועל איך נישט ברעכן; ביי מיר איז נישטאָ קיין „בלי נדר ובלי מסקנא" — איך לייג פאָר מיינע ווערטער קיין „עירוב" נישט, איך זאָל קאָנען ווייטער אריבערגיין, א וואָרט — איז טייער! מען דארף זיך האלטן פעסט, א נישט, וועט קיינמאָל אין קיין זאַך קיין „אָרדענונג" נישט זיין!

איך ב א ר ע כ ן נאָך אמאָל, וואָס איך האָב געטון און געזאָגט, און בין זייער צופרידן פון זיך.

איך קאָן נישט יעדן טאָג געבן 8 גראָשן צדקה, און דאָך איז נישט דאָס געוועזן דער עיקר; דער עיקר האָב איך זיין טובה געמיינט, טובת הכלל אויך! וואָרום וואָס איז ווערט צדקה אָן א סדר, און ווי קאָן זיין א סדר אָן א פעסטער דעה?

מיטן יינגל האָב איך פּראָסט יידיש גערעדט, מיט מיר אליין רעד איך אביסל געלערנטער; ארויסגייענדיק פון קיך טראכט איך: „דער ערגד סטער מיקראָב אין דער חברהס גוף איז בעטלעריי. דער, וואָס ארבעט נישט, האָט נישט קיין רעכט אויפן לעבן, א. ז. וו."

קוים האָב איך די טיר פון „טאניאק" הינטער מיר פארמאכט, בין איך אריין מיט די פיס אין בלאָטע, מיטן פנים אין וואנט און מיט „לייב און לעבן" אין דער פינצטערער נאכט!

עס איז א שרעקלעכער ווינט, עס ציטערן די פלאמען אין די גאסן־לאָמפּן ווי פאר קעלט, און זייער ציטערנדיקער שיין שלאָגט זיך טויזנט־פאך אָפּ אין די נאסע בלאָטע־גריבלעך אין גאס, אז עס שווינדלט פאר די אויגן.

עס פּייפט מיט א יאָמערלעך קול, גלייך טויזנטער נשמות בעטן זיך „תקון", אָדער טויזנט יינגלעך — צו 8 גראָשן אויף נאָצלעג.

פוי! ווייטער דאָס יינגל...

עס איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרייבן אין גאַס אַריין!... און דאָך וועט דאָס יינגל נעכטיקן אין גאַס!... נאָר וואָס זאָל איך טון? ווייניק פאַר מיר 3 מאָל? זאָל אצינד אַן אַנדערער געבן! עס איז געגנג פון מיין זייט, אַז איך האָב מיטן קראַנקן האַלדז און הוסטנדיק אין אַזאַ וועטער דעם טאַניאַק באַזוכט. איך בין טאַקע אַ „קאָמיטעט־מענטש", נאָר קיינער האָט פון מיר נישט פאַרלאַנגט, איך זאָל אַכטונג געבן, בפרט אין אַזאַ וועטער, אָן אַ פּעלץ... וואָלט איך פרום געווען, וואָלט עס פון מיין זייט איינגענוץ געווען; איך וואָלט געמיינט כאָטש מיין טובה דערביי: איך וואָלט געשווינד אהיימגעלאָפן, אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט און איינגעשלאָפן, די נשמה זאָל געשווינט אַרויפפליען אין הימל אַריין און פאַרשרייבן אויף איר קאָנטאָ אַ מצווהלע... דאָס מצווהלע איז „קרעדיט", דער „דעבעט" וועט זיין אַ פעט שטיקל לויתן... איך — האָב געהעגדיק אין „טאַניאַק" אַריין קיין לויתן נישט אין זינען געהאַט... מיין גוט הארץ האָט מיך געפירט...

מיך אַליין לויבנדיק איז מיר עפּעס וואַרעמער געוואָרן אין דער נעגנט פון האַרץ; ווען יענער לויבט מיך, וואָלט איך מיך געמוזט פאַרשעמען און אַוועקמאַכן מיט דער האַנט... מיך אַליין קאָן איך הערן אָן בושה... און איך וואָלט מיך אפשר לענגער נאָך געלויבט, נאָך מעלות טובות אין זיך געפונען, נאָר, לײדער, בין איך מיט מיינע „האַלבע־פּאַדעשווים" — איין גאָט ווייסט, אַז די אַנדערע צוויי העלפטן האָב איך אויסגעריבן אויפן וועג צום טאַניאַק! — בין איך מיט מיינע האַלבע פּאַדעשוועס אַריין אין אַ בלאָטע...

„שליחי מצוה אינן ניזוקין" — נאָר דאָס איז, אפנים, נאָר אַהין־צו־וועגס; צוריק צו־וועגס, בשעת ווען דער ניי־באַשאַפענער מלאך יאָגט זיך שוין צוריק אין הימל אַריין, קאָן מען אפילו האַלדז־און־לייב ברעכן.

עס ווערט מיר נאַס אין די פיס און קאַלט אין די אַלע אברים; איך פיל פּאָזיטיוו, אַז איך וועל מיך פאַרקילן, אַז איך האָב מיך שוין פאַרקילט; אָט באַלד וועל איך מיך צעהוסטן, עס וועט מיך אָנהייבן שטעכן אין דער ברוסט! עס־פאַלט אויף מיר אַ שרעק... ערשט נישט לאַנג 4 וואָכן אָפּגעלעגן!

— מען טאָר נישט אזוי! מאַכט אין מיר עפּעס קעגן מיר אליין א מרידה, ניין! דיך מעגסטו מקריב זיין! נאָר דיין ווייב און קינד? ווי האָסטו א רעכט זייער שטיץ איינצושטעלן?

ווען דער זאץ זאָל זיין א געשריבענער, איך זאָל דעם פרעמדנס זאצס לעזער זיין און האלטן דערביי א בליישטיפט אין דער האנט, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס מיט אים צו טון... נאָר דער זאץ איז מיין אייגע־נער געוועזן...

און איך פיל מיך פאָרט פארקילט, און אהיים איז נאָך ווייט, און די קאמאשן זענען פול מיט וואסער, קאַלט און שווער... קעגנאיבער לייכטן עטלעכע פענצטער פון א קאָנדיטעריי... די ערגסטע אין גאנץ ווארשע, שענדלעכער טיי, נאָר ביי „אין ברירה"!...

איך שפּרינג אריבער די גאס און פאַל אריין אין א ווארעמען נעפּל.

און איך האָב באַשטעלט א גלאָז טיי און געכאַפּט א „פלוג־בלאַט".

דער ערשטער אילוסטרירטער וויץ, וואָס פאלט מיר אין די אויגן אריין, זעט מיר אויס אלס א המשך פון דרויסן. דער וויץ הייסט: „ווער אין וואָס האָט איבערפלוס?" אויפן בילד איז א וועטער ווי איצט אין גאס. צוויי פּערזאָנען קומען זיך אנטקעגן אויפן טראָטואר: פון איין זייט א דיקע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, „אָן אָנגעגעסענע", אין א זיידן קלייד, א סאַ־מעטענעם מאַנטל און א ווייסן פעדער־הוט. זי איז, אפנים, ביים גוטן וועטער ארויסגעגאנגען שפּאצירן, אָדער מיט א וויזיט, און דאָס אומווע־טער האָט זי אומגעריכט געטראָפן; דאָס פּנים אירס איז איבערגעשראָקן: זי שרעקט זיך פאר רעגן און קעלט פאר זיך, און אפשר — נאָר פארן מאַנטל; זי איילט, עס קומט איר עטלעכע טראָפּן שוויים אויפן ווייסן שטערן ארויף; זי איילט, נאָר אירע טריט זענען דאָך נישט זיכער. זי האָט ביידע הענט פארנומען. אין דער לינקער האנט, דורכגענומען דורך דער מופע, האלט זי די זיידענע שלעפּ, שוין גוט מיט בלאָטע פארברעמט; און אין דער רעכטער האנט — א קליינעם זיידענעם שירם, וואָס פאר־דעקט איר קוים דעם פעדער־הוט איבערן קאָפּ! דער דאמע פעלט נאָר א שטיק שירם! פאר דאָס האָט זי איבערפלוס — אין אלעם אנדערן. עס איז א פּנים אָן זאָרג, פון א זיבעטער זעט, פון אלדאָס גוטס!

קעגנאיבער דער דאמע קומט אָן א יונג מיידל — הויט און ביין!

זי האָט אפשר לאנגע און שיינע האָר, נאָר זי האָט געווים וויניק צייט צו זיין; זיי זענען צערפלאָסן, צעשויבערט, און דער ווינט יאָגט זיך ארום מיט גאנצע פענקעס האָר און קלאפּט זי מיט זיי אויף די דארע פּליצעס. זי טראָגט א שטארק געלאטעט דין קליידל, און דער ווינט האָט זיך צו איר צוגעציפּעט און זוכט נאָר א שפּארע, זיך ארייַנצוגנבענען, זיך צוציען צום דארן לייב. אויף די פּיס האָט זי א פּאָר הויכע שיך — פון בלאָטע! זי גייט אויך נישט זיכער אויפן ווינט; ערשטנס, איז איר דער ווינט גלייך אין פּנים אריין, צווייטנס, האָט זי אויך ביידע הענט פארנומען: אין דער לינקער האנט טראָגט זי א פּאָר גרויסע מענישע — געווים דעם פאָטערס — שטיוול, צו פאַריכטן... די אויפגעשפּאָלטענע פּאָדעשוועס לאָזן מיך זי נישט חושד זיין, אז זי טראָגט זיי אין א שענק, פאר א פלאַש בראָנפן צו פארזעצן... געווים איז דער פאָטער אהיימגעקומען מיד פון דער ארבעט, די מוטער קאָכט וועטשערע, און זי, די עלטסטע טאָכטער, האָט מען ארויסגעשיקט פאריכטן די שטיוול — אויף אינדערפרי מוזן זיי זיין פארטיק. זי איילט, זי־ווייסט, אז אויב דער שוסטער וועט אויף מאָרגן נישט פארטיק מאכן די שטיוול, וועט א גאנצן טאָג קיין פייער אויפן קוימען נישט זיין... זי סאפּעט — די גרויסע שטיוול זענען צו א שווערע לאסט פאר דעם קליינעם קינד, נאָר נאָך שווערער איז די משא אין דער לינקער האנט: זי טראָגט — אן אומגעהייערן ווענס־שירם איבער זיך! און זי טראָגט אים מיט שטאָלץ — דער פאָטער האָט איר דעם שירם געטרויט!

דעם קינד פעלט א סך זאכן: ווינטער — וואַרעמקייט, זומער און ווינטער — קליידונג, א גאנץ יאָר — עסן צו דער זעט... דערפאר האָט זי איבערפלוס אין ש י ר ם !

איך בין זיכער, אז אין דער רגע איז איר די רייכע דאמע מיטן ש י ר ם מקנא!

דאָס קליינע דארע מיידעלע מיט די שעלמיש־לאכנדיקע אויגן, כאָטש זי קערט זיך יעדע מינוט שיר־נישט איבער פון ווינט, — שמייכלט מיר אנטקעגן פון בלאט אראָפּ:

„נו, זעסט? מיר האָבן אויך אמאָל נחת!”

„אָט, לאך איך אויס יענער דאמע!”

נאָר, באַצאָלנדיק פאר דעם נישט־דערטרונקענעם טיי, דערמאָן איך מיך ווייטער אָן מיין בעטלערישן יינגל.

ער האָט נישט קיין ש י ר ם , אויף אים וואַרט נישט קיין ה יי ם , זאָל זיין מיט טרוקענע קאַרטאָפל, אָן פּוטער! אויף אים וואַרט נישט קיין פּ י צ ל בעט, אַ טאַטן אָדער אַ מאַמען צופוסנס... און אפילו די א ו מ־ ג ל י ק ל ע כ ע ד א מ ע וואָלט אים נישט געהאַט מיט וואָס מקנא צו זיין!

ווי אַזוי האָט ער זיך מיר דערמאָנט? אהא! איך געדענק: עס איז מיר דורכגעפלויגן אַ מחשבה, אַז פאַר דעם צענערל, וואָס איך האָב באַ־ צאָלט פאַר דעם כמעט נישט פאַרזוכטן טיי, וואָלט דאָס אָרעמע יינגל געהאַט: פאַר אַ צווייער אַ האַלבע פּאָרציע זופּ אָדער אַ שטיקל ברויט און — אַן אָרט, ווו צו נעכטיקן...

פאַרוואָס האָב איך טיי באַשטעלט? אין דער היים קאָכט, וואַרטנ־ דיק אויף מיר, דער סאַמאָוואַר, עס זיצט עמעצער מיט אַ ג ר יי ט ן שמייכל אויפן פּנים, אויפן טיש ליגט אָנגעגרייט עפּעס צו פאַרבייסן — איך האָב מיך אָבער געשעמט נ י ש ט צו באַשטעלן קיין טיי!

— נו, מיין בושה איז אויך עפּעס ווערט! — טרייסט איך מיך.

אין גאַס האָט אויף מיר געוואַרט נאָך אַ שטאַרקערער ווינט.

ער רייסט די דעכער מיט אַ כעס, גלייך ער וואָלט אַן אַנטיסעמיט און זיי — יידן געווען; נאָר די דעכער זענען אייזן און ביי זיך אין דער היים. ער לאָזט זיך אַראָפּ מיט רציחה צו די לאַמטערן אין גאַס, זיי האַלטן זיך דאָך גלייך און לייכטן ווייטער, ווי געלערנטע העלדן אין דער אינקווי־ זיציע - צייט! ער לאָזט זיך אַראָפּ נאָך טיפער און רייסט דעם ברוק פון גאַס, נאָר די שטיינער זיצן טיף איינגעגראָבן, און די ערד לאָזט אירע שכנים נישט אַזוי לייכט אַרויס; ער הייבט זיך צוריק אויף מיט אַ כעס, אַרויף, אַרויף אין דער הייך, נאָר די הימלען זענען ווייט, און די שטערן קוקן אַראָפּ גלייכגילטיק אָדער מיט ח ו ז ק ...

די מענטשן אין גאַס בייגן זיך, נייגן זיך, ציען זיך צוזאַמען, ווייניק אָרט צו פאַרנעמען, דרייען זיך אַלע מאָל איבער, דעם אָטעם צו כאַפּן, און גייען דאָך ווייטער זייער זיכערן וועג...

— נאָר דאָס אָרעמע, שוואַכע יינגל — קריג איך מורא — ווי וועט עס מיט אים דערגיין?!

מיין גאנצע פילאָזאָפיע האָט מיך פאַרלאָזט, און מיין גאַנץ רחמנות האָט זיך דערוועקט...

ווען דאָס איז מ יי ן קינד? ווען איך זאָל קלערן, אז דער ווינט קערט איבער מיין א יי ג ן פליש און בלוט? ווען מ יי ן קינד דאַרף אין אַזאַ ווינט נעכטיקן אין גאַס... אָדער, ווען אפילו ער האָט שוין שפּעטער אויסגעבעטלט אַכט גראָשן, גיין אין אַזאַ שטורם קיין פּראַגע, איבער דער ווייסל, איבער דער בריק!...

צי ווייל ער איז נישט מיין, איז ער דעריבער ערגער? צי ווייל די, וואָס ער איז זייער, ליגן ערגעץ אין א קבר אונטער א מצבה, פילט ער ווייניקער דעם ווינט? ציטערט ער ווייניקער פאַר קעלט?

איך פאַרליר דעם חשק אַהיימצוגיין; מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב נישט קיין רעכט נישט צו דער וואַרעמער שטוב, נישט צום קאַכעדיקן סאַמאָוואַר, נישט צום וואַרעמען בעט, און בפרט — צום שמייכל פון די, וואָס וואַרטן אויף מיר אין דער היים. מיר דאַכט זיך, אַז אויף מיין שטערן מוז שטיין אויפגעשריבן אַן ענלעך וואָרט ווי „רוצח”, „קין”... מיר דאַכט זיך, אַז איך דאַרף מיך קיינעם אין די אויגן אריין נישט ווייזן...

און עס פאַלט מיר ווייטער איין צו קלערן וועגן פרומקייט.

— א מיין וואָלט איך, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, — שעלט איך מיך, — פרום געוועזן! וואָס וואָלט מיר געשאַט, איך זאָל זיכער זיין, אַז דער, וואָס ווינט העכער איבער אַלע שטערן, איבער אַלע הימלען, קומט קיין רגע נישט אַוועק פון אונדזער וועלט... אַז ער וועט קיין רגע אָנעם יינגל נישט פאַרגעסן?...

פאַרוואָס זאָל ער ליגן מיר אויפן האַרץ, איך וואָלט אים בעסער פראַנק און פריי אויפן ה א ר ץ פון דער גאַנצער וועלט געוואָרפן; ער וואָלט מיר קיין רגע פאַר די אויגן נישט געשטאַנען, ווען איך זאָל וויסן, אַז ער איז זיכער אונטערן גרויסן קאָסמאָס־אויג, וואָס, ווען עס זאָל זיך, חלילה, אויף איין רגע צומאַכן, וואָלט גאַנצע וועלטן דער טייוול גענומען, אָבער, כל זמן עס איז אָפן, וועט דאָס קלענסטע ווערמל אָן חשבון, אָן משפּט, אָן יושר נישט פאַרלוירן ווערן...

אצינד, מוז איך מיטן קראַנקן האַלדז, מיט נאַסע פיס, ביי אַזאַ וועטער צוריקגיין אין „טאַניאַק” אריין זוכן דעם פרעמדן יתום... עס איז א חרפּה און א בושה!...

וואָס די „חרפּה” און די „בושה” זענען געווען, מיט וואָס און פאַר וועמען איך האָב מיך געשעמט — ווייס איך נישט עד־היום. און דאָך, דער חרפּה און דער בושה צוליב, בין איך געגאַנגען צום „טאַניאַק” נישט אין גלייכן וועג; איך האָב אַרומגעקאָלעוועט עטלעכע גאַסן און ענדלעך — געקומען.

די ערשטע שטוב, די שפּייז־זאַל, איז לעער. דאָס „גיהנם” פון אַ גאַנצן טאָג הייבט זיך אָן אָפּקילן, און די פּאַרע הייבט זיך העכער און העכער פון איבער דער נאַסער פּאָדלאָגע און בילדעט אַ נייעם „הימל”, אַ נייע „אויסשפּרייטונג” צווישן די אונטערשטע וואַסערן פון די אָרעמעלייטס פּיס, און די אייבערשטע — פון דער געטריפטער פּאַרע. ערטערווייז רעגענען די טראָפּן אַראָפּ, דורכן אָפענעם פענצטערל אין קיך אַריין זע איך די פאַרשלאָפענע קעכן מיטן פאַרוקטן שייטל שטייען אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער האַנט אויפן גרויסן קעסל, פירנדיק מיט דער רעכטער האַנט גאַנץ פויל דעם גרויסן קאָכלעפל צו די ליפּן. די צווייטע, די „אונטער־קעכן”, בראָקט לאָקשן אויף מאָרגן, אויך פאַרשלאָפן. דער „ממונה” ציילט די קוויטלעך אויף מיטיקן אויפן קאָמיטעטס חשבון... מער איז קיינער נישטאָ. איך וואַרף אַן אויג אונטער די טישן — עס איז פון יינגל קיין זכר נישטאָ!

איך בין צו שפּעט געקומען!

— כאָטש גוט, — טראַכט איך, אַרויסגייענדיק פון קיך, — וואָס קיינער האָט מיך נישט באַמערקט...

ראַפּטום דערמאָן איך מיך, אַז איך בלאָנדזשע שוין עטלעכע שטונדן אין גאַס.

— וואָס איז פאַר אַ טייוול מיט מיר? — ווער איך בייז, און הייב אָן צו שפּרייזן אַהיים.

איך בין צופרידן, וואָס אַלע שלאָפן שוין, איך וואַרף אַראָפּ די קאַמאַשן אין פעדערהויז, גנבע מיך אין שטוב און אין בעט אַריין — נאָר איך האָב אַ שלעכטע נאַכט געהאַט.

מיר, פאַרקילט און דורכגענעצט, האָט לאַנג געדויערט איידער איך האָב מיך אויסגעהוסט און דערוואַרעמט, צווישן די ביינער האָט מיר

ארומגעבלאָנדזשעט א מין שוידער... רעכט איינגעשלאָפן בין איך גאנץ שפּעט און דאן ערשט האָבן מיך שלעכטע חלומות געמוטשעט.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, באַדנדיק זיך אין קאלטן שוויים און בין ארויסגעשפּרונגען פון בעט גלייך צום פענצטער צו.

איך קוק ארוים — דער הימל איז אויסגעשטערנט... די שטערן זעען אוים, ווי בריליאַנטן אין אַן אייזערנעם הימל געפּאַסט... זיי בלאַנדזשען אַזוי שטאָלץ, אַזוי רואיק און אַזוי הויך!

הינטן רייסט דער ווינט; עס ציטערט דאָס גאנצע הויז.

איך בין צוריק אין בעט אריין, געשלאָפן בין איך שוין נישט מער, נאָר געדרימלט, איך האָב שוין נאָר האלבע חלומות געזען, און אַלץ מיטן יינגל אינדערמיט...

וואָס אמאָל האָב איך אים געזען אויף אַן אנדער אָרט. דאָ שלעפּט ער זיך ערגעץ אין גאַס, דאָ זיצט ער איינגעהויקערט אויף עטלעכע טרעפּלעך אונטער א דעכל פון א געוועלב, אמאָל שפּילן גאָר מיט אים טייוולאָנים אין באַל... ער פליט אין דער לופט פון איין האנט אין דער צווייטער אריין... שפּעטער טרעף איך אים שוין געפרוירן, פארשטאַרט אין ערגעץ א מיסט־קאַסטן...

איך האָב קוים דעם מאָרגן דערלעבט און גלייך געלאָפן אין מאניאַק אריין.

ער איז דאָ!

איך זאָל מיך נישט געווען שעמען, וואָלט איך אים די בלאַטע פון פּנים מיט דאנקבאַרע טרערן אָפּגעוואַשן; איך זאָל נישט מורא האָבן פארן ווייב, וואָלט איך אים אלס אייגן קינד אהיימגעפירט...

ער איז דאָ, איך בין נישט זיין רוצח!

— נאָ!

און איך האָב אים א צענערל דערלאַנגט.

ער נעמט עס פאַרוואונדערט; ער ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר א טובה ער האָט מיר געטון...

לעבן זאָל ער!

און דעם צווייטן טאָג, אז ער האָט ווייטער ביי מיר געבעטלט אויף א נאָצלעג, האָב איך אים נ י ש ט געגעבן, אָבער שוין קיין וואָרט מוסר נישט געזאָגט. נאָך מער — איך בין אוועקגעגאנגען פארשעמט, נישט צופרידן פון זיך אליין.

געבן קאָן איך באמת נישט, נאָר דאָס הארץ טוט דאָך וויי: פאר־וואָס קאָן איך נישט?

נישט אומזיסט פלעג מיין זיידע, עליו השלום, זאָגן:

„ווער עס איז נישט פרום, לעבט מיט הארץ־ווייטיק און שטארבט אָן טרייסט".

ביים פאַקיער

צו'ן אַ פאַקיער קומט אַריין אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך זייער שווערלעך באַשרייבן: באָרוועס, מיט אַלט־צעריסענע קליידער אויפן דאַרן לייב, און דאָך איז יעדע באַוועגונג זיכער, כמעט שטאָלץ. די גערונצלטע פאַרמיט־הויט אויפן געזיכט זאָגט, אַז ער איז אַלט, זייער אַלט, און דער בליק פון גרויסע, שוואַרצע אויגן איז שטרענג און פול קראַפט פון אַ יונגנמאַן. די ליפּן בלוילעך און צעפּלאַצט, און ביי די ווינקלען פון שמאָלן מויל בלאָנדזשעט דאָך אַ שמייכל פון בענקשאַפט, איראָניע און גוטקייט צוזאַמען.

דער פאַקיער שטייט אויף און גייט אים אַנטקעגן, וואָס ער טוט זעלטן פאַר רייכע און גרויסע לייט.

— איך האָב צו דיר אַ בקשה; — זאָגט דער גאַסט —

— זאָג, וואָס דיין פאַרלאַנג איז, ענטפערט דער פאַקיער.

— וועסטו מיר טון, וואָס איך וויל?

— אויב איך וועל וועלן, — ענטפערט דער פאַקיער, און גיט־צו מיט ענוות: — און אויב איך וועל קאָנען.

— דו קאָנסט, דאָס ווייס איך, — זאָגט דער גאַסט, און זיין שטימע קלינגט וואָס אַמאָל העלער און ערנסטער צוזאַמען. — איך האָב עס פון דיר נישט איינמאָל געזען, נאָר נישט א ו מ ז י ס ט ...

— און דו קאָנסט נישט באַצאָלן?

— פּילייכט... דאָך...

— מיט וואָס? — פרעגט דער פאַקיער און מוסטערט נאָך אַמאָל דעם אָפּגעריסענעם שטאָלצן גאַסט... האָסטו נישט, מיין קינד, ערגעץ...

— געגנבעט? ניין... נישט מיט געלט וויל איך דיר באַצאָלן... מיט מיין אייגענער געשיכטע.

— זי איז אַזוי וויכטיק? זי וועט מ י ר צונוץ קומען?

— וויכטיק, ווי פאַר איינעם... צי זי וועט דיר צונוץ־קומען, ווייס

איך נישט... דאָך וועט זי דיך באַפרייען פון מי און מאַטער.

— ווי אַזוי?

— מיין אַריינקומען, מיין פּערזאָן, האָט אויף דיר אַן איינדרוק גע־מאַכט. איך האָב דיך פאַראינטערעסירט... אַז איך וועל אַוועקגיין מיט אַ פאַרשלאָסן מויל, וועסטו נישט איינמאָל פאַרטראַכטן זיך און קלערן: ווער איז ער געווען? וואָס האָט ער געקאָנט וועלן? און אַ פאַקיערס צייט איז טייער, זיינע געדאַנקען — נאָך טייערער! פון צייט און געדאַנקען לעבט אַ פאַקיער!

דער פאַקיער האָט געקלערט אַ ווייַלע, ער האָט זיך געפּרוווט, ווי וויַיט ער איז ווירקלעך פאַראינטערעסירט מיטן גאַסט, צי ער וועט ווירק־לעך, דעריבער קלערן. —

די צייט באַנוצט דער גאַסט און זאָגט ווייטער:

— דו ביסט אַלט, פאַקיער, זייער אַלט! אַלע דיינע געפילן זענען אויסגעטרוקנט... דיין האַרץ געפינט שוין אין גאָרנישט קיין פרייד... מיטן קאָפּ לעבסטו נאָך... דאָס געהירן איז נאָך דאָס איינציקע גליד אין דיר, וואָס לעבט, נישט נאָר אויס לויטער געוווינהייט; נאָר דיין מוח האָט נאָך זיינע ליידן און פריידן, ער קלערט און וויל וויסן... טו דיין קאָפּ צוליב, — זאָל ער האָבן נאָך אַן איינדרוק פון דער וועלט. איידער ער וועט אויך בלייבן מיד און פויל צו שטאַרבן...

— גוט! — באַשטייט דער פאַקיער.

זיי זעצן זיך, דער גאַסט פאַרציילט:

— קליינערהייט האָב איך אַמאָל שפּאַצירט מיט מיין פאָטער צווישן די בערג אונטערן שלאָס...

— איר האָט אין אַ שלאָס געוווינט?

— יאָ. מיר האָבן איבערגעשראָקן אַן אָדלער, און ער איז אַרויפ־געשאָסן צום הימל. „איך וואָלט אויך געוואָלט אַזוי פליען" — האָב איך הויך געטראַכט. „דו וועסט עס אויך טון", — האָט מיר דער פאָטער גע־ענטפערט,— „נאָר נישט אין דער לופט. די לופט איז נישט אונדזער עלע־מענט; מיר קאָנען אין איר, און דעריבער — פון איר, נישט לעבן"...

„און פליען — זאָגט ער ווייטער — וועסטו צום הימל — דאָס זענען די בלויע, די זיידענע בלויע, מיט גאָלדענע שטערן אויסגעשטיקטע

טאפעטן אין אונדזער קעניגלעכן פאלאץ... און גלייך צו דער זון — דאָס איז דער קעניג אליין... די שטראלן פון זיין גנאָד זענען ליכטיקער און װארעמער, און זיי זענען נישט פאר אלע, נישט פאר יעדן בעסטן״...

איך האָב די װערטער דערנאָך איבערגעגעבן מיין לערער, אויך א פאקיער װי דו. זיין געזיכט האָט זיך דערביי נישט געענדערט. קאַלט און שטרענג האָט ער מיר געזאָגט: „דער אָדלער, אויב ער װיל לעבן, מוז ער עסן, און עסן — מוז ער אראָפּ אויף דער ערד... עסנװארג ליגט נידעריק, אָפט אין בלאָטע״.

— זייער קלוג.

— איך האָב אים דאָך נישט פארשטאנען און אינעם גאנצן גע־שפּרעך פארגעסן.

צוריק אויף די געדאנקען זענען מיר די װערטער געקומען ערשט דעמאָלט, װען איך בין ערשטער מיניסטער געװאָרן.

— מאנציפּוציי?

— אזוי פלעג איך הייסן —

— און היינט?

— האָב איך קיין נאָמען נישט.

— װען איז עס געשען?

— שוין אייניקע יאָר... עס פרייט מיך פאר דיר, אז דו האָסט פון דעם אלעם נישט געװוּסט... אז דאָס לעבט אזוי הויך, אזוי טיף אָדער אזוי װייט פון מיין געװעזן לעבן!

איינמאָל בין איך געשטאנען אזוי לאנג און אזוי טיף געבויגן פאר דער זון, אז עס איז מיר, נישט װילנדיק, געקומען דער געדאנק אין קאָפּ אריין, מקנא צו זיין די זיילן אין פאלאץ, װאָס האלטן אים אויך אונטער און בייגן זיך נישט...

— דו האָסט עס געזאָגט?

— ניין; מיינע ליפּן זענען נאָך נישט געװוינט געװען דערצו; נאָר דער מארך־ביין!... אן אומגעדולדיקע באװעגונג האָב איך געמאכט... די זון האָט עס באמערקט...

— און דו לעבסט?

— גרוים איז געווען זיין ליבשאַפט צו מיר; מען האָט מיך גאָר פאר א לבנה געמאַכט, א פראַווינץ איבערגעגעבן...

— ביסט צופרידן געווען?

— א צייט... ביז די זון איז דורכגעפאָרן און די לבנה האָט זיך ווייניק געבוקט...

— און?

— מען האָט מיך דעגראַדירט אויף א שטערן... א שטאָט האָב איך באַקומען...

— און האָסט רעגירט, ביז די לבנה איז געקומען...

— ריכטיק... דער מאַרך־ביין האָט וואָס אמאָל זיך ווייניקער גע־בויגן... איך בין אריין אין דער מילך־שטראַסע; צווישן מיליאָנען קליינע שטערנדלעך —

— און?

— אַלץ דער מאַרך־ביין!... מען האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיטן באַמבוס און אַרויסגעוואָרפן פון — הימל!

— און דיין פאָטער, דער שטאָלצער שלאָס־הער?

— ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן, און האָט מיר א גרויסע ירושה געלאָזט; איך האָב מיר געקאָנט פאר זיך אליין א קליינעם הימל מאַכן...

— האָסט עס נ י ש ט געטון?

— ניין, איך האָב אַן אַנדערע ליידנשאַפט געהאַט. איך האָב גע־וואָלט, וואָס אַלע, אייגנטלעך, ווילן: אַנדערע זאָלן ענלעך זיין צו מיר; מען זאָל זיך אויפהערן בוקן.

— א געפערלעכע ליידנשאַפט...

— איך האָב איינגעקויפט עסנוואַרג און קליידער, געעפנט די טויערן פון שלאָס און אויסגערופן אויפן לאַנד: ווער עס וויל, זאָל קומען נעמען, וואָס ער וויל... נאָר א באַדינג האָב איך געשטעלט: קיינער טאָר נישט דאַנקען. ווער עס וועט עס טון, וועט מוזן באַצאָלן...

— פיל האָבן געקאָנט?

— ווייניק. דאָך מיט דער צייט איז די צאָל פון נישט דאַנקענדיקע געוואַקסן, גרעסער געוואָרן; נאָר מיט דער צייט האָט מען מיך — —

— אַרעסטירט?

— ניין; אין דול־הויז געשיקט...

— ריכטיק, אלס פארשווענדער...

— אז איך בין ארויס פון דול־הויז, איז פון מיין ירושה קיין צייכן נישט געבליבן... פריינט און באקאנטע האבן זיך באמיט; שולדן האבן זיך באוויזן, דאס אויפהאלטן אין קעניגלעכן דול־הויז, איז געווען טייער...

„גיי ארבעטן" — האט מען מיר ביים ארויסלאזן געזאגט...

— און דאס איז, נאטירלעך, דעם געוועזענעם מיניסטער נישט געפעלן.

אומקעגנטייל, נאך אזויפיל רוען האב איך געבענקט נאך ארבעט... נאר אויסבעטלען זי האב איך נישט געקאנט... בעטלען און בוקן זיך איז מיר שוין אומעגלעך געווארן...

דער גאסט שווייגט א ווילע, און דער פאקיער פרעגט:

— ווילסט, איך זאל דיך אויסלערנען?

— דאס, — ענטפערט שטאלץ דער גאסט, — וועסטו נישט קאנען; הונגער און דארשט האבן עס נישט געקאנט... נאר דאס לעבן איז מיר שוין איבערדריסיק...

— ווילסט איך זאל דיך דערפון באפרייען?...

א, ניין! צו דעם דארף מען נישט דיין הילף... דאס ערשטע בעסטע וואסער, די ערשטע בעסטע צווייג... זיי וואלט איך זאגאר נישט גערארפט קיין מעשות צו פארציילן...

— וואס דען?

— איך גלויב, פאקיער, — יעדער מענטש האט זיין גלויבן, דאס איז דער פאדעם, מיט וועלכן די געטער בינדן אונדז צו צום לעבן — איך גלויב, אז עס וועט קומען אמאל א צייט פון גראדע מענטשן, מיט הארטע מארך־ביינער; פון מענטשן, וואס וועלן נישט וועלן און נישט קאנען זיך בייגן... איך וויל עס דערלעבן!

— אזוי לאנג לעבן ווילסטו?

— ניין... פאר דעם שפעטערן גליק, וואלט איך אזוי פיל נישט גע־צאלט... שלאפן וויל איך, איבערשלאפן!...

דו קאנסט עס! שלעף מיך איין, פאקיער!...

דער פאקיער שווייגט.

— ווילסט דיין וואָרט נישט האלטן? — פרעגט דער גאסט.

— נישט דאָס, ענטפערט דער פאקיער, — איך קלער נאָר, ווער דיך וועט וועקן? איך — נישט, מיינע קינדער און קינדס־קינדער — אויך נישט... ווער וועט דיך געדענקען?

— שרעק נישט... מיך וועט וועקן די צ ײ ט ; נאָר שטיל וועט זי נ י ש ט קומען!

משיחס צייטן

אַזוי ווי אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציען, איז אויך געווען אין דער קהילה, וווּ מיינע עלטערן האָבן געוווינט אַ משוגענער.

ווי געוויינלעך האָט דער משוגענער פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט, נישט פאַרן קהל, נישט פאַרן רב און דיינים, אפילו נישט פאַר דעם בעדער מיטן קברות־ייד, פאַר וועלכע די גרעסטע גבירים שרעקן זיך. פאַר דאָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל, גאַנץ קהל מיט דעם גאַנצן כלי־קדש, מיטן בעדער און מיטן קברות־ייד, געציטערט פאַר דעם משוגענעם און פאַרמאַכט פאַר אים טיר און טויער. און אויבוואָל דער אָרעמער משוגענער האָט קיינעם נישט געריהרט קיין שלעכט וואָרט, קיינעם נישט אָנגעריהרט מיטן מינדסטן פינגער; האָבן אויף אים אַלע געשריגן, מאַנכע געשלאָגן, און די גאַסן־יונגען פלעגן אים נאָכוואַרפן בלאָטע און שטיינער.

איך האָב תמיד רחמנות געהאַט אויף דעם משוגענעם. עס האָט מיך עפּעס צו אים געצויגן, איך האָב מיט אים געוואָלט רעדן, אים טרייסטן, אַ גלעט טון, נאָר צוגיין צו אים איז געווען אומעגלעך. איך וואָלט באַקומען אַ טייל פון דער בלאָטע און די שטיינער, מיט וועלכע מען פלעגט אים באָמבאַרדירן. איך בין געווען אַ יונג קינד, איך האָב געטראָגן אַ פיינעם אַנצוג פון לעמבערג אָדער פון קראָקע; און האָב מיר אָפּגעהיטן מיינע פלייצעס פון שטיינער און מיין אַנצוג פון בלאָטע, און זיך געהאַלטן פון ווייטנס.

דאָס שטעטל, וווּ מיינע עלטערן האָבן געוווינט און איך האָב איבערגעלעבט מיינע קינדער־יאָרן אין אַנצוגן פון לעמבערגער און קראָקעווער שניידערס, איז געווען אַ פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַסער, וואַלן און הויכע מויערן. אויף די מויערן זענען געשטאַנען האַרמאַטן און זעלנער מיט ביקסן האָבן זיי געהיטן, מאַרשירנדיק אויף און אָפּ ערנסט און שווייגנדיק. קוים איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבן די אייזערנע בריק איבערן וואַסער, פאַרשלאָסן אַלע טויערן

און אָפּגעריסן דאָס שטעטל פון דער רעשט וועלט ביז אינדערפרי. ביי יעדן פארמאכטן טויער איז געשטאנען א וואך, באוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס.

ערשט נישט לאַנג, בייטאָג, זענען מיר אלע פריי געווען, מען האָט געמעגט גיין ארויס און אריין, נישט אָנגעפרעגט צוערשט ביים פּלאַץ־מאיאָר; מען האָט זיך אויך געמעגט באָדן אין טייך אונטער דער שטאָט, אפילו זיך אויסציען אויף דער גרינער לאָנקע ביים טייך און קוקן אין הימל אריין, אָדער ווייט ערגעץ אין דער וועלט אריין, ווי איינער האָט גע־וואָלט. קיינער האָט נישט פאר דעם קיין שלעכט וואָרט גערעדט. איז עמעץ אפילו נישט צוריקגעקומען, האָט מען אויף אים נישט געפרעגט. נאָר ביינאכט, האָט מען געוואָלט, זאָל זיין שטיל אין שטעטל, מען זאָל זיך נישט ארויס און נישט ארײנדרייען. א „גליק", פלעג איך דעמאָלט קלערן ביי מיר, „וואָס מען לאָזט אונדז כאָטש אריין די לבנה"...

און אזוי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך נישט פארגעסן דעם „בין־השמשות", דאָס צופאלן פון דער נאכט. צוזאמען מיט דעם אָוונטלעכן שאָטן פארשפּרייט זיך א שוידער איבער דעם גאנצן שטעטל, מענטשן און הייזער ווערן פלוצלינג ווי איינגעהויקערטער. מען ציט די בריק, די אײ־זערנע קייטן רייבן זיך אָן די אומגעהייערע בלאָקן; דאָס אייזערנע קראַצן, די הארטע, אָפּגעריסענע טענער פאָרן דורך די ביינער. דערנאָך פאַלט־צו א טויער נאָך א טויער. יעדן אָוונט געשעעט דאָס זעלבע, און דאָך ציטערן יעדעס מאָל די פיס אונטער דעם מענטש, א שטומפּיקע מידקייט לייגט זיך אויף אלע פּנימער, אלע אויגן לעשן זיך אויס ווי ביי טויטע, די ברעמען פאלן אראָפּ ווי בלייערנע, דאָס הארץ בלייבט שטיל און מען אָטעמט קוים. דערנאָך הייבט־אָן דער פּאטרול צו קורסירן אין די גאסן, עס קלאַפּן די נאָכגעלאָזטע שווערדן אָן די גרויסע וואסער־שטיוול, די באַגנעטן בליש־טשען און מען שרייט: „ווער־דאָ?" אויף דעם מוז מען ענטפערן: „א היי־מישער, אַן אייגענער!" אז נישט, ווייסט גאָט צו־וואָס עס קאָן קומען. מאנכע פלעגן זיך שוין בעסער פארמאכן אונטער שלאָס און ריגל, זיי האָבן מורא זיך אפילו ארויסצווייזן אויף דער גאַס...

איינמאָל האָט זיך מיר געמאַכט א צופאַל: איך האָב מיך געבאָדן אונ־טער דער שטאָט, איך האָב מיך פארקוקט, צי פארטראכט, צי גלאַט אזוי פארגעסן, אז נאָך טאָג גייט נאכט; פלוצלינג זע איך, ווי מען הייבט די

בריק; עס שנייט אין די אויערן, עס פאלן צו די טויערן, עס קנאקט און שלאָגט זיך אָפּ מיר אין הארץ. פארפאלן! איך מוז שוין בלייבן איבער נאכט אונטער דער שטאָט... און א ווונדערלעכע זאך: ליגנדיק אינדערהיים, אין ווארעמען בעט, פליגט זיך מיר נאכט אויף נאכט חלומען פון דער פרייער וועלט אויסער דער פעסטונג; און דאָס ערשטע מאָל, אז מיין חלום איז מקוים געוואָרן, איז מיך באַפאלן א שרעק! עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באוווסטער שטרייט צווישן קאָפּ און הארץ. דער קאָפּ האָט גערופן: רואיק, גענים אויך אמאָל די ריינע, פרייע לופט, דעם אויסגעשטערנטן פרייען הימל. און דאָס הארץ האָט זיך געטון זיינס, געוואָרפן זיך און גע־צאַפּלט, צום ארויסשפרינגען. דערנאָך האָט זיך מיר אויפגעהויבן ווי א דונסט, ווי א נעפּל פון שווערן הארץ און איז מיר געשטיגן אין קאָפּ אריין. דער פרייער גערדאנק איז געוואָרן טונקל און טונקעלער, און איז באלד אונטערגעגאנגען אונטער דעם וואָלקן. עס האָט מיר אָנגעהויבן צו קלינגען אין די אויערן און צו פינטלען אין די אויגן. מיט יעדן לייכטן גערויש, פון יעדן לייכטן שאָטן פון א צווייג, פון קלענסטן גרעזל, האָט זיך מיר אריינגעזאפּט דורך די אויגן, ווי דורך די אויערן, א מין שוידער, א שרעק, וואָס האָט מיך געוואָרפן אויף דער ערד!

איך האָב באהאלטן דאָס פּנים אין זאמד...

צי בין איך געשלאָפן צי ניין, און ווי לאנג איך בין אזוי געלעגן — אָסור אויב איך ווייס! נאָר פלוצלינג האָב איך דערהערט, אז מען אָטעמט נאָענט נעבן מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אליין. צוויי גוט באַ־קאנטע, טיפע, שווארצע אויגן קוקן אויף מיר הארציק און געטריי.

עס איז געווען דער משוגענער.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך מיט א דומפּיקער שטימע.

— איך שלאָף קיינמאָל נישט אין שטאָט! — ענטפערט ער מיר טרויעריק, און דער בליק זיינער איז אזוי ווייך, די שטימע אזוי בהי־דערלעך, אז איך קום צו מיר אינגאנצן און פארגעס מיין שרעק.

אמאָל, דערמאָן איך מיך פלוצלינג, פלעגט מען האלטן משוגעים פאר נביאים — אין די מאָרגנלענדער איז דאָס נאָך ביז היינט — און איך פרעג מיך: צי איז ער נישט ווירקלעך איינער פון זיי? צי יאָגט מען אים נישט ווי א נביא? צי ווארפט מען אים נישט נאָך קיין שטיינער ווי א נביא? צי לייכטן אים נישט די אויגן ווי די שטערן? צי קלינגט נישט זיין שטימע ווי די פיינסטע הארפע? צי ליגט נישט אין אים דער שמערץ פאר

אלע, דאָס לײַדן פֿאַרן גאַנצן דור? אפשר ווייסט ער טאַקע אויך, וואָס שפּעטער וועט זײַן?...

איך פּרוּוו און הייב־אָן צו פֿרעגן, און ער ענטפֿערט מיר אַזוי שטיל, אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טײלמאָל, אַז עס איז נאָר אַ חלום, אַ זיסער חלום פֿון אַ זומער־נאַכט אויף יענער זײַט פּעסטונג.

— דו גלויבסט אין משיחס צײַטן? — פֿרעג איך אים.

— געוויס! — ענטפֿערט ער שטיל און זיכער. — משיח מוז קומען!

— ער מוז?!

— גאַנץ זיכער! אַלע וואַרטן אויף אים, אַפֿילו הימל און ערד וואַרטן! ווען נישט, וואָלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבן, צו טון די האַנט אין קאַלט וואַסער... און, אויב מען לעבט און מען טוט, גלײַך מען ווי ל לעבן, איז אַ סימן, אַז אַלע פֿילן, אַז משיח קומט, אַז ער מוז קומען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פֿרעג איך ווײַטער, — אַז פֿריִער וועלן זײַן שרעקלעכע מלחמות איבער פֿאַלשע משיחן, די מענטשן וועלן זיך אַרומרייסן ווי ווילדע חיות, די ערד וועט אָנגעזאַפּט ווערן מיט בלוט; טײַכן בלוט וועלן פֿליסן פֿון מזרח קיין מערבֿ און פֿון דרום קיין צפֿון, אַלע חיות, בהמות וועלן טרינקען מענטשן־בלוט; אַלע פֿעלדער, אַלע גערטנער, אַלע טראַקטן און אַלע וועגן וועלן פֿאַרגאָסן ווערן מיט מענטשן־בלוט... און אינמיטן דער צײַט פֿון בלוטיקן מבול וועט זיך ערשט באַווײַזן דער אמתער משיח, דער ר ע כ ט ע ר . . . איז דאָס אמת?

— אמת!

— און מען וועט אים דערקענען?

— יעדער וועט אים דערקענען, עס וועט קיינער נישט האָבן קיין טעות. ער וועט זײַן משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן בליק. ער וועט נישט האָבן קיין חיילות, ער וועט נישט רײַטן אויף קיין פֿערד, און אַ שווערד וועט אים נישט הענגען אויף די לענדן...

— וואָס דען?

— פֿליגל וועט ער האָבן... משיח וועט האָבן פֿליגל, און אַלע וועלן דערנאָך באַקומען פֿליגל. עס וועט זײַן אַזוי: פּלוצלינג וועט געבוירן ווערן אַ קינד מיט פֿליגל, דערנאָך — אַ צווייטס, אַ דריטס און אַזוי וועט עס שוין גיין כסדר... פֿריִער וועלן זיך די מענטשן דערשרעקן, דערנאָך וועט

מען זיך צוגעוויינען, ביז עס וועט ארויסקומען א גאנץ דור מיט פליגל; א דור, וואָס וועט זיך נישט מער וועלן וואלגערן אין דער בלאָטע, און וועט זיך נישט מער רייסן איבער א פרנסה־ווערמל...

לאנג נאָך האָט ער אזוי גערעדט, נאָר איך האָב אים אויפגעהערט צו פארשטיין. זיין שטימע איז דאָך געווען אזוי אומעטיק־זיס, אז איך האָב זי איינגעזאפּט אין מיר ווי א שוואָם. אז ער האָט אויפגעהערט צו רעדן, האָט שוין געטאָגט, מען האָט שוין די טויערן געעפנט און די בריק אראָפּגעלאָזט...

זייט יענער נאַכט אויסער דער פעסטונג איז מיר דאָס לעבן אין איר נאָך שווערער, נאָך אומדערטרעגלעכער געוואָרן. די אלטע מויערן, די קראַצנדיקע אויפגעצויגענע בריק, די אייזערנע טויערן, די וואכטן און פּאטרולן, דער הייזעריק־צאָרנדיקער: „ווער־דא?", דער אונטערטעניק־פאלשער: „א היימישער, אן אייגענער!", דאָס אייביקע ציטערן פון די לייםיקע פּנימער, די איבערגעשראָקענע האַלב־פארלאָשענע אויגן, דער מארק מיט די פארבלאָנקטע, ציטערדיק־פוילע שאָטנס, — דאָס אלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי א בליי אויף דער נשמה, נישט אָפּצואָטעמען, נישט פריי צו ווערן... עס האָט מיך אָנגעכאפּט א הארץ־ווייטיק, עס האָט מיך דורכגענומען א שרעקלעכע בענקשאפט. און איך האָב באשלאָסן, משיחן אנטקעגנצופאָרן...

איך זעץ מיך אויף דעם ערשטן בעסטן וואָגן. דער בעל־עגלה דרייט זיך צו מיר איבער און פרעגט:

— וווּ־אהין?

— וווּ דו ווילסט! — ענטפער איך — נאָר אוועק, וויים, וויים פון דאנען!

— אויף ווי לאנג?

— ווי לאנג דאָס פערד וועט אויסהאלטן!...

דער בעל־עגלה נעמט די לייצן אין האנט און מיר פאָרן.

מיר פאָרן אלץ ווייטער און ווייטער. אנדערע פעלדער, אנדערע וועלדער, אנדערע דערפער, אנדערע שטעט, אלצדינג אנדערש; עס איז אָבער נאָר אנדערש פון אויבן, דער תוך איז שטענדיק דער זעלביקער. אז איך האָב מיך גוט איינגעקוקט, איז איבעראל און אויף אלעם געלעגן די זעלבע מרה־שחורה, יעדער מענטשן־בליק איז געווען ציטערדיק־פאלש, יעדער

טאָן — איבערגעבראָכן און שטאָלפּעריק... אויף אַלץ איז געלעגן אַ טרויעריקער נעפּל, וואָס האָט פאַרשטעלט יעדן שיין און האָט געלאָשן יעדע פרייד. אַלץ איז געווען צוזאַמענגעדריקט און פאַרשטיקט. און איך שריי אַלץ איינינעם: „ווייטער"!... איך הענג אָבער אָפּ פון בעל־עגלה און דער בעל־עגלה פון פערד... דאָס פערד וויל עסן, און מיר מוזן זיך אָפּשטעלן.

איך קום אין אַ קרעטשמע אַריין. עס איז אַ גרויסע שטוב, איבער־געטיילט אין דער העלפט מיט אַן אַלטער פאָרהאַנג, וואָס גייט פון איין וואַנט צו דער צווייטער. אין דער זייט פאָרהאַנג זיצן דריי מענער ביי אַ גרויסן טיש. זיי באַמערקן מיך נישט, און איך האָב צייט, זיי צו באַטראַכטן. עס זענען דריי דורות. דער עלטסטער איז גראָ ווי אַ טויב, דאָך זיצט ער גלייך און קוקט מיט שאַרפע אויגן, אָן ברילן, אין אַ גרויס ספר, וואָס ליגט פאַר אים אויפן טיש. דאָס אַלטע פנים איז ערנסט, די אַלטע אויגן קוקן זיכער, און דער אַלטער מענטש מיט דעם ספר גיסן זיך צוזאַמען דורך דער ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך צעלייגט מיט אירע זיל־בערנע עקן אויף די בלעטער פונ'ם ספר. — נעבן אים רעכטס זיצט אַ יינגערער, געוויס אַ זון זיינער: דאָס זעלבע געזיכט, נאָר יינגער, רירעוו־דיקער, נערוועזער, סעקונדנווייז מידער און צעגאַסענער. ער קוקט אויך אין ספר אַריין, נאָר ער קוקט שוין אויף אַ בריל. דאָס ספר איז קלענער און ער האַלט עס נענטער צו די אויגן, אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פונעם טיש. ער איז אין די מיטעלע יאָרן; באָרד און פּאות — האַלב זילבערנע. ער שאָקלט זיך אַהין און צוריק. זיין גוף, דאַכט זיך, וויל זיך יעדעס מאָל אָפּרייסן פונעם ספר, נאָר דאָס ספר ציט אים צו זיך צוריק. ער שאָקלט זיך און די ליפּן ציטערן שטיל. אַמאָל קוקן די אויגן אַהין צום אַלטן; יענער דאָך באַמערקט עס נישט. — לינקס פונעם אַלטן זיצט דער יינגסטער, דאַכט זיך — אַן אייניקל פונעם אַלטן. אַ יונגער מאַן מיט שוואַרץ־גלאַנ־צנדיקע האָר און אַ ברענענדיק־צעוואָרפענעם בליק. ער קוקט אויך אין אַ ספר אַריין, נאָר דאָס ספר איז קליין און ער האַלט עס נאָענט צו די לע־בעדיקע אויגן. גאַנץ אָפט רוקט ער עס אַוועק פון זיך, וואַרפט אַ בליק, אויסגעמישט פון שרעק און דרך־ארץ אויפן אַלטן, קוקט אַריבער צום פאָטער מיט אַ האַלב־איראָנישן שמייכל און בייגט זיך איבער צו הערן, וואָס עס טוט זיך אין יענער זייט פאָרהאַנג. און פון יענער זייט פאָרהאַנג הערט זיך קרעכצן, גלייך עמיצער גייט דאָרט צו קינד...

איך וויל הוסטן, מען זאָל מיך באַמערקן. אין דער זעלבער סעקונדע פאַרבייגט זיך אַ שטיק פאָרהאַנג און עס באַווייזן זיך צוויי פרויען. איינע אַן אַלטע מיט אַ שאַרף ביינערדיק פּנים און שאַרפע אויגן, די צווייטע אַ יינגערע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ ווייכער אָפּגעשמאָלצן פּנים און אַ נישט־זיכערן בליק. זיי שטייען, קוקן צו די מענער און וואַרטן, מען זאָל זיי פרעגן. דער עלטסטער באַמערקט זיי נישט. זיין נשמה האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער נשמה פונעם ספר. דער מיטעלער באַמערקט די פרויען און קלערט, ווי אַזוי דעם פאָטער צו וועקן; דער יינגסטער שפּרינגט דערווייל אויף.

— מאַמע! באָבע! נו?...

זיין פאָטער שטעלט זיך אויף אומרואיק, דער זיידע רוקט נאָר אַביסל אַוועק דאָס ספר און הייבט אויף די אויגן צו די פרויען.

— וואָס טוט זי? — פרעגט ווייטער דער יינגסטער מיט אַ ציטער־דיקער שטימע.

— איבערגעקומען! — ענטפערט די אַלטע רואיק.

— איבערגעקומען? איבערגעקומען? — שטאַמלט דער יונגער.

— זאָגסט נישט, מאַמע, „מזל־טוב"? — פרעגט דער מיטעלער. דער אַלטער קלערט־איבער און פרעגט:

— וואָס איז געשען? און ווען אפילו אַ מיידל...

— ניין! — ענטפערט ערשט אַצינד די אַלטע — אפילו אַ יינגל...

— אַ טויטס?

— ניין, עס לעבט! — ענטפערט די אַלטע. אין דעם קול קלינגט דאָך נישט קיין פרייד.

— אַ קריפּל? אַ קאַליקע?

— צייכן האָט ער! אויף ביידע אַקסל...

— וואָס פאַר אַ צייכן?

— פון פליגל...

— פון פליגל?

— יאָ, פון פליגל, און זיי וואַקסן...

דער אַלטער בלייבט זיצן פאַרזאָרגט, דער מיטעלער — פאַרוווּנדערט, דער יינגסטער נאָר שפּרינגט־אונטער פאַר פרייד.

וויל, וויל! זאָלן זיי וואקסן, זאָל פון זיי ווערן עכטע פליגל, גרויסע, שטארקע פליגל, וויל, וויל!

— וואָס איז די שמחה? — פרעגט דער מיטעלער.

— א שרעקלעכע קאַליקע! — זיפצט דער אַלטער.

— פארוואָס? — פרעגט דאָס אייניקל.

— פליגל — ענטפערט דער אלטער שטרענג — הייבן אין דער הייך... מיט פליגל קאָן מען זיך נישט דערהאַלטן אויף דער ערד.

— א וויכטיקע זאך! — מאַכט דאָס אייניקל טראַציק — איז מען פטור דאָס מושב, וואלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָטע, לעבט מען אין דער הייך... צי איז דען דער הימל נישט שענער פון דער ערד?

דער אַלטער ווערט בלאַס, און דער מיטעלער נעמט דאָס וואָרט:

— נאַריש קינד! פון וואָס קאָן מען לעבן אין דער הייך? לופט שלינגען איז ווייניק... אין דער הייך איז נישטאָ צו דינגען קיין קרעטשמע, אין דער הייך קאָן מען נישט איבערנעמען קיין „פּאָדריאַד"... אין דער הייך האָט מען אפילו נישט ביי וועמען א האָזן־פעלעכל צו קויפן... אין דער הייך...

דער אַלטער שלאָגט אים איבער:

— אין דער הייך — זאָגט ער פעסט און האַרט ווי אייזן — איז נישטאָ קיין שיל, קיין בית־המדרש, קיין קלויז צום דאווענען, צום לערנען; אין דער הייך איז נישטאָ קיין שטעג, אויסגעטרעטן פון קדמונים! אין דער הייך בלאָנקעט מען זיך, בלאָנדזשעט מען, ווייל מען ווייסט נישט דעם וועג... מען איז טאקע א פרייער פויגל, נאָר ווי דעם פרייען פויגל, אַז עס באַפאַלט אים א ספק, א מרה־שחורה!...

— ווי הייסט? — שפרינגט אויף דער יינגסטער מיט היים בלוט און ברענענדיקע אויגן.

ליידער קומט ער נישט צום וואָרט, די באבע האַקט איבער:

— נאַרישע מאַנסבילן! — מאַכט זי — וועגן וואָס זיי קלערן... און דער רבי? צי וועט אים דער רב לאָזן מל'ע זיין? צי וועט ער לאָזן א ברכה מאַכן איבער א קינד מיט פליגל?

איך גיב מיך א כאַפּ אויף. מיין איבערנעכטיקן אויסער דער שטאָט, די נסיעה און דאָס קינד מיט די פליגל זענען נאָר א חלום געווען. —

דער אויסלענדישער פויגל

(פאַבל פאַר גרויסע)

אין א זומפּ, אויף א פארגעלטן מאָך, איז אמאָל א שטיין געלעגן.
דאכט זיך: א שטיין, ווי אַלע שטיינער.
נישט זיין זאָרג, ווי דער הימל זעט אויס, וואָס וואַלד און טייך, זיינע נאָענט שכנים, טוען.

זאָל דער הימל אראָפּקוקן אויף דער זינדיקער ערד מיט טויזנטער לייטזעליק-באַרעמהערציקע אויגן; זאָל ער, ברוגז, פארשטעלן זיך פאר איר מיט וואָלקן- און נעפּל-שלייער, אָדער אין גרימצאָרן זי שרעקן מיט דונער און בליץ! — —

זאָל דער וואַלד זיין מיט ליבע און געזאַנג, אָדער מיט געשרייען און כאָרכלען; אָדער שטיין וויסט און אָפּגעשטאָרבן, איינגעהילט אין ווייסע תכריכים — — —

זאָל דער טייך ריזלען קריסטאַלן-קלאָר, האָבן זיין אייגענעם הימל און שטערן אין שויס, אָדער רינצלען זיך, צערנען און שפּייען מיט שוים צום הימל ארויף, וואָס וויל אויף אים דעם בייזן ווינטער שיקן, אין אייז פארקאָווען!

שטיין בלייבט שטיין; און שטיל איז א שטיינערן הארץ אויך דעמאָלט, ווען נאָס-גליטשיקע פרעש שפּרינגען פון זומפּ ארויס, מאכן חתונה אויף זיין רוקן און זינגען זייערע לידער.

און דער שטיין מיטן שטיינערנעם הארץ גראָבט זיך, מיט זיין אייגענער פוילער שווערקייט, אַלץ טיפער און טיפער אריין אין מאָך, אין דער ערד אריין — — —

— אָבער א שטיין! — זאָגן יונגע...
די אַלטע שמייכלען טרויעריק:

זיי געדענקען די צייט, ווען דער שטיין איז נאָך קיין שטיין נישט געוועזן...

און אַז מען פרעגט זיי:

— אַלטע, גראָע לייט, וואָס דען איז ער געוועזן?

האָט יעדער זיין נוסח, זיין פאַבל צו דערציילן... — — —

— עס איז אַ לייב געוועזן! — דערציילט איינער, גראָד אַ בלינדער, אַ ווילדער לייב אין וויסטן סטעפּ.

אין ראָזיקע זאַמד־נעפּל געהילט, פליט ער דורך דעם סטעפּ און קוקט פון נעפּל אַרוים מיט אויגן, ווי ברענענדיקע זונען; און ברילט ער, קאָלערט עס זיך איבערן סטעפּ, ווי אַ דונער...

נאָר איינמאָל איז קראַנק געוואָרן דער לייב, ליגט ער פאַרשמאַכט, און הערט, אַז דער אייזל איז אויסגעוואַנדערט פון שטאָט, ער גייט צו אים, און וועט קומען און שטעלן זיין פוס אויפן שטאָלצן קעניגלעכן לייב, און אַ וואָרט מוסר זאָגן!

און פון שאַנד און שרעק פאַרן אייזל־פוס און זיין מוסר איז דער לייב פאַרשטאַרט געוואָרן, און מיט דער צייט — פאַרשטיינערט!

און גראָבט זיך, אַזוי פאַרשטיינערט, אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין דער ערד...

עפּעס ציטערט נאָך אין אים פאַר אייזל־מוסר און אייזל־פוס, און ווילט זיך אַלץ טיפער באַהאַלטן.

און מיט ציטערדיקע הענט גלעט ער, דער בלינדער און טאַפּט דעם שטיין:

— זעט איר נישט גלידער פון אַ לייב? האָט איר קיין צייכן פון זיין שטאָלצער גריווע? איך פיל זיי!

אַן אַנדערער זאָגט, און אויך מיט אַ זיכערער, כאָטש ציטעריקער שטימע, אַז עס איז קיין לייב נישט געוועזן!

— וואָס דען, אַלטער?

— אַ פעניקס!

און אַז די אור־אייניקלעך רינגלען אים אַרום און פרעגן:

— וואָס איז אַזוינס אַ פעניקס?

פאַרטייטשט ער מיט אַ טרויעריקער שטימע:

— אזא פויגל, קינדערלעך! דעם פויגל האָט גאָט דאָס אייביקע לעבן געשענקט, נאָר מיט אַ באַדינג! און אַ מתנה מיט אַ תנאי איז אפשר קיין מתנה נישט... און אויסגענומען האָט ער מיטן פעניקס, אַז ער, אויב ער וויל אייביק לעבן, זאָל זיך פון צייט צו צייט ריייניקן אין פייער פון די לעבעדיקע זינד... און פון צייט צו צייט מוז ער זיך אַליין פאַרברע־נען, און אויפערשטיין פון אייגענעם אַש, אָדער פון לעצטן פונק אין איי־גענעם אַש!

— און איינמאָל — דערציילט דער אַלטער מיט אַ קוים אָנזעעוו־דיקער טרער אין אַלטן אויג — האָט דער פעניקס נישט געוואָלט אין פייער אַריינגיין! צי איז אים דאָס זינדיקע לעבן געפעלן, צי האָט ער אַ רגע זיין תחית־המתים נישט געגלייבט — ווער ווייסט? און דער פון אויבן דאָרט האָט אויף אים אַ צאָרניקן בליק געוואָרפן, און אונטער דעם בליק איז דער פעניקס פאַרשטיינערט געוואָרן!

— אויף טויט?

— ווער ווייסט... אַמאָל, זאָגט מען, ציטערט דער שטיין... ווען דער הימל שפּאַלט זיך — זאָגט מען — ציטערט ער!

אביסל יינגערע, נאָר גענוג אַלטע אויף **געדענקען** און **דערציילן**, גלייבן נישט אין פעניקסן.

„אַליין אין פייער גייט מען נישט, און ווען צען מאָל תחית־המתים!"

— וואָס דען, אַן איינפאַכער שטיין?

— דאָס נישט! אַמאָל ציטערט עפּעס פון אים אַרויס! נאָר אַן אָדלער אַן עזות־פּנים איז ער געווען! און לאַנגע, ברייטע פליגל און שטאַרקע געהאַט! נעמט ער זיך אַמאָל צו דער זון, פליט אַרויף, זוכט אין איר פלעקן!... האָט זי אויף אים מיט פייער געשאָסן, די פליגל פאַרברענט, און זייער אַש האָט זיך אין דער לופט פאַרשפּרייט... פאַלט אַזוי אַן אַשל עמעצן אין די אויגן אַריין, רייסט ער זיי אויף קעגן דער זון און קעגן אַלעם אין און איבער דער וועלט. ער אַליין — איז אַראָפּגעפאַלן טויט, און מיט דער צייט פאַרשטיינערט געוואָרן...

— זעט איר נישט, ווי שוואַרץ ער איז? — פון פייער!

נאָך יינגערע, און דאָך גענוג אַלטע, לאַכן!

— אי... באָבע־מעשות!

עס איז קיין ליב, קיין פעניקס, קיין אָדלער געווען... זיי האָבן אַן אַנדערן נוסח: ער איז געווען אַ פויגל, ווי אַלע פייגל... נאָר — מיר געדענקען דאָך — אַ פויגל מיט יצר־הרע־מרעלן! אוי! אַ זיסער שווידער פלעגט דורכגיין דורכן ליב... שטיל, פאַרנאַכט, דער שיר־השירים־ניק טרויערט אין וועלדל און דעמאָלט ווער קאָן זיכער זיין פאַר זיך, פאַר טאָכטער און ווייב?

האָט אים אַן אַלטע מכשפה — אַ צנועה — פאַרשאָלטן: „פאַר־שטומט און פאַרשטיינערט זאָל ער ווערן!" — האָט זי געזאָגט, און דער הימל האָט זיך דעמאָלט גראָד געשפּאָלטן! און דער פרייער פויגל איז מגולגל און פאַרשלאָסן געוואָרן אין אַ שטיין! —

— — — — — — — — — — — —

אָבער ווי עס איז, געמוזט האָט עפּעס זיין... וואָרום איינמאָל איז אַן אויסלענדישער פויגל דורכגעפלויגן...

נאָך איידער ער האָט זיך געוויזן, האָט זיך אַ וואונדערלעך זיס גע־רויש דערהערט...

עס איז אין אַ שטילער זומער־נאַכט געווען, און טייך און וואַלד, און לבנה און שטערן האָבן זיך פאַרוואונדערט אָפּגעשטעלט און איינגע־הערט אין דער נייער, זיסער, שטילער מוזיק אין דער לופט... „ווי פריש, ווי פריי!" — האָבן די בלעטלעך אויף דיביימער געציטערט...

חיות אין וואַלד, און פרעש אין זומפּ, זענען פאַרשטאַרט און פאַר־כישופט געבליבן... דער בער, אין מיטן שפּרונג — אין דער לופט, דער פראָש מיטן אָפענעם מויל — אין זומפּ...

און ער האָט זיך באַוויזן...

עס האָט נאָך קיינער אַזוינע גרויסע, ברייטע, ווייסע און מעכטיקע פליגל נישט געזען...

און שטיל בלייבט ער הענגען אין דער לופט, און וואַלד און טייך האַלטן דעם אָטעם איין...

און ער זינגט.

און זיס און שטאַרק איז זיין געזאַנג און פריש, פריי און הייליק זיין ליד...

און שטילער, טיפער און הייליקער ווערט די נאַכט; גרינער און

בליענדער דער פאַרחלומטער וואַלד; העלער פלאַמט אויף די רויז, און דאָס פאַרכישופטע טייכל צעלאָזט זיך מיט אַ שטיל, טיף קלינגענדיק געזאַנג...

און זינגענדיק, קוקט ער זיך מיט שטראַלנדיקע אויגן אום, דערזעט, און שיסט אַראָפּ — צום שטיין... מיט אַ ניי ליד, פון אויפערשטיין...

און אין שטיין האָט זיך עפּעס געוועקט — אַ שוידער איז אַדורך דעם שטיין... אַ קלאַנג האָט זיך אין אים געוועקט...

ווער ווייסט?

דער פויגל, דער אָדלער, דער פעניקס, צי דער לייב?

ווער זיפצט?

— — — — — — — — — — — — —

לאַנג האָט עס נישט געדויערט;

דער פויגל איז אַוועק...

פיר דורות - פיר צוואות

.1

אז ר׳ אליעזר־חייקלס איז נפטר געוואָרן, האָט מען אונטערן קישן געפונען אזאַ קוויטל:

„מיין רצון איז, אַז די קינדער זאָלן בלייבן ביים וואַלד בשותפות״.

„נאָך מיין פטירה זאָלן זיי לאָזן מאַכן אַ צוים צום בית־עלמין, און פאַריכטן דעם דאַך פון שיל״.

„די ספרים זאָל נעמען בני בנימין החתן שיחיה; די זין מיט די איידעמס האָבן געקריגן ספרים צו דער חתונה״.

„זוגתי תחיה, זאָל בלייבן אין דער דירה באַזונדער; זאָל זי זיך צונעמען אַן אָרעמע יתומה — זי זאָל נישט זיין אַליין. זי זאָל זיך אַליין מאַכן קידוש און הבדלה״.

„ אַ חלק זאָל זי האָבן גלייך מיט אַלע יורשים״.

„אַחוץ דעם...״

מער האָט מען נישט געקאָנט לעזן; דאָס קוויטל איז אַפּנים פייכטערהייט געלייגט געוואָרן אונטערן קישן, און די אותיות האָבן זיך אָפּגעמעקט.

.2

ר׳ בנימין, ר׳ אליעזר־חייקלס זון, האָט שוין מער געשריבן:

„היות, עס איז געקומען די צייט, און איך וועל בקרוב זוכה זיין אָפּצוגעבן דעם פּקדון ד ע ם, וואָס אַלע פּקדונות זענען זיין״.

„און אַ מענטש שרעקט זיך פאַר זיין ליבן נאָמען און פאַר זיין משפּט, נאָר גיין גיי איך פון דער וועלט אָן אומעט, חלילה, נאָר מיט גרויס בטחון אין אל רחום וחנון, אַז ער וועט מיט מיר טון לפנים משורת הדין, און לויט זיין גרויס רחמנות״.

„און איך ווייס, אז דאָס פּקדון איז איבער דער צייט ביי מיר פאַר־פלעקט געוואָרן, קאַליע געוואָרן...“

מיר היפּערן־איבער דעם חשבון הנפש און דעם מוסר פאַר די קינ־דער, און לעזן ווייטער:

„און די פיס ווערן מיר אָפּגעקילט, און דער מוח ווערט, וואָס אמאָל מער מבולבל, און נעכטן האָט זיך מיר געטראָפן אַ ווונדערלעכע זאַך, אַז בשעתן לערנען בין איך איינגעדרימלט געוואָרן, און עס האָט זיך מיר עפּעס געחלומט, און דאָס ספר איז מיר ארויסגעפאַלן פון דער האַנט, און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, און האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט פּראָסט, אַז מען רופט...“

„און דאָס, וואָס איז באמת מ י י ן געווען אויף דער וועלט, דאָס לאָז איך נאָר איבער אויף אַ צייט; דאָס וועט מיר נאָכקומען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר; מיט דעם וועל איך זיך זוכה זיין צו זען בזיו השכינה הקדושה — אמן, כן יהי רצון!“

„און וואָס עס וועט מיר נישט נאָכקומען, דאָס איז קיינמאָל נישט מיין געווען, און א י י ן גאָט ווייסט, אַז איך לאָז עס איבער אָן אַ שום עגמת־נפש“.

„און אויף מיין עשירות לאָז איך קיין צוואה נישט איבער; איך בין בטוח, אַז בני ביתי שיחיו, אָדער זיי וועלן לעבן בשלום ושלווה צו־זאַמען, אָדער זיי וועלן זיך צעטיילן על פּי דין ועל פּי יושר, און איינער פאַרן אַנדערן וועט, חס־ושלום, נישט מעלים זיין“.

„און איך פאַרלאַנג, אַז בני ביתי, היינו: אשתי תחי׳ ובני וחתני שיחיו, זאָלן מפריש זיין צוויי מאָל מעשר. היינו: תיכף נאָך מיין פּטירה זאָלן זיי מאַכן אַ חשבון צדק פון דער נחלה און מטלטלים וכלי בית, און אַזוי כלים, און אַלע שטרות, און חובות בעל פּה וכו׳ און זאָלן אָראָפּ־געבן מעשר ראשון על חשבוני לתקון נשמתי, און צעטיילן אָרעמע לייט“.

„דערנאָך זאָלן זיי פון דער רעשט, דאָס הייסט — שוין פון דער ירושה, געבן מעשר שני פאַר זיך, אַזוי ווי מיין מנהג איז געווען צו געבן מעשר פון ריווח, גם כן — פאַר אָרעמע לייט“.

„און צו יעדן פוןביידע מעשרות זאָלן זיי מוסיף זיין אַ שליש למאה; טאָמער האָבן זיי זיך טועה געווען אין חשבון“.

„און דיביידע מעשרות זאָלן זיי געבן צדקה פאַר פּרעמדע אָרעמע לייט כנ"ל, און נישט פאַר קרובים".

„פאַר אָרעמע קרובים וועלן זיי אַליין וויסן וויפל צו געבן, אָבער נישט פון דער צדקה, ווייל פון צדקה דאַרף מען נישט נהנה זיין, און אַז מען גיט נאָענטע קרובים, איז גלייך, ווי מען וואָלט געגעבן זיך".

„און אויף מיין מצבה זאָל מען מער נישט אויסקריצן, נאָר דעם נאָמען ושם אבא ז"ל ויום הפטירה, און נישט מער".

און איך בעט זייער מיינע זין מיט די איידימעס, זיי זאָלן זיך נישט איינגאַנצן אַריינטון אינעם הבל, נישט וועלן זיין דווקא גרויסע סוחרים, ווייל וואָס גרעסער דער סוחר, איז קלענער דער ייד. און זיי זאָלן זיך נישט זוכן קיין געשעפטן פון דער וויט, און נישט פאַרשפּרייטן דאָס ביסל געלט אויף ארבע רוחות העולם, ווייל ווו גאָט וויל, דאָרט העלפט ער, און די ברכה קאָן אַריינקומען אין קליינע ווי אין גרויסע מסחרים".

„דער עיקר, באַשווער איך דעריבער בני יקירי מהור"ר יחיאל, ווייל איך האָב געזען, אַז ער האָט גרויס תאווה צו גבירישקייט וד"ל.

„און איך בעט זייער, אַז מיינע קינדער זאָלן האַלטן דעם מנהג און אָפּטיילן יעדעס יאָר פאַר ראש־השנה פונעם גאַנצן ריווח מעשר פאַר אָרעמע לייט. און אַז עס וועט אַמאָל, חס־ושלום, קיין ריווח נישט זיין, און אַז עס וועט אַמאָל זיין, חס־ושלום, אפילו היזק, זאָלן זיי אויך טיילן צדקה, ווייל עס וועט אוודאי זיין אַ נסיון פון זיין ליבן נאָמען" —

„דער עיקר, בעט איך זייער, זיי זאָלן לערנען טאָג־ביי־טאָג, לכל־הפחות, אַ בלאַט גמרא, און על כל פנים, אַן עמוד ראשית־חכמה".

„פאָרן זאָלן זיי כאָטש איינמאָל אין יאָר".

„די נשים זאָלן לייענען „קב־הישר" אויף עברי־טייטש, אחוץ „צאינה־וראינה שבת און יום־טוב".

„און אינעם טאָג פון דער יאָרצייט זאָל מען עוסק זיין בתורה אַ גאַנצן טאָג, די נשים זאָלן געבן צדקה; דער עיקר — מתן בסתר".

. . . .

3.

אַז מאָריץ בענדיטזאָן (בנימינס אַ זון) איז געשטאָרבן, האָט מען געפונען אַ צעטל אויף פּויליש:

„מען זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז, און וואַרטן מיט דער קבורה, ביז דער זון וועט קומען".

„צען טויזנט גיב איך אַ קרן־קימת אין „דאָזאָר" אַריין; דאָס פּראָ־צענט זאָל מען צעטיילן יעדע יאָרצייט אָרעמע לייט".

„צען טויזנט לאָז איך איבער אויף אַ בעט אין נייעם שפּיטאָל, מיט דעם תּנאַי: דאָס בעט זאָל אָנגערופן ווערן אויף מיין נאָמען".

„בשעת לוויה זאָל מען טיילן צדקה".

„מען זאָל שיקן נדבות אין אַלע תּלמוד־תּורהס אַריין; די מלמדים מיט די קינדער זאָלן גיין נאָך דער לוויה".

„מען זאָל דינגען אַ דיין, אָדער אַזוי אַ למדן, ער זאָל זאָגן נאָך מיר קדיש".

„די מצבה, לויט דעם מאָדעל, וואָס איך לאָז איבער, זאָל מען באַשטעלן אין אויסלאַנד".

„מען זאָל איבערלאָזן אין דאָזאָר־שטוב אַ געוויסע סומע געלט, דער דאָזאָר זאָל נעמען אויף זיך אויפצוהאַלטן דעם קבר מיט דער מצבה".

„דאָס געשעפט זאָל הייסן: „מאָריץ בענדיטזאָן — זיין זון".

„און וואָס עס באַטרעפט..."

מיר לאָזן איבער די רשימה פון פאַרמעגן און דעם חשבון פון די חובות צום אָפּנעמען, ווי אויך די עצות טובות, ווי אַזוי דאָס געשעפט ווייטער צו פירן.

„איך, מאָריץ בענדיטזאָן — זון", גיי אַוועק פון דער וועלט נישט פאַר נחת, נישט פון עגמת־נפש, נאָר פון לעערקייט".

„אַ גרויסער חכם איז געווען אַריסטאָטעל; די נאַטור האָט פיינט לעערקייט".

אַ שרעקלעכע מאַשין איז די וועלט. יעדעס רעדל האָט זיין באַזונדערע אַרבעט, זיין באַזונדערן צוועק. ווערט אַ רעדל פאַרדאַרבן, אָדער עס האָט אָפּגעאַרבעט זיינס פאַר דער צייט, גייט עס אַליין אַרויס פון דער מאַשין, גייט עס אַריבער פון ג אָ ר א י ן ג אָ ר־נ י ש ט..."

„איך קאָן לענגער נישט לעבן, ווייל איך האָב דאָ נישט וואָס צו טון, איך טויג צו גאָר נישט, ווייל איך האָב מיינס אָפּגעלעבט. איך האָב

אויסגעטרונקען דעם גאַנצן נחת, וואָס מיר איז באַשערט געווען, אויפ־געגעסן און אויסגעקושט אַלץ, וואָס איך האָב גערדאַרפט".

„מען האָט מיך אַ סך געלערנט, נאָר לעבן און נישט איינשלינגען דאָס לעבן האָט מען מיך נישט געלערנט".

„איך האָב קיין זאַך נישט אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך איינ־האַלטן, צובינדן צו איר... עס האָט מיר קיין זאַך נישט געפעלט, עס זאָל האָבן ביי מיר אַ ווערט. איך האָב אַלץ גענומען אָן זאָרג, אָן עגמת־נפש, אָן אַרבעט, — ווי פון הפקר גענומען..."

„אַזוי זאַכן, אַזוי מענטשן; אַזוי מענער, אַזוי פרויען..."

אַלע האָבן מיר צוגעשמייכלט, און איך האָב קיין איינציקן פריינט נישט געהאַט; אַלע האָבן מיך גערן געקושט, און איך האָב קיין איינ־ציקע נישט גערדאַרפט..."

אַ פאַרמעגן האָב איך געירשנט, און עס האָט געוואַקסן און גע־מערט זיך אָן מיר, אָן מיין ווילן".

„עס האָט געוואַקסן, ביז עס האָט מיך איבערגעוואַקסן".

„אָפט האָט געוויינט אין מיר דאָס האַרץ: זאָל מיר עפּעס פעלן, זאָל איך עפּעס מ ו ז ן טון; און די דאָקטוירים האָבן מיר פאָרגע־שריבן: שפּאַצירן, שפּילערייען, ספּאָרט... נישט קיין לעבן, נאָר אַ סוראָ־גאַט פון לעבן, אַ געפעלשט לעבן, געפעלשטע אַרבעט"...

„און לענדער אַ סך האָב איך געזען, און קיין איינציקס איז נישט מ י י ן געווען; אַ סך ערטער האָב איך באַוואונדערט, און איך האָב קיין איינציק אָרט נישט געליבט..."

„און אַ סך שפּראַכן האָב איך געלייפיק גערעדט, נאָר איך האָב קיין איינציקע נישט געפילט — איך האָב מיט די ווערטער,, ווי מיט באַלן, געשפּילט".

„פעלקער און שפּראַכן האָב איך ווי האַנטשו געטוישט..."

„די גאַנצע וועלט איז געווען מיין, נאָר איך בין צו קליין געווען, איך זאָל זי צוהאַלטן; צו קורצע הענט געהאַט, איך זאָל זי אַרומנעמען; קיין וועלט באַהערשן האָב איך נישט געקענט..."

„און וואָס איך וואָלט געקאָנט באַהערשן, דאָס האָב איך שוין גרייט געפונען, דאָס האָט מען מיר שוין איבערגעלאָזט..."

„אַלץ איז פאַר מיינעטוועגן געטון געוואָרן, אַלץ האָט מען מיר

אָפּגעקויפט; אויב עס איז נאָך עפּעס געבליבן, האָט עס דאָס פאַרמעגן געמאַכט".

„אַלץ — דער שמייכל אויפן פריינטס פּנים, דער קוש פון רויטע ליפּן... דער קדיש נאָכן טאַטן... העכסטנס האָב איך נאָך עפּעס אויסגע־צאָלט; נאָר געבן, שענקען, דאָס האָט מען מיך נישט געלערנט..."

„און דאָס קליינע איז מיר געוואָרן צו קליין, און דאָס גרויסע — צו גרויס, — און נאָך וואָס צו לעבן איז נישט געווען..."

„איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר, אַזוי מיטן גוף, אַזוי מיט דער נשמה; איך האָב אין מיר גאָר נישט, וואָס זאָל לעבן און לעבעדיק מאַכן... איך לעב שוין לאַנג נישט; איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פון לעבן; אַצינד איז עס מיר נאָך נמאס געוואָרן".

„מען האָט זיך מיט מיר אויפגעפירט, ווי אַ פּויער — מיט אַ חזיר; מען האָט מיך געשטאָפּט... נאָר דער פּויער, אַז דאָס חזיר ווערט גענוג פעט, קוילט ער עס; מיך הייסט מען, איך זאָל מיך אַליין קוילן; און איך האָב די העזה נישט, נישט צו פאָלגן..."

„דער אַרשעניק שטייט אויפן טיש; דער לעצטער געטראַנק, וואָס וועט מיך אָנשיכורן, און איך וויל מיך שוין נישט אויסניכטערן...

„זאָל איך עפּעס אָנזאָגן וועגן מיין פאַרמעגן? נאָך וואָס? דאָס איז מיין אומגליק געווען..."

„האָב איך נישט עמעצן צו דאַנקען?"

„ניין — איך האָב אַלע פאַר אַלעם באַצאָלט..."

„פאַרן לעצטן געטראַנק אויך".

דריי מאָל געװאָרפן

(איבערגעזעצט פון אַ גאָר אַלטן, נישט געענדיקטן כתב־יד)

איך בין דעמאָלט געשטאַנען אין פעלד, ווייט פון באַגדאַד, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און מיין פאָטערס הויז איז געשטאַנען...

איך זע זי דאָך, די שטאָט, פון ווייטן... אירע טויזנטער ליכט־לעך שניידן זיך דורך דעם שווערן, פייכטן נעפּל דורך און קוקן אויף מיר ווי טויזנטער אויגן, פול באַרעמהערציקייט און זאָרג.

טרויעריק שווימט אויך איבער מיין קאָפּ די לבנה...

זי האָט מיטלייד מיט מיר, אויפן קליינעם, שוואַכן ייִנגל, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנקעט אַזוי ווייט פון דער היים און שטייט איינער אַליין אויפן פרייען פעלד...

אַנדערש קוקן די שטערנדלעך! מיט מיליאַרדן פינקלדיקע אויגן שמייכלט צו מיר דער הימל אַראָפּ. ער ווייסט, אַז איך בין נישט פאַראירט נישט פון דער שטאָט, נישט פון טאַטנס הויז; אַז איך ווייס, וווּ איך בין, וווּ אַהין איך גיי און וואָס איז מ ו ז טון!

און נעמלעך: איך מוז אַרויף אויפן שפּיץ טורעם, די ריינע וואָר־הייט מוז איך וויסן!

אַזוי האָט מען מיך געהייסן!

וווּנדערלעכע געשיכטן דערציילט מען וועגן דעם טורעם; מעשׂיות — איינע שענער פאַר דער צווייטער.

דאָ — זאָגן אַ טייל — איז אַמאָל אַ שטאָט און אַ פעסטונג געשטאַ־נען; אַ שטאָט אַ גרויסע, אַ גרעסערע אַלס באַגדאַד; און אַ פעסטונג, וואָס האָט געוואָרפן אַ דיקן, שווערן שאָטן פון אירע מויערן איבער שטעט און לענדער... דער טורעם איז געשטאַנען אין דער מיט פעסטונג, און אַרום שפּיץ טורעם איז געווען אַ באַלקאָן, אויף וועלכן עס איז אַרומגעגאַנגען אַ וואַך.

איינמאָל האָט זיך אַ פּיינט צוגעשלייכט צו דער פעסטונג, און דער וועכטער איז געשלאָפן און האָט נישט באַמערקט, קיין סיגנאַל נישט געגעבן, דאָס פאָלק נישט געוועקט! דער פּיינט האָט געשטורעמט די מויער, אריין אין שטאָט, אויסגעקוילעט דאָס פאָלק, פאַרברענט די שטאָט און איינגעוואָרפן די פעסטונג... איין טורעם איז געבליבן... און נאַכט אויף נאַכט שטייט דער וועכטער פון קבר אויף, גייט אויפן באַלקאָן פון טורעם אַרויף, — גייט אויף דער וואַכט, ביז ער שלאָפט איין... ווײ־געשרייען וועקן אים, ער עפנט די אויגן און זעט, ווי מען קוילעט זיינע ברידער; ער וואַרפט זיך פון טורעם אַראָפּ. — דאָס איז זיין אייביקע שטראָף.

און אַנדערע זאָגן: עס איז אַ טורעם פאַר שטערנזעער געוועזן; פאַר אַזוינע כישוף־מאַכער, וואָס האָבן מיט אָפענע אויגן געקוקט אין הימל אריין און געזען וואָס יעדן איז באַשערט; וועמעס מזל עס צעפלאַקערט זיך און וועמעס שטערן לעשט זיך און פאַלט, און יעדן געוואָרנט אָדער בשורות אָנגעזאָגט — פאַר קליין געלט; גוטע מענטשן געווען...

און ווער עס האָט געהערט, געגלייבט, און, אויב אַ שלעכטע בשורה — תשובה געטון, איז גוט; אָדער ער איז געשטאָרבן אַ בעל־תשובה און געפונען אָפן פאַר זיך די טויערן פון גן־עדן, אָדער ער האָט פיל געוויינט און געבעטן, ביז מען האָט אים פאַרלאַנגערט אויף אַ צייט... האָט אָבער ווער נישט געגלייבט, — זענט איר אים זיכער נישט מקנא...

איינמאָל האָבן די מכשפים געשיקט אַ שליח מיוחד מודיע זיין דעם קאַליף, אַז זיין צייט איז געקומען, אַז מען רופט אים אויף יענער וועלט... זיי האָבן זיין ליכטיקן שטערן אין הימל אונטערגיין געזען און מורא געהאַט, ער זאָל נישט גיין פון דער וועלט אָן אַ צוואה, וועמען פון זיינע זין ער גיט איבער די קרוין... און וועלכע ברידער זאָלן ווערן געטייט... די טויזנטער זין פון עטלעכע הונדערט ווייבער זאָלן נישט צערייסן דאָס לאַנד, ווי אַן אַלטן מאַנטל...

דער פרומער קאַליף האָט געגלייבט. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער געפאַסט, אָפּגערייניקט די נשמה פון זינד, צעטיילט דאָס לאַנד צווישן אַלע פרומע קינדער, און נאָר די נישט־פרומע אין וואַסער אַריין געוואָרפן. און גרייט צו גיין אין זיין רו אריין, האָט ער געוואָלט מיטנעמען די כישוף־מאַכער; אָן זיי וויל ער זיך אין גן־עדן נישט ווייזן; אָן זיי וועט ער דאָרט

נישט קענען קיין מויל עפענען. ער קאָן זיך בלאָמירן מיט וואָס עס איז פּאַר אַ נישט פּאַסנדיק וואָרט. האָט ער זיי רויטע זיידענע שטריקלעך געשיקט.

נאָכן טויט האָט מען דעם קאַליף געקריינט מיטן נאָמען: „חכם". און אַזוי רופט מען אים אין אַלע געשיכטע־ביכער ביזן היינטיקן טאָג. אָבער דער טורעם פּאַר שטערנזעער איז פון דעמאָלט אָן געבליבן — לער.

די שטערנזעער האָט מען נ י ש ט געקוילעט; זיי זענען, באַקור־מענדיק די שטריקלעך, אַנטלאָפן אין סטעפּ אַריין; און מענטשן און קאַליפן לעבן, נישט ווייסנדיק, וואָס מאָרגן וועט זיין... זעלטן עמעץ זאָל תשובה טון פאַרן טויט; אַז קיינער וואָרנט נישט!

אָבער נאָך אַנדערע זאָגן, אַז דאָס, וואָס אויבן איז געשטאַנען, איז „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן". דעם אמת ווייסן ז י י...

דאָ — ווייסן זיי — ליגט נמרוד באַגראָבן! דער גרויסער יעגער נמרוד, פון וועלכען מען רעדט אין בראשית; פאַר וועלכן אַ וועלט האָט געציטערט!

אַז ער האָט דערפילט, אַז עס גייט זיין עק, האָט ער זיך איינגע־שפּאַרט, ער מוז שטאַרבן שטייענדיק אויף די פיס! און אַזוי שוין בלייבן שטיין! כאַפּט ער אויפן קאָפּ אַרויף אַ שטיינערנעם טורעם ווי אַ קיווער, און אַ הויכן, מען זאָל אים אין הימל דערזען, מען זאָל זען, ווי נמרוד שטאַרבט שטייענדיק, און בייגט זיך נישט, און פאַלט קיינעם נישט צו די פיס!

און דער טורעם, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך נמרודס לייב, זינקט — טאָג און נאַכט זינקט ער, שוין טויזנטער יאָר, און איז נאָך נישט איינגעזונקען...

אָבער מיידלעך און ווייבלעך יונגע דערציילן פון טורעם גאָר אַ שיינע מעשה... אַ בת־מלכה שלאָפט אין טורעם... אַ גאָלדענע שטוב איז דאָרט פאַראַן, אַ גאָלדן בעט שטייט אין שטוב, און אַ גאָלדענע בת־מלכה שלאָפט אין גאָלדענעם בעט.

אַ כישוף האָט מען איר אָנגעטון, געשטראָפט האָט מען זי, ווייל זי האָט קיין אַלטן מאַן נישט געוואָלט, די קעניגלעכע טאַטע־מאַמע נישט גע־פאָלגט, נישט געוואָלט... פון ליבע געטרוימט!

און שלאָפן וועט זי אַזוי לאַנג, ביז איר אויסלייזער וועט קומען! און איר אויסלייזער וועט זיין אַ פרישער, אומשולדיקער יונגער מאַן, מיט

אויגן ווי שטערן, קראַפּט פון א ריז, און אומשולדיק ווי א לעמעלע...

ער וועט אַרויפגיין, וועט זי דערזען און צורירן זיך צו אירע ליפּן אַזוי אומשולדיק, ווי א ברודער קושט זיין אייגענע שוועסטער...

פון דעם ריינעם קוש וועט זי דערוואַכן... דער כישוף וועט פאַר־שווינדן, מען וועט א חופּה שטעלן, א סעודה וועט זיין און נדן וועט דאָס פאָרפאָלק באַקומען — אחשורושעם מלוכה!

גיי וויים!

מיין רבי, יאָסל דער פילאָזאָף, זאָגט: הבל הבלים... נאַראָנים פאַרציילן. נאַראָנים גלייבן!

שמעיה בטלן — אַזוי רופט מען אים, דעם חבר מיינעם — גלייבט, אַז אַלע מעשות זענען משלים, זענען שאָלן, אין וועלכע דער נמשל — דער סוד, ליגט ווי א זאָמען באַהאַלטן; מען דאַרף׳ן נאָר אַרויסבאַקומען...

. . . .

דאָס האַרץ ביי מיר קלאַפּט, די פיס ציטערן... איך וויל אַרויף אויפן טורעם, איך מוז! פון קינדוווייז אָן איז דער טורעם מיין פאַרלאַנג, מיין איינציקער חלום... איך טראַכט פון אים, זיצנדיק ביים ספר בייטאָג, ליגנ־דיק מיט אָפענע אויגן ביינאַכט...

עס רופט מיך, עס ציט מיך. איך וויל, איך מוז!

„עס ציט מיך, איך וויל און איך מוז!"

אַלץ איז אַזוי... צווישן מיר און דעם טורעם וועבט זיך א געהיימער פאָדעם. ער וועבט זיך יעדע סעקונדע דיקער און קירצער... ער ציט, איך וויל און מוז צו אים גיין...

נאָר נישט שרעקן זיך!

אויפן ערשטן שטאָק...

אַן אומגעהויער צימער, נאָר לעער, פּינצטער... א פענצטער אין וואַנט... דורכן פענצטער פאַלט פון דרויסן א פילפאַרביק ליכט אַריין און באַלייכט די טרעפּ קעגנאַיבער: די טרעפּ, וואָס פירן העכער אַרויף...

א נעץ פון פאַרביק ליכט צווישן פענצטער און טרעפּ אַרויף און אין צימער איז לעער! איך גיי אַרום און שלאָג מיך אָן גאָרנישט אָן; קיינער און קיין זאַך שטייען מיר נישט אין וועג; אויסער די ווענט... די קאַלטע,

פייכטע, גליטשיקע ווענט... די הארטע, די פעסטע... אָן אַ מינדסטן שפּאַלט,
— אָן אַ ריץ; קיין נאָגל אריינצושטעקן...

איך גיי צום פענצטער צו... גרויס איז עס און ברייט. איך קוק ארויס און זע מער ווי פריער, ווען איך בין אונטן געשטאַנען... גרעסער און ברייטער אנטפּלעקט זיך פאַר מיר דאָס פעלד מיט די זאַנגען, צווישן וועלכע איך בין געשטאַנען...

און זיי באַוועגן זיך, די זאַנגען, שאָקלען מיט די קעפּ..

וואָס האָט איר מיר צו זאָגן, זאַנגען? וואָס ניקט איר מיר צו מיט די קעפּ? איר באַדויערט מיך אָדער ווינטש מיר גליק?

אָבער נישט איר טוט עס. דאָס אָונט־ווינטל וויגט אייך... רעכטס און לינקס, אהין און צוריק...

מיך טרייבט עס א ר ו י ף , אלץ ארויף, העכער און העכער!
און ווער באַוועגט אונדז?

נישט א י ר ווייסט, נישט א י ך... און מיר וועלן עס, געוויס, קיינמאָל נישט וויסן...

בלייבן זיי שטיין די זאַנגען... האָב איך זיי איבערגעשראָקן?

און איך דערזע פון ווייטן מיין שטאָט, מיין באַגדאַד... און צווישן די הייזער דערקען איך אונדזער הויז...

דער טאַטע איז שוין געוויס אהיימגעקומען... ער האָט זיך געוואַשן, גאָט געדאַנקט און עסט זיין אָונט־ברויט; זאָל אים זיין צו געזונט... די מאַמע זעצט זיך אים קעגנאיבער... וויל אים לעזן פון די אויגן ארויס, ווי עס שמעקט אים... „צו געזונט!" — שעפּטשען אירע ליפּן... מיין קליין שוועסטערל, מיין שיין שוועסטערל, גראַבלט זיך אויפן טאַטנס קני ארויף, און פאַרהאַלט זיך, פאַרוואונדערט, וואָס איך העלף איר נישט, קוקט זיך ערשט אום, אַז איך בין נישטאָ... זי פרעגט אויף מיר. דער טאַטע ווערט אומרואיק... ער פרעגט: וואו איז ער? לערנט אוודאי מיט שמעיה בטלן ביי יאָסל פילאָזאָף... — ענטפערט די מאַמע און רייטלט זיך פאַר נחת...
— פאַרשפּעטיקט זיך..." עס פאַלט זיי נישט איין, אַז איך האָב ביידע פאַרלאָזט און שטייג אויפן טורעם...

צוריקגיין און זאָגן? אַ שטימע רופט פון אויבן אראָפּ!

— קום! קום!

דאָס איז זי, די שטימע, וואָס איך האָב נישט איינמאָל אין טרוים געהערט...

ווי זיס איז זי, די שטימע, און עס קלינגט דאָך אין איר:
— איך היים!
ו ו ע ר הייסט?
— ארויף! — רופט מען פעסטער.
און איך גיי...

ווייטער א צימער, נאָך שמעלער און קלענער פאר יענעם... ווייטער א פענצטער, נאָר אויך קלענער פאר יענעם, און דאָס ליכט פאַלט אויך נישט איבערן גאַנצן צימער; א שטרייף גייט פון פענצטער צו די טרעפּ, וואָס פירן נאָך העכער...

אין צימער, אויב עס איז מעגלעך, איז נאָך לערער, נאָך פינצטע־רער, נאָך אומהיימלעכער... די ווענט — פייכטער, קעלטער און פעסטער... אָן אזא וואַנט איז זיך לייכט דעם קאָפּ צו שפּאַלטן...

אָבער העכער — בין איך! איך קוק פון פענצטער ארויס און זע מער, נאָך מער, נאָך ווייטער! — ברייטער און לענגער איז געוואָרן די געגנט... עס האָט זיך ארויסגעוויקלט א טייך; איך האָב אים פריער נישט געזען... און נייע ביימער, א נייער וואַלד... פאר מיר גייען; — פאר די, וואָס ווינען דאָרט — אַלט...

איך הייב די אויגן אויף אין דער הייך — א גרעסער שטיק הימל — נאָך א שטיק וואָלקן, און שטערן פאר מיר נייע... ביי עמעצן זענען זיי געציילט!

איך פ ר י י מיך נישט דערמיט; אָבער שטאָלץ דערויף ווער איך... דאָס אַלץ זע א י ך...

פּלוצים שטעלט זיך א שאָטן פאר מיר... איך דערקען אים — שמעיה בטלן!

— וואָס ביסטו אזוי גרוים ביי זיך? — שפּעט אוים מיר שמעיה — דו זעסט מער, אָבער צי זעסטו בעסער? זעסטו טיפער? און אויפן שפּיץ טורעם, צום הימל נאָענט צו די שטערן, וועסטו בעסער אָדער טיפער זען?!

אייביק וועט זיך דיין בליק גליטשען א י ב ע ר די זאכן, פון אויבן ג ל י ט ש ע ן, נישט אריינדרינגען אין דער זאך אליין, אין עצם־זאך! אין דער נשמה פון איר.

און ער פארלייגט די הענט אויף דער ברוסט און זאָגט: אַלץ האָט זיין אייגענע נשמה — אַ מענטש, אַ חיה, אַ געוויקס, אַ שטיין, אַ קערנדל זאַמד... נישט אַלע נשמות אָבער זענען גלייך לעבעדיק און וואַך... דאָס מערסטע נשמות שלאָפט, אין האַרטע קערפּער פאַרשלאָסן און עס פאַלט אויף זיין קיין טוי פון לעבן נישט, שפּראָצן זיי נישט אַרויס די נשמות...

וועקט זיך אָבער אַ נשמה, פון וואָס עס זאָל נישט זיין אַ נשמה, קאָן פון איר ווערן אַלץ, אַלץ — דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, דאָס העכסטע...

און קאָנען, זאָגט ער — דאַרף מען נאָר איין נשמה... פון וואָס עס איז אַ נשמה... קאָן מען איינע, קאָן מען אַלע... אַלע נשמות זענען גלייך, זיי זענען נאָר וואַך און אויפגעלעבט נישט אויף איין מדרגה...

אָבער דעם תוך, דעם עצם זאַך, די נשמה זעט מען נישט מיט בלויזע אויגן... דערצו דאַרף מען ברילן...

— ברילן!

— פאַרן אַזוינע, דורך וועלכע מען זעט נשמות... הוילע, נאַקעטע נשמות...

— וווּ זענען זיי?

— אין אַ הייל! — אין אַ הייל אונטער ירושלים, אין אַן אייזערנעם קאַסטן מיט אַ קופּערן באַשלאַג און שטאָלענע שלעסער ליגט אַן אַלטער „כתב־יד“, אַ שטיקל פּאַרמעט מיט אַ שם־המפורש, מיט וועלכן מען קאָן עפענען אַן אַנדערע הייל, נעבן טייך גאַנגעס, נעבן גן־עדן — אין בינאַ... און דאָרט אין יענער הייל ליגן זיי — די ברילן. די הייל איז אָבער באַוואַקסט מיט לייבן, עקדישן און ברענענדיקע שלאַנגען.

און פייניקט מען דעם גוף, ביז ער ווערט איינגעשרומפּן, די חיות רעות זאָלן קיין חשק נישט האָבן אַריינצושטעקן אַ צאָן, און האָט מען מיט זיך דעם שם, צו עפענען דעם קאַסטן —

— אַרויף!

הערט זיך פלוצלינג די שטימע; דער שאָטן פאַרשווינדט...

אויפן וועג כאַפּט מיך יאָסל פילאָזאָף, מיין רבי, ביי דער פּאָלע אָן:

— וווּ אַהין גייסטו? נאָך וואָס שטייגסטו? אַלץ וויים דיין נשמה, אַלץ שטעקט אין דיין נשמה... זעץ דיך נאָר אין אַ ווייט, פינצטער ווינקעלע קלערן... נאָר קלערן...

— ארויף! — גיט אַ רוף די שטימע פון דער הייך; ער פאַרשווינדט און איך שטייג...

און וואָס העכער איך שטייג, קלענער ווערן די צימער, קלענער די פענצטער, אָרעמער דער שטראַל, וואָס פאַלט פון זיי אויף די טרעפּ קענג־איבער... האַרטער, נאַסער און גליטשיקער ווערן די ווענט...

אָבער זען זע איך וואָס אַמאָל מער, אַלץ ווייטער און ווייטער! —

די פינצטערניש אין צימער ווערט, וואָס העכער, אַלץ געדיכטער, און לייגט זיך מיר ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער ברוסט... איך אָטעם קוים... דאָס בלוט אין די אָדערן גליווערט פאַר שרעק... איך אייל מיך אַלץ צום פענצטער צו... איך וויל ליכט פון דרויסן, און לויף. צו־לאַנג אָבער שטיין לאָזט מען נישט.

— העכער! — רופט מען אַלץ־אין איינעם...

איך ווער בייז.

— ווער רופט מיך? ווער האָט צו מיר באַפעלן? די פּיס — גע־שוואָלן, אָטעם — פעלט, און דו רופסט און רופסט, וואָס אַמאָל שאַרפער, געביטערישער! מיט וואָס פאַר אַ רעכט?

— העכער! — רופט די שטימע.

איך גיי אַלץ העכער און העכער, און אין האַרץ קוילערט זיך אַרום ביי מיר אַ לעבערלעבער געדאַנק: דו אַליין רופסט! באַהערש נאָר דיך אַליין!...

און איך וויל מיך איבעררעדן און שטעל מיך אָפּ און רעד צו מיר אַליין:

— און אַז דו וועסט שוין זען נאָך וועלדער און פעלדער, נאָך טייכן, נאָך בערג, נאָך ערד... און אַז דו וועסט שוין זען נאָך טויזנט שטערן, נאָך שטיקער וואָלקן... נאָך הימל, וועט דיר גענוג זיין? די זאַכן זענען אַ ר ו ם דיר און מיט העכער קומסטו צו זיי נישט נענטער... זיי רינגלען דיך אַרום, דו ביזט די מיט, אַרום וועלכער אַלץ דרייט זיך אין אַ ראָד... מיט העכער קומסטו צו קיין קערנדל זאַמד נישט נענטער!...

און וואָס העכער, אַלץ קלענער ווערן זיי, די זאַכן, ווייניקער דער־קענסטו זיי...

און איך לויף צום פענצטער צו, קוק אַרויס: וווּ איז באַגדאַד, וווּ מיין טאַטע־מאַמעס הויז, וווּ מיינע גאַסן, מיינע חברים, מיין בית־המדרש?

פינטעלעך זע איך... גלײכע, אויסגעמישטע פינטעלעך... און — זײ װילן מיר אויך פאַרשװינדן... אַלײן װעל איך בלײַבן... און װאָס העכער — אײנזאַמער, עלנטער...

װו אַהין אײַל איך מיך?

— ארויף!

איך דערהער אַ געװײן... אַ הײמיש האַרציק קול װײנט... צי איז נישט דאָרט װאָס געשען? צי איז נישט דאָרט עמעצ פון מײנע געשטאָרבן... אַ ברונעם איז דאָ אויפן הויף, צי איז נישט מײן שװעסטערל אין ברונעם ארײנגעפאַלן?

און איך הער דער מאַמעס שטימע:

— קינד מײנס, װאָס טוסטו? דו שפּילסט מיטן לעבן... אויפן שפּיץ טורעם שטײט דער װעכטער, ער װעט דיך פאַר אַ שונא האַלטן, שטעכן דיך!

ברודערל, ברודערל מײנס! דאָרטן זענען כשוף־מאַכער, זײ װעלן דיר שלעכטס טון! װעסט אין עפּעס משונהדיקס מגולגל װערן!

— אַרונטער! בײזערט זיך דער טאַטע, נמרוד װעט דערהערן, אַז דו קריכסט אים אויפן קבר, װעט ער זיך אַ ריר טון, פאַלסטו אראָפּ, װי אַ שטויב...

און אַז איך פאָלג נישט —

— אַהאַ! די בת־מלכה ציט זיך! די בת־מלכה...

איך װער פאַרציטערט!

— קום! — רופט װײטער די שטימע.

איך גײ און אויף שטיקער רײסט זיך דאָס האַרץ. —

אָט בליצט עפּעס אויף! אַ שפּיגל! װער האָט דאָ אויפגעהאָנגען אַ שפּיגל?

און — דאָס בין איך?

דאָס לײמיקע, גערינצלטע פּנים, די מידע, האַלב־אויסגערינענע אויגן, די װײסע גרויע האָר... דאָס איז דער סוף?

— געװיס! ענטפערן אַלע מידע גלידער...

— אזוי איז... אקצענטירן די פּיס...

—אזוי! בלוטיקט דאָס הארץ.

איך רייס מיך מיט שרעק אוועק פון שפיגל און וויל ווייטער לויפן... ארויף, ארויף, וויניקסטן דעם שפיץ דערגרייכן, מיטן לעצטן טראָפּן בלוט, מיטן לעצטן אָטעם...

— אראָפּ! דונערט פּלוצלינג די זעלבע שטימע פון דער הייך.

— איך גיי נישט אראָפּ! שפּאר איך פארצווייפלט דעם פוס אין באָדן!

— ווער עס גייט נישט, פאַלט!

און איך קאָלער מיך אראָפּ...

איך בין זיכער, אז קיינער האָט דערינען קיין טעות נישט געהאט; אז אַלע האָבן פארשטאַנען, אז איך פארצייל א חלום פון מיינע קינדער־יאָרן...

און, אויב עמעצער האָט א טעות געהאט, איז אויך קיין אומגליק נישט... א חלום ווערט אויך נישט אויסגעטראכט, ער בינט זיך נאָר צוזא־מען... שטעלט איבער, דרייט אויס; אָבער — אַלץ פון לעבן... וואָס שאַדט אויב ער פארבט אמאָל שענער, מאָלט פאנטאסטישער?

און ווער קען די גרענעץ צווישן חלום און לעבן?

און נאָך א מעשה איז געשען...

און דעמאָלט בין איך שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן... און נישט אין דער היים... איך האָב גלות געליטן... געחלומט האָט זיך מיר שוין אויף פרעמדע בעטן, וווּ פרעמד אומפּלוט האָט געביסן, געוועקט און קיין איינציקער חלום האָט זיך ביז צו ענדע נישט אויסגעשפּינט! שוין לאַנג ארויס פון די קינדער־שיך, פון קאָליפן־לאַנד... אוים עונוכן, קייפּס־ווייבער, כישוף־מאַכער, אוים נמרוד מיטן קיווער, אוים בת־מלכהס, וואָס שיקן אמאָל א לבנה־שטראַל אין א מיד הארץ אריין...

א גלות־מענטש בין איך; איך ארבעט, פיר „מלחמה פארן לעבן", פאר מיר, פאר ווייב און קינד! אוים חלומות!

דאָס לעבן, דאָס ווירקלעכע לעבן איז צו הארט, צו פעסט איינ־דרינגלעך, עס זאָל בלייבן פּלאַץ פאר חלומות... קינדער אין וויגן חלומט שוין נישט...

אין אונטצייט איז עס געווען, א שיינער אָוונט, און איך בין מיר פאָרן הויז אין גערטל געשטאַנען. אין פרעמדן גערטל פאַרן פרעמדן הויז... א וואונדערלעכער אָוונט געווען...

צו מיטיק האָבן זיך אויפן הימל צוזאַמענגעקליבן לייכטע, זילבערנע, דינע נעפּל, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעהעקלט, און ווי א פיין געשפּינען טישטעך אויסגעשפּרייט, און פון צווישן די לעכלעך זענען טראָפּן, ווי טרערן פון אויגן געפאַלן... דערנאָך האָט דאָס טריפן אויפגעהערט, די לייכטע נעפּעלעך צעשווימען זיך...

די זון גייט אונטער, דאַרף ווערן טונקעלער; די לייכטע נעפּל צעפליען זיך — ווערט ליכטיקער —

בלייבט עס שטיין! — נישט ליכטיקער ווערט, נישט טונקעלער... עס האָט זיך די צייט ווי אָפּגעשטעלט! דער אומרו פון וועלט-זייגער איז שטיין געבליבן!

די ביימלעך אין גאָרטן וואונדערן זיך... די בלומען אין גראָז ווייסן נישט, וואָס מיט זיך צו טון... עפענען זיך נאָכן רעגן, פאַרוויקלען זיך פאַר דער נאַכט?

איך שטיי דערשראָקן.

און וואָס וועט זיין, אויב דער פאָדעם, וואָס באַוועגט אלץ האָט זיך ווירקלעך אָפּגעריסן? אויב איך בין אויפן גרענעץ פון דער צייט, עס שלאָגט אוים איר לעצטע סעקונדע! און דאָס, וואָס עס איז, וועט שוין אזוי לעבן און דויערן אייביק; נישט פאַרענדערן זיך, נישט אויפהערן... אלץ וועט פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט ווערן; אלץ וועט בלייבן אין דער זעלבער פאָרעם!

דער אָקס, וואָס האָט דעם קאָפּ געבויגן און אַרויסגעשטעקט די רויטע צונג צום גרעזל... וועט עס נישט דערגרייכן...

דער אָדלער, מיטן קינד, וואָס ער האָט אין די נעגל, וועט בלייבן הענגען אין דער לופט, אונטערן הימל, און די מוטער, וואָס קניט אויף דער ערד, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, פאַרשטאַרט פאַר שרעק, וועט שוין בלייבן אזוי קניען... דאָס געשריי פון קינד און פון דער מוטער וועלן פאַרפרירן אויף אייביק אין דער לופט!

געבויגן אונטער א לאַסט, וועט פאַרשטאַרט ווערן דער טרעגער, ער וועט קיינמאָל נישט אויסגלייכן די אקסל... דער טראָפּן שווייס, וואָס האָט

זיך אים געלאָזט פון שטערן, וועט נישט דערגרייכן דער באַק; וועט הענגען בלייבן איבער דער ברעם...

און אַלטע מויד וועט בלייבן ביי די קאַרטן, וואָס זי לייגט זיך, דער „אייבער" וועט איר שוין קיינמאָל נישט אַרויס...

און דער, וואָס קניט פאַרן פרעמדן ווייב, וועט שוין נישט אויפ־שטיין; די ליפּן, וואָס זי טראָגט אים אַנטקעגן, בלייבן אין דער לופט, און דער מאַן, וואָס לויפט מיטן מעסער צו, וועט ביידע נישט דערגרייכן...

א קינד באַרבעלט אין וויג, דיפּטעריט... עס וועט נישט שטאַרבן, נאָר אייביק באַרכלען... דער קראַמף אויפן פּנים פון דער מוטער, וואָס קניט ביי דער וויג, וועט נישט אַראָפּ...

די אַלטע זעק־פליקערן בלייבט מיט דער נאָדל אין איין האַנט; מיטן פאָדעם אין דער צווייטער...

דער מערדער אין וואַלד, מיטן בילד פון זיין אָפּפער אין אויג!

און די טויטע וועלן שוין נישט אויפשטיין, די לעבעדיקע — נישט שטאַרבן... אַלץ וועט זיך איינציען און איינגעצויגן ווערן אין איין סע־קונדע — די אַלע בילדער פון שרעק, פון פאַרצווייפלונג, פון כעס, רציחה, רחמנות, געבעט — אויף תמיד!

אייביקער נחת, אייביקער צער, אייביקע פרייד, אייביקע טאָרטורן...

— גיי!

הער איך פּלוצלינג א שטימע...

נישט ווילנדיק ריר איך מיט א פוס, און אַלץ הייבט זיך אָן אַרום מיר צו באַוועגן...

איז דאָס אויך געווען א חלום?

אָבער, די שטימע האָב איך דערקענט!

די זעלבע!

— וווּ אַהין גיין?

קיין ענטפער!

אַלט בין איך אַצינד און זע אויס, ווי דעמאָלט אין שפּיגל...

די פיס ווילן שוין נישט טראָגן... איך האָב שוין לאַנג קיין גערטל, קיין בלומען, קיין הויז, אפילו קיין פרעמדס... איך וואַנדער...

און צו חלום קומען: אייזערנע בלומען, קברים־קרענץ...

און פארגעסן פון אלע, עלנט, צוגעשלאָגן אין א גאסט־הויז צום בעט.

אינדרויסן, הינטער די ווענט, שטורעמט און זיט ווייטער דאָס לעבן, נישט מ יי ן לעבן שוין!

רייסט זיך אמאָל צו מיר אריין א שטימע, פארשטיי איך זי נישט... א פרעמדע שפּראך, און ווייס נישט, וועגן וואָס עס גייט...

איך הער נאָך: שווערדן קלינגען... הוראַ! עמעצ זיגט! אנדערע שעלטן און פאלן...

איך בין אויך אמאָל א קריגער געווען, א שווערד געהאט... וועגן עפּעס וואָס געפאָכטן, אָבער וועגן וואָס, געדענק איך נישט...

דער קאָפּ איז צו שוואך; איך ווייס שוין נישט, צי מיר האָבן געזיגט, צי דאָס פעלד געריניקט...

צי געדענקט מיך נאָך עמעצ דאָרט? געווים נישט; איך האָב זיי אויך פארגעסן!

אין האלטן הארץ שימערט נאָך א קליין פלעמל: דאכט זיך, א ליכטל צאנקט, נאָר עס האָט שוין קיין קראפט נישט צו פארטרייבן די קאלטע, שווערע שאָטנס, וואָס ליגן זיך מיר אלץ מער אויף דער נשמה...

אמאָל אלטע שאָטנס; באווייזן זיך אמאָל אין געהירן, איך דערקען זיי נישט... איך ווייס נישט, ביי וואָס איך האָב אמאָל געוויינט, פארוואָס איך האָב אמאָל געלאכט...

און די אויגן זענען פארמאכט אויף אייביק... נאָר די אויערן הערן נאָך עפּעס...

נאָך וואָס? דאָס גערויש פון לעבן פארשטיי איך נישט...

און אָפּן זענען זיי, איך זאָל נאָך אמאָל ווערן גערופן! און די זעלבע שטימע וועט רופן... דאָס ווייס איך...

— ווער ביסטו, וואָס דו וועסט רופן?

— איך וועל גיין, איך וועל פאָלגן, ווייל איך מוז! נאָר ווער ביזט ד ו?

בין איך נאָר דיין ווערקצייג געווען, נישט ווימנדיק, דיינע צוועקן געדינט, און אצינד, אז איך טויג נישט מער, וועסטו מיך צעשמעטערן?

און איך זאָל אפילו קיין רעכט נישט האָבן צו פרעגן: צו וו אָ ס איך האָב דיר גענוצט?

אַ רייזע אין דער צייט

... און איך וואַרף מיך אַרום אין בעט; אַ געדאַנק מאַטערט און לאָזט נישט שלאָפן. אין דרעמל פּלאָנטערט ער זיך אַריין אין מיינע חלומות...

„מיר לעבן אין צ יי ט און אָ ר ט".

דאָס אָרט קען מען נאָך באַהערשן: ווילן מיר, ש ט יי ע ן מיר, ווילן מיר, ב אַ וו ע ג ן מיר זיך: טוישן מיר דעם פּלאַץ.

אָבער מיט דער צייט — צי מיר ווילן צי נישט, מיר ב אַ וו ע ג ן זיך; אַפילו די רעליגיאָן רוקט זיך אויך פאָרויס!

און דער אָרט האָט פיר זייטן.

מיר קענען גיין אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס.

דער אָרט איז אָן אָנפאַנג, אָ פאַרנעם.

אָבער די צייט איז אַ שטריך. נישטאָ קיין רעכטס און לינקס, נאָר אַ פאָרנט און אַ הינטן.

די היסטאָריקער קערן זיך אום צוריק, און מיט דער פאַנטאַזיע דער־גרייכן זיי אַמאָל צוריק ביז אָ ד ם און ח ו ה, און זעען זיי אַרומגייען נאַקעט און עסן גראָז...

אַנטקעגן זיי שטייען די פּראָפעטן, די טרוימער. נאָר פאָרווערטס! שפּרינגען אַמאָל אין דער צוקונפט אַריין, גלייך צום לעצטן גרויסן טאָג אָדער צום קליינעם יינגל, וואָס פירט מיט אַ רויזן־שטעקל אין דער האַנט וואָלף און שעפּס צוזאַמען.

די זענען אָבער אויסנאַמען, אויסטערלישע מענטשן, און באַגייען זיך אָפּט דעריבער מיט אַ זייפנבלאָז פון לעבן אַנשטאָט לעבן. אָבער גאָטס פאָלק, די גרויסע מאַסע, וואָס גייט טריט ביי טריט, און איך, נישט אויס־געערט זאָל עס זיין, צווישן זיי, צווישן דעם ערב־רב... מיר וואָס? מיר ווילן לעבן, און נישט קיין וועקסל אויפן לעבן. די דערינערונג פון טאָפּ פלייש איז עפּעס מער ווערט אַלס די זיסע האָפנונגען פון מילך און האָניק...

מיינע אויגן זענען האלב פארמאכט, און איך פרעג זיך:

„פארוואס גייען מיר נישט און פארן נישט אין דער צייט?

וואס אנבאלאנגט דעם ארט, אנטוויקלען מיר זיך, ווערן מיר פאלקאָ־מענער פון טאג צו טאג. אמאל זענען מיר געגאנגען, (און פיליכט נאך אויף אלע פיר), דערנאך געקומען צום רייטן. האט א גנ־טער מענטש דערפונדן דאס ראד, האבן מיר צוגעשפאנט דאס פערד און געפארן! איז געקומען דער דאמף און האט באזיגט דאס פערד. איצט באשטרייט די עלעקטריציטעט דעם דאמף און זיגט! אצינד בויט מען לופט־שיפן, און מיר וועלן פליען ווי די אדלער!

נאר מיט דער צייט? קיין עצה, קיין ראט אנטקעגן דער צייט!

די ברעמען זענען שווער ווי בליי. פאלן צו. קוים נאך א קליינער, שמאלער שפאלט... און דער געדאנק הערט נישט אויף צו מאטערן:

— „אז מיר איז קאלט דא, און איך האב געלט, אנטלויף איך פון דער קעלט, פארבייט איך דאס פינצטערניש מיט ליכט, ווינטער מיט זומער! און וויל איך און האב געלט, מאך איך מיר א גאנץ יאר פרילינג אדער א זומער; דאס געזאנג פון די פייגעלעך הערט נישט אויף, און איך קוועל פון נחת — אין די ווארעמע לענדער.

אבער אז עס איז מיר קאלט אין דער צייט, איז נישטא וווּ צו אנטלויפן!

נישטא קיין רעדער, קיין דאמף, קיין עלעקטריציטעט און קיין לופט־באלאן...

און — מען טאר נישט בלייבן שטיין! איך מוז מיך באוועגן, און באוועגן דורכאויס — אזוי וויל עמעץ — טריט ביי טריט!

צוריק, מיט די היסטאריקער, קאן איך זיך נישט אומקערן, מיך עקלען די דורות אן ווייסע, געפרעסטע העמדער...

און נביאות זאגן קאן איך אויך נישט: זינט דער בית־המקדש איז חרוב געווארן, ווייסט איר דאך ביי וועמען אין די הענט דאס נביאות איז געבליבן!

איך וויל פארן אין דער צייט, איך וויל!

און דרעמל איין און טראכט, אז עס איז גארנישט אזוי אומעגלעך.

מען דארף נאר וועלן! אלץ הענגט אפ פון ווילן. און איך וויל, איך וויל מיט אלע קרעפטן, מיטן גאנצן הארץ.

און פּלוצלינג — איך פּאַר...

. . . .

אוים! עס וואַקסט שוין מער קיין ברויט נישט. און אויפגעהערט האָט די ערד צו זיין דאָס אייגנטום פון „פּריצים" און פעלקער... די כ ע-מ י ע מאַכט ברויט פון דערנער, און מיר קאָנקורירן נאָר מיט די דערנער-פרעסער — די אייזלען. אַ רחמנות אפילו, וואָס קאָן מען אָבער מאַכן? אזא וועלט, ס'רעדל דרייט זיך! הונדערטער יאָרן האָבן זיי געגעסן און מ י ר געהונגערט! און נישט נאָר ברויט אַליין גיט אונדז די כעמיע — אויך פלייש און פיש, און געפליגל און הערינג, ס'הייסט — נאָר דעם געשמאַק דערפון. און דער גראָבער בויך איז פארשוווּנדן, דער טרעלבוך, דאָס אי-בעריקע שטיק פלייש, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט דעם מענטשן הונדער-טער יאָרן נאָכאַנאַנד. און מיר עסן נישט, נאָר מיר טרינקען. און אין פאַריז טרינקט מען שוין אויך נישט, נאָר מען שמעקט. די שפּייזן גייען אריין דורכן נאָז. די ענגלענדער טראָגן קליינע זעקעלעך מיט שטויב, מיט פּודער פון שפּייז, אונטער דער נאָז, איבער די וואָנסן, און שמעקן ווען עס ווילט זיך זיי. און אויב דאָס מויל איז נאָך אינגאַנצן נישט פארשטאָפּט געוואָרן, איז עס נאָר ווייל עס קומט צונויף — ווייבער קאָמפּלימענטן צו מאַכן, צו פלירטן!

און די ליבע — איז פריי, אָן א בייז אויג, אָן אייפערזוכט — גאָרנישט!

נישט דער מאַן שפּייזט דאָס ווייב, ווי אין צוואַנציקסטן יאָרהונ-דערט, און נישט די פרוי האַלט אוים דעם מאַן, ווי אין דרייסיקסטן! יע-דער האָט זיך זיין פלעשעלע מיט פּודער, און שמעקט, האָט די פרוי קיין באַזונדער רעכט איבערן מאַן און נישט פאַרקערט —

— און דו, ווער ביסט?

— איך?

— יאָ, דו?

איך — דער קוטשער!

— דער קוטשער?

— יאָ, כ'פיר דעם וואָגן אויפן צייט-וועג. ווילסט דאָך פאָרן... פאָר-ווערטס?! צו דער צוקונפט?

— יאָ, צום קליינעם ייִנגל מיטן רויזן־שטעקל. טרייב אָן! און מיר פליען...

— — — — — — — — — — — — —

— און וואָס פאר א צייט זענען מיר איצט? ווי הייסט זי?

— זי האָט נאָך קיין נאָמען נישט; זי איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן...

— שנעל, ווייטער!

און מענטשן לויפן הין און צוריק ארום, ווי פארסמטע מייז און שרייען:

— וואָס טוט מען? נישטאָ גאָר קיין הונגעריקע, זיי צו געבן ברויט, קיין דורשטיקע צו דערקוויקן מיט א טרונק, קיין נאקעטע צו באַקליידן, קיין קראנקע צו היילן? נישטאָ גאָר קיין אומגליקלעכע, קיין דערשלאָגענע, פעלקער אָדער איינצעלנע מענטשן, רחמנות צו האָבן?

די קי געבן מילך און קיין קעלבער צו זויגן זענען נישטאָ...

אלעס לעבט און שטארבט — נאַטירלעך, צו דער צייט!

אלעס לעבט און נעמט דאָס לעבן פון זעקעלע. שטארבן שטארבט מען בלויז פון אלטקייט...

אַלץ לעבט אין א פולשטענדיקער הארמאָניע מיט דער נאַטור און שטארבט אין א פולשטענדיקער הארמאָניע מיט דער נאטור.

נישטאָ קיין קראנקייט, נאָר עלטער...

מיט דער צייט שרימפּען זיך די גלידער איין ביז צום פארשווינדן און אלע אין איין צייט, אין איין מאָס — לויט מ ע ט ש נ י ק אָ ו ס מעטאָדע.

קיין איין גליד שטארבט פאר זיינע חברים נישט אָפּ און טייט זיי נישט מיט זיך פאר זייער צייט. און אָןליידן, אָן שמערצן גייט מען פון דער וועלט.

זיי לעבן אין הארמאָניע און שטארבן אין הארמאָניע, אָן ווייטיק, אָן לייד. און די נשמה און דער גוף גייען אוים איינינעם. נישטאָ קיין לע־בעדיקע נשמה אין א טויטן גוף, און נישט פארקערט. נישטאָ קיין ווילן, גרעסער אלס די מעגלעכקייט, און קיין מעגלעכקייט אָן ווילן... נישטאָ קיין פארלאנג, וואָס קען נישט דערפילט ווערן, און נישטאָ קיין איינגעהאלטענע, אנגעזאמלטע ענערגיע, וואָס גיסט זיך אין ווייטיק איבער!

און מיט דער צייט איז אויך דער פלירט פאַרגעסן געוואָרן; נישטאָ קיין ווילן אָן מעגלעכקייט...

און קיין דיסקוסיעס אויך נישטאָ! די טעמעס זענען פאַרשוווּנדן. די מיינונגען זענען אָן אינטערעס און די שטימען אָן פאַרב. קיין צאָרן, קיין באַרעדן; קיין שפּאַס, קיין וויץ! איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל, „שלום עליכם" איז דורכגעפאָרן, מען האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ מאָל־צייט — ער האָט געלעזן און אַלע — גענעצט...

מיט דער צייט איז דאָס גענעצן געוואָרן אַן אָנשטעקנדיקע קרענק, אַן אַלגעמיינע וועלט־קראַנקייט...

— און ווו איז דאָס יינגל מיטן רויזן־שטעקל?

— צו וואָס טויג ער אונדז, צו וועלכע שוואַרצע יאָר? די וועלף, די שלאַנגען און די איבעריקע ווילדע חיות זענען דערהרגעט געוואָרן דורך עלעקטריציטעט... אפילו די פרומע פרעש, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלן זיי האָבן!

— די ערד אפילו האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געציטערט — האָט זיך איינער פון די אַלטע לייט געוואָלט באַקלאָגן, און האָט אַ גענעץ געטון.

און איך ווענד זיך צום קוטשער און רוף אויס מיט שרעק: טרייב אָן, ווייטער! — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— וואָס, אַ „יריד"?

— גאָט באַהיט! מען קויפט נישט און מען פאַרקויפט נישט!

— וואָס דען? קאָראָנאַציע?

— אויך דאָס האָט מען שוין פאַרגעסן! לאָמיר אַראָפּגיין זען — די גאַס ווימלט פון מענטשן.

און מען פאַרציילט אַ געשיכטע:

אַמאָל, אַז מען האָט אַרויסגעטריבן די יעזואיטן פון פראַנקרייך, האָט איינער פון די הייליקע, פאַר צאָרן און לייד, זיך אָנגעטרונקען מיט שאַרטרעז. אַ שיכורער איז ער אַנידערגעפאַלן ביים פאַס אין קעלער אין אַ לעטאַרגישן שלאָף ביז אויף היינטיקן טאָג. אָן יעזואיטן איז פראַנקרייך געפאַלן און געפאַלן, ווי שפּאַניען, נאָכדעם אַז מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן. דאָס לאַנד האָט זיך געבאָדן אין שמוץ; פראַנקרייך האָט אַ ציטער געטון. אַ קראַמף האָט די ערד געכאַפּט און — אַ באַרג אַש, צי אַ סטעפּ. איצט האָט איינער פון די, וואָס גענעצן, זיך געוואָלט אויסגראָבן אַ קבר,

און לעבעדיקערהייט באַגראָבן, און גראָבנדיק, געפונען דעם יעזואיט! האָט ער אים אריינגעבראכט אין שטאָט. מיט געווירצן האָט מען אים אויפגעמונטערט...

און ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אים דער גאַנצער עולם ארומגערינגלט און געפרעגט: צי דעמאָלט, אין דער יעזואיטן־צייט האָט מען אויך געגענעצט?

— יאָ, — ענטפערט ער — עס האָבן געגענעצט לאָרדן אין ענגלאַנד, מיליאָנערן אין אַמעריקע און דעסטגלייכן!

— און די איבעריקע? דער עולם?

— ניין, דאכט זיך: ניין!

— וואָס האָט מען געטון?

— איידער מען האָט פארבאָטן די יעזואיטן, האָט מען אין אלע לענדער געדאווענט, גאָט געלויבט, געבעטן...

— א געשעפט! לײדיקגייער געווען? וואָס?

—מען האָט זיך געפרייט מיט דעם אויפגאַנג פון דער זון אינדערפרי, און מיטן אונטערגאַנג ביינאַכט, צום ביישפּיל: די פּאָעטן!

— מיר האָבן קיין מאָרגן און קיין אָוונט. די עלעקטרישע זון ביינאַכט, לייכט נאָך בעסער ווי די בייטאָג!

— עס זענען אויך געווען קאָנצערטן פאר ווילטעטיקע צוועקן.

— מיר האָבן קיין „צדקה" נישט; נישטאָ קיין אָרעמע לייט!

— קאַטערינקעס האָבן אין די גאַסן געשפּילט...

— מיר האָבן „קנעפּלעך" — א דריק און עס הערט זיך א געזאַנג. נאָר ווייל אלע קאָנען דריקן און הערן — —

— אהאָ! — דערמאָנט זיך דער יעזואיט — ס'זענען געווען אָרעמע, וואָס פלעגן צוליב פארגעניגן, אזוי אמאָל, אין א קאַלטער ווינטער־נאַכט ארויסשטעקן א פוס פון אונטער דער קאָלדרע און אריינכאַפּן צוריק!

— נישטאָ ביי אונדז קיין קעלט און קיין ווינטער! איין מיטלמעסיקער קלימאַט אויף דער גאַנצער ערד!

— נאָך עפּעס געדענק איך, — זאָגט דער פארמאַטערטער יעזואיט.

— כ'וועל אייך זאָגן, נאָר — אביסל ווייַן...

— אביסל ווייַן־שטויב צום שמעקן, גוט!

— זעלנער פֿלעגן דורכגיין אין די גאסן, פאר זיי א קאפּעליע מיט מוזיק, און דער עולם פֿלעגט זיי נאָכלויפֿן מיט פֿרייד.

— וואָס טייטש „זעלנער"?

— אָנגעטון אין אוניפֿאָרם, באוואָפֿנט!

— וואָס הייסט אוניפֿאָרם? און וואָס איז אזוינס באוואָפֿנט?

— גיט מיר נאָר א שמעק ווייַן, ווייל מיין געדעכעניש ווערט שוואך.

מען האָט אים געגעבן צו שמעקן, און ער האָט זיך אלץ דערמאָנט און דערקלערט. — גוט, זאָגט דער עולם, און גלייך זענען באַשאַפֿן געוואָרן זעלנער מיט אוניפֿאָרמען און געווער.

און די „זעלנער" מאַרשירן איבער די גאסן און גענעצן, און דער „עולם" גענעצט מיט...

— זאָגסט ליגן, יעזואיט!

— ניין, כ'זאָג גאָר קיין ליגן נישט... אָבער דאָס זענען נישט קיין זעלנער.

— זיי גייען דאָך אין אוניפֿאָרם?

— ריכטיק.

— זענען דאָך באוואָפֿנט?

— יאָ, אָבער — —

— וואָס „אָבער"?

— זיי האָבן נאָך קיין בלוט נישט פֿאַרגאָסן, און זיי האָבן קיין צייכן פֿון קיין זעלנער אויף די פּנימער.

— פֿאַרגיסט בלוט! — האָט דאָס פֿאָלק פּלוצלינג אָנגעהויבן לאַר־מען — שטעכט, שיסט, טייט!

— וועמען? — פֿרעגט דער גענעראל.

— אונדז, אונדז אַלעמען, שיסט, אַבי נישט גענעצן, שיסט! — דונערט די שטימע פֿון פֿאָלק; און דאָס פֿאָלק איז די לעצטע אינסטאַנץ!

— שיסט! — קאָמאַנדירט דער גענעראל...

איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט.

ע נ ד ע